STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02019

DEM YEYTSER HORE'S SHUHLE (SKUL)

Gershon Meir Bojarski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעם
יצר הרע'ס שוהלע (סקול)

אין זיעבען קלאסען.

עס ערקלערט דעם יצר הרע'ס היטרען וועג: אראפ צו פיהרען די אמערי־קאנער אידען פון זייער עלטערענס אידישקייט בישלעכווייס און לאנגזאם; און דער לעזער וועט זעהן ווי אין א פאנאראמא דעם האראקטער פון זיין שוהלע, וואס איז איינגעארדענט צו דיעזען צוועק, אין וועלכע ער לערנט זיינע שילער מיט איין פעדאגאגישען סיסטעם און אין איין לאגישע ארדנונג, וועלכע פיהרען לאנגזאם פון גרינגער צו שווערער, מיט טאלאנט און פעהיגקייט.

זי האט איהם פערנארט מיט איהר לעהרע,
מיט איהר שעהנע שפראך האט זי איהם פערפיהרט.
(משלי ז)

איין אויסצוג פון דעם וועלט בעריהמטען ספר „רגש אמרינו" (אומ־געבעסערט און פערמעהרט).

פערפאסט פון הרב הגאון וכו' כש"ת מו"ה גרשון מאיר באיארסקי
רב אין וואשילקאווא (גראדנער גוב.).

פיעטרקוב
בדפוס מרדכי צעדערבוים נ"י.
שנת תרע"א לפ"ק

ДЕМЪ ЯЙЦЕРЪ-ГОРОСЪ ШУЛЕ

Нравоученіе.

Соч. Раввина Г. М. Боярскаго въ Василькове Гродн. губ.

Типографія М. Цедербаума въ Петроковѣ 1911.

הקדמה (פאררעדע).

צוועלף יאהר צוריק ווען איך בין געוועזען צוליעב דעם פערקויף פון מיין ספר יגיעת אמרינו אין ענגלאנד, איז מיר אויס געקומען כמעט אלע ווייל צו הערען ערנסטע פארווירפע פון אונזערע איינפאכע ברידער, איך מיין די יעניגע פשוטע ניט חיטרע און עכטע ארענטליכע אידען, דערפאר וואס איך האב ניט פערפאסט מיין ספר אין זשארגאן, אום ער זאל זיין פאר זיי אויך פערשטענדליך, און אויך שטארקע און דרינגענדע ביטעם, אז איך זאל איהם יעצט איבער זעצען אין דיעזע שפראך.

נאטירליך האבען דיעזע מענשען ניט געקענט וויסען, דאס צוליעב דעם וואס זיין אינהאלט בעשטעהט פון א גאנץ הויכען סארט דרוש, וועלכער איז חאראקטעריסטיש חקירה'דיג און אייגענארטיג צוזאמענגעזעצט און פערוויקעלט, און אויך צוליעב זיין טיעפקייט און שארפזיניגקייט, האט דער גרעסטער טהייל זיינער ניט געקענט געשריבען ווערען איבער זעצט ווערען אין זשארגאן, אזוי ווי ער קען אויך צוליעב דעם ניט זיין פאר זיי פערשטענדליך.

אבער זייערע רייד האבען ניט געקענט ניט ערוועקען אין מיר דעם געדאנקען, דאס מען האט געברויכט אויסוועהלען די מעהר איינפאכע און פאפולערע שטעלען פון דעם ספר, און איבער זעצען זיי; און וואס מעהר איך האב וועגען דעם געטראכט, בין איך אלץ מעהר איבערצייגט געווארען אין די נויטווענדיגקייט דער פון, ווארום עס איז ווירקליך א גרויסער שאדען, דאס די רייד וועלכע זענען זעהר נוציג פאר'ן גאנצען נאציאן זאלען בלייבען אונפערשטענדליך פאר פיעל מעהר ווי ניין צעהנטהייל פון איהם, און פילייכט גראדע פאר די וואס נויטיגען זיך אין זיי אממעהרסטען.

און דעריבער זעהען מיר, דאס די בעסטע מוסר ספרים וואס מיר פערמעגען פון דער בעסערער צייט, נעמליך פון דער לעצטער צייט פון די גאונים און פון די ערשטע ספרדישע עפאכע, צום ביישפיעל: האמונות והדעות, חובת הלבבות, כוזרי, מורה נבוכים, און נאך פיעל אנדערע, זענען איבער זעצונגען פון דער אראבישער שפראך, אין וועלכע זייערע מחברים (פערפאסער) האבען זיי געשריבען, אום די מאסען פון נאציאן (וועלכע האבען דאן גערעדט אראביש) זאלען זיי קענען פאר שטעהן.

די אורזאכען דער פון, וואס מיר זעהען ניט דאס זעלבע פון די מחברים אין די לעצטע צייטען, זענען זעהר פיעל, איינע (פילייכט די וויכטיגסטע) פון זיי איז: דאס עס גיט לײדער ביי אונז א גרויסער צאהל מענשען, ביי וועלכע די צינגער זענען גרעסער פון די קעפ, ד. ה. וועמענס לומדות, קענטניסע און פערשטאנד זענען זעהר שוואך, נאר אזוי ווי פונדעסטוועגען (אדער ריכטיגער: צוליעב דעם) ווילען זיי דאס מען זאל זיי האלטען פאר גרויסע לומדים און קעפ מענשען, בענוצען זיי זיך צו דיעזען צוועק מיט די הילפע פון זייערע גרויסע מיילער, וועמענס אויפגאבע בעשטעהט אין ערנידריגען די ווירדע פון אלע וויכטיגע מענשען אין דער וועלט בכלל (אין אלגעמיין), אום זיי זאלען דורך דעם דערהויבען ווערען; און איבערהויפט ווערט גרוים זייער טהעטיגקייט ווען עס פאר בלאנזשעט צו זיי אין שטאדט א רב אדער אזוי א למדן, דען זיי זוכען אוים פון אונטער דער ערד וועלכען עס איז אויסרייד צו פערקלענערען זיינע לומדות, אום מען זאל מיינען אז זיי זענען מבינים און ממילא לומדים אויך, און פון גרוים

הקדמה

שמחה פוילען זיי זיך ניט אמאל צו בעפעלען איהם און בעשמוצען זיין נאמען אויך, אלס א צונאבע דערצו; און אממעהרסטען גיסען זיי אוים זייער גרימצארען אויף מחברים, און זוכען אוים אויף זיי כל הבלבולים אין דער וועלט, און ווער רעדט נאך אז זיי חאפען א מחבר מיט א זשארגאנישען ספר, מאכען זיי פון איהם א בארג אש, און רופען איהם מעשה שרייבער טייטש חומש א. ד. ג. היינט שטעלט אייך פאר: ווי אונאנגענעהם עס איז פאר איין אנשטענדיגען מחבר: א רב אדער אזוי א למדן, אריינצופאלען צו די חברה אין די מיילער, און וואס איז דער וואונדער, אז עס נעהמט קיינעם קיין חשק ניט צו פעראורזאכען זיך אליין אונפערדיענטע בעליידיגונג און ברענגען שאדען זיין אייגענעם נאמען, בלויז נאר צוליעב א טובת הכלל?

זעלבסט פערשטענדליך, דאס די זעלבע אורזאכע האט אויף מיר אויך געווירקט, אפצוהאלטען מיר פון איבער צוזעצען א טהייל פון ספר אין זשארגאן, נאר פונדעסטוועגען האט עס ניט געקענט מאכען מיר פערגעסען אין גאנצען אן מיין מאראלישען פפליכט צו מיינע איינפאכע ברידער, און אפטער איז מיר פארגעקומען צו דער מאהנען זיך אן זייער ביטע, און מיר האט זיך אויך פארגעשטעלט דער טיעפער ערנסט וועלכער איז געווען אויף זייערע געזיכטער ווען זיי האבען מיר געבעטען, ביז וואנען עס האבען זיך געשטארקט מיינע בעסערע געפיהלען, און איך האב זיך גענומען צום איבערזעצען צוויי דרושים פון מיין ספר, וועלכע זענען אממעהרסטען פעהיג צו ווערען איבערזעצט, און דאס גלייכען צו ווערען פערשטאנען פון יעדען איינפאכען פערשטאנדיגען מענשען, מיט דעם גרעסטען חשק און הייליגסטען וואונש, צו מאכען די איבערזעצונג אמבעסטען, אמשעהנסטען און אמרייכסטען ווי וויט נאר מעגליך, ווי אין אינהאלט וועלכען איך האב אויסגעבעסערט און פערמעהרט, און צוגעגעבען פיעל גרויסע און וויכטיגע אנמערקונגען, אזוי אויך אין פארם.

די וואונדערבארע שענהייט פון דעם העברעאישען סטיל פון דעם אריגינאל, און זיין טייערקייט אין מיינע אויגען אין אלגעמיין אן איין האנד, און די ארעמקייט, רויהייט און אונענטוויקלונג פון דעם זשארגאנישען סטיל אן דער צווייטער האנד, האבען מיך, וועלענדיג און אויך ניט וועלענדיג, מיט געבראכט צו האלטען זיך פעסט אן דעם גייסט פונ'ם העברעאישען סטיל, און בענוצען זעהר ווייניג פרייהייט אין דער איבערזעצונג, און צוליעב דעם מוזען זיך אין איהם געפינען איניגע בארבאריזמען, נאר איך האף דאס זיי זענען ווייניג און אונבעדייטענד. אבער דערפאר האט די איבערזעצונג זעהר פיעל געוואונען דורכדעם אין רייכקייט און שענהייט פון סטיל, אויסדריק, וויץ, און שפראך ווענדונג.

נעהמענדיג דערצו אין בעטראכטונג די ארעמקייט פון דעם זשארגאן אין ווערטער, און איבערהויפט אין הויכזיניגע, וועט מען קענען אפ שאצען וויפיעל מיהע עס האט מיר געקאסט די איבערזעצונג, ווען זאגאר א געוועהנליכע איבערזעצונג אין דער ברייטעם-טער שפראך איז אויך פיעלפאך שווערער ווי איין אריגינעלע פערפאסונג, נאר דערפאר האף איך, דאס די פראכטפולע אויסארבייטונג פון דער איבערזעצונג, צוזאמען מיט די זינרייכקייט פון דעם אינהאלט, וועלען עס מאכען אנציהענד און בעליעבט ביי די לעזער, דאס זיי וועלען עס לעזען און לערנען מיט גרויס חשק און אפלערנען דערפון פיעל גוטעס, און דאס וועט זיין מיין בעצאהלונג.

דער פערפאסער און איבערזעצער.

(סוכה נב ע״א) דרש רב עוירא ואיתימא רבי יהושע בן לוי; רב עוירא, און אידערע זאָגען אַז רבי יהושע בן לוי, האָט גע'דרשנ'ט: שבעה שמות יש לו ליצר הרע, זיבען נעמען האָט דער יצר הרע [לויט די מקובלים זאָגען, איז דאָס אַ גייסטליכע בעשעפעניס אַריין געגעבען אין מענשענ'ס האַרץ, וועלכע רעדט איהם אָן צו טהאָן שלעכטעס; לויט די חוקרים זאָגען, איז דאָס די מענשליכע נאַטור זעלבסט, וועלכע איז עגאָאיסטיש און גענייגט צו פערשידענע תאוות], הקדוש ברוך הוא קראו רע דער עוויגער האָט איהם גערופען שלעכטער, שנאמר (בראשית ח) כי יצר לב האדם רע מנעוריו, ווי עס איז געזאָגט געוואָרען: וואָרום דער ווילען פון מענשענס האַרץ איז שלעכט פון זיין יוגענד אָן; משה קראו ערל, משה האָט איהם גערופען פערוואַקסענער (די האַרץ), שנאמר (דברים י) ומלתם את ערלת לבבכם, ווי עס איז געזאָגט געוואָרען: און איהר זאָלט אָפּשניידען די פערוואַקסונג פון אייערע הערצער; דוד קראו טמא, דוד האָט איהם גערופען אומריינער (גייסטליך), שנאמר (תהלים נא) לב טהור ברא לי אלהים, מכלל דאיכא טמא, ווי עס איז געזאָגט געוואָרען: אַ ריינע האַרץ בעשאַף מיר עוויגער, איז זעלבסט פערשטענדליך אַז עס איז פאַרהאַן איין אומריינע; שלמה קראו שונא, שלמה האָט איהם גערופען פיינד, שנאמר (משלי כה) אם רעב שונאך האכילהו לחם וגו׳, ווי עס איז געזאָגט געוואָרען: ווען דיין פיינד איז הונגעריג גיעב איהם ברויט צום עסען; ישעיהו קראו מכשול, ישעיהו האָט איהם גערופען שטרויכלונג, שנאמר (ישעיה נז) סולו סולו פנו דרך, הרימו מכשול מדרך עמי, ווי עס איז געזאָגט געוואָרען: מאַכט די וועג און ריינינגט איהר, נעמט אַוועק יעדע שטרויכלונג פון מיין פאָלקס וועג; יחזקאל קראו אבן, יחזקאל האָט איהם גערופען שטיין, שנאמר (יחזקאל לו) והסרותי את לב האבן מבשרכם וגו׳, ווי עס איז געזאָגט געוואָרען: איך וועל אַרויס נעהמען פון אייער קערפער די שטיינערנע האַרץ; יואל קראו צפוני, יואל האָט איהם גערופען בעהאַלטענער, שנאמר (יואל ב) ואת הצפוני ארחיק מעליכם, ווי עס איז געזאָגט געוואָרען: דעם בעהאַלטענעם וועל איך ערווייטערען פון אייך; תנו רבנן, די רבנן האָבען געלערנט, ואת הצפוני ארחיק מעליכם, זה יצר הרע שצפון ועומד בלבו של אדם, דאָס וואָס דער פסוק זאָגט: דעם בעהאַלטענעם וועל איך ערווייטערען פון אייך, מיינט ער דעם יצר הרע, וועלכער איז בעהאַלטען און געפינט זיך אין מענשענס האַרץ.

דאָ זענען פאַרהאַן אייניגע פראַגען (קושיות). די ערשטע איז: צו וואָס דאַרף דער יצר הרע זיבען נעמען ווען איין נאָמען איז אויך גענוג פאַר איהם? וואָרום ווער עס הערט נאָר זיין נאָמען דערקענט גלייך אין איהם זיין ליעבלינג, און וועלכען ער פאַרגעסט ניט איין מינוט, און זאָגאַר אין שלאָף טרוימט ער פון זיהם; און מען קען אויך ניט זאָגען, דאָס מען האָט איהם צו געגעבען נעמען אין זיינע קראַנקהייטען, וואָרום ער איז דאָך געוויס קיינמאָל ניט געוועזען קראַנק, והראיה אַז ער איז קיינמאָל ניט געוועזען שוואַך אין זיין טהעטיגקייט, און האָט איהר פאַר איין מינוט ניט אָפּגעהאַקט; די צווייטע פראַגע איז: דאָס אַזוי ווי אין תנ״ך זענען פאַרהאַן נאָך פערשידענע נעמען, וועלכע האָבען זיך געקענט פאַסען דעם יצה״ר, אַזוי ווי: אויב (פיינד) צר (בעדריקער) נבל (אויסוואורף) תועבה (פעראַכטונג) חרם (פערוויסטונג) און דאָס גלייכען, און איבערהויפּט דער נאָמען כסיל (נאַר), וואָס דער מדרש זאָגט אַז קהלת האָט מיט „מלך זקן וכסיל" געמיינט טאַקי דעם יצה״ר, און וואָרום האָט דער דרשן אויסגעוועהלט נאָר די זיבען; און בכלל ערוועקט זיך די פראַגע: וועלכע נוטצען קען

אונז ברייננגען, דאס וואס מיר וועלען וויסען אז דער יצה"ר ווערט גערופען מיט זיעבען נעמען, דאס דער דרשן האט דאס אונז געדארפט לאזען וויסען?

די ערקלערונג (תירוץ) דערפון לויט מיין מיינונג איז, דאס דער יצר הרע ווערט גערופען מיט פערשידענע נעמען לויט די פערשידענע חאראקטערען פון זיינע פעולות (טהאטען), וועלכע בעשטעהען אין ווירקונגען אויף דעם מענשען, גלייך ווי אלע נעמען פון אונקערפערליכע וועזענס (מלאכים נשמות שדים רוחות) צייגען אויף דעם חאראקטער פון זייערע פעולות; און צוליעב דעם וואס דער שטייגער פון זיין איינרעדען דעם מענשען צו זינדיגען, איז צו פיהרען איהם פון קלאסע צו קלאסע, אלעס נידעריגער און נידעריגער, און צו לערנען איהם אין יעדער קלאסע זינדיגען אויף איין בעזאנדערער ארט און וויזע, ווערט ער דערפאר גערופען מיט זיעבען פערשידענע נעמען, לויט וויפיעל קלאסען זיין שוהלע צעהלט, יעדער נאמען איז צוגעפאסט צו דעם צוועק פון איין קלאסע, און צו איהר לעהרע סיסטעם; און פיליייכט איז דיר קשה'דיג, ווארום איז ניט גענוג פאר איהם איין קלאסע, און ער ברויכט גאנצע זיעבען? הער אויס וואס איך וועל דיר זאגען:

אונזערע היילינע חכמים האבען אונז געלערנט פאלגענדען כלל אין דעם שטייגער פון דעם יצר הרע'ס איינריידען דעם מענשען צו זינדיגען, רבי שמעון בן אלעזר זאגט (שבת קה, ע"ב): ווער עס רייסט פון כעס זיינע קליידער איז גלייך ווי ער וואלט דיענען עבודה זרה, ווארום אזוי איז די פראפעסיאן פון יצה"ר, היינט זאגט ער צום מענשען: טהו דיעזעס, און מארגען זאגט ער צו איהם: טהו יענעס, אמענדע זאגט ער צו איהם: דיען עבודה זרה, און ער פאלגט איהם און דיענט; רבי אסי זאגט (סוכה נב ע"א): דער יצה"ר פערפלאנטערט דעם מענשען פון אנפאנג מיט פעדים פון שפינוועב, ענדליך פערפלאנטערט ער איהם מיט וואגען שטריק, ווי עס איז געזאגט געווארען (ישעיה ה): וועה געשריען אויף די וואס ציהען דעם זינד מיט שוואכע שטריקלאך, נאכהער ציהען זיי איהם מיט וואגען שטריק.

און אזוי זעהען מיר טאקי אויך אין דער פראקטיקע, ווארום ניט לויפענדיג פיהרט דער יצה"ר דעם מענשען אין די טיעפסטע אבטהיילונג פון גיהנם, ניט פאר איין מאל ווארפט ער איהם אראפ אין טיעפען אבגרונד, ניט איילענדיג פיהרט ער איהם אין פערפלאנטערטע וועגען, און ניט געהאפטערהייד פיהרט ער איהם אראפ פון זיין עלטערענס גלויבען, נאר ער פיהרט איהם אראפ פון קלאסע צו קלאסע, אלעס נידעריגער און נידעריגער; פארזיכטיג און גוט אויסגערעכענט פיהרט ער איהם טריט ביי טריט, רוהיג און געלאסען, ווי דעם אקס צו דער שחיטה, ער טרייבט איהם ניט דאס ער זאל דורך מאכען זיין שווערע רייזע אין פערלויף פון א טאג אדער צוויי ניט אברוהענדיג זיך, נאר פארקעהרט, ער לאזט איהם פיעלע מאל אפרוהען אין זיין מיעדע און אומגליקליכע וועג, וועלכע איז פול שטיינער און דערנער אויף יעדען שריט און טריט, ביז וואנען ער פיהרט איהם אריין אין דעם טייוועלס געזועלטיגונגס קרייז, דער פלאץ פון טויט און אומגליק, שרעק און פינסטערניש, ווילדהייט און וויסטעניש, פון וועלכען קיינער קעהרט זיך ניט אום צוריק, און וועלכענס זעהער זעהען שוין מעהר ניט ליכטיגקייט און לעבען.

ניט צוליעב פוילקייט נאכלעסיגקייט אדער חאראקטער שוואכהייט טהוט דער יצה"ר זיין ארבייט אזוי לאנגזאם, ווארום ער איז פון נאטור זעהר ענערגיש פלינק און טהעטיג; און מען קען אויך ניט זאגען, אז ער איז גענויטיגט צו פיהרען דעם

מענשען אין טיעפען אבגרונד בזלעכוויים, צו ליעב דעם וואס ער וועט ניט וועלען געהן מיט איהם פאר איינמאל, ווארום דער יצה"ר איז א זעהר שטארקע צוציהונגס קראפט פאר די אידען וועלכע קומען נאך אמעריקא *), וועמענס הערצער ער ציהט צו זיך שטארקער ווי מאגנעט ציהט צו זיך אייזען, דאס ממילא זיינען זיי צו געבונדען צו איהם אזוי ווי מיט אייזערנע קעטען, דאס אוואו ער געהט מוזען זיי נאכלויפען נאך איהם. נאר איהר זאלט ניט האבען קיין טעות צו מיינען אז דאס איז געגען זייער ווילען, נאר פארקעהרט, זיי טהוען דאס מיט זייער הייסעסטען וואונש און שטארקסטען פערלאנג, ווארום דאס זיינען ניט קיין צוואנג קעטען ווי די וואס מען פיהרט מיט זיי א בהמה אדער א חיה, נאר בינדען פון שטארקע ליעבע און קאכענדיגע תאוה (ליידענשאפט) ; מיט שטירמישע זעעלע געפיהלען און ליידענשאפט־ליכע קלאפענדע הערצער דערמאנען זיי זיך אן איהם יעדעם מינוט, גלייך ווי א מוטער אן איהר הייס געליעבטען, איינער פון צעהן איבערגעבליבענער בן יחיד, קיינמאל

---

*) אין דעם צייט פערלויף זינט איך האב געשריבען מיין ספר אין העברעאיש ביז היינט, איז די לאגע פון אידישקייט אין רוסלאנד אויך פערערגערט געווארען אויף אזוי פיעל, דאס די רייד פון דעם גאנצען דרוש זענען גרעסטענטהיילס צוגעפאסט פאר רוסלאנד אויך, נאר פונדעסט־וועגען איז נאך ב"ה אין דיזען הינזיכט זעהר וייט פון רוסלאנד צו אמעריקא, ווארום די ערשטע שטעהט נאך העכער פון דער צווייטע מיט מעהר ווי צוויי מאל אזוי פיעל.

ווען מען רעדט אבער מיט די אמעריקאנער אידען, זאגען זיי : דאס רוסלאנד שטעהט אין אידישקייט נאך נידעריגער ווי אמעריקא, צו ליעב דעם, וואס אין איהר עקזעסטירט צבועטסטווא אין א גרויסען פארמאט ווארום אין א קלענערען פארמאט פעהלט דער מין אין אמעריקא אויך ניט) ד. ה. דאס א גרויסער טהייל פון די מענשען וועלכע מאכען זיך פרום זענען אין הארצען גאר ניט פרום, און די אידישקייט איז ביי זיי מעהר ניט ווי א מאסקע, אום צו בענוצען זיך מיט איהר צו זייערע פערשידענע נידעריגע צוועקען.

אבער דער אמת איז, דאס אפילו ווי וויט דיעזער פאקט איז ריכטיג, און מיר וועלען נאך אפילו צו געבען דערצו אויך : דאס דער עיקר פערדארבענהייט פון אמעריקא שטאמט פון דער רוסישער צבועטסטווא, ד. ה. פון דעם וואס די אידען זענען שוין אין רוסלאנד זעהר ניט פרום פערשטעלטערהייד, און אין אמעריקא ווייזען זיי עס ארויס עפענטליך,–פונדעסטוועגען מוז יעדער בעל שכל מודה זיין, דאס ווי צבועטסטווא איז נידעריג, איז עס נאך אלץ ניט אזוי שלעכט ווי עפענטליכע הפקרות וצו לאזענהייט) ; געווים טהוט אונז וועה די הארץ צו זעהען ווי איינער איז פאלש אין רעליגיעזען הינזיכט : דאס ער מאכט זיך פרום וואס ער איז עס ניט מיט אנ'אמת, איז ער אבער שוין אזעלכער, ווילען מיר דאס ער זאל שוין אזוי בלייבען, האלטענדיג זיך אן דעם רעליגיאן אמוועניגסטען שיינבארליך (למראית עין), און ניט ענטזאגען זיך פון איהם אין גאנצען.

איך וועל אייך געבען דערצו א ביישפיעל : איך האב אמאל געזעהן ווי א בגד וואס מען האט איהם אויסגעוואשען איז געווארען צופאלען שטיקער ווייס, האב איך געפרעגט אויף די אורזאכע דערפון, האט מען מיר געענטפערט, אז דאס איז צוליעב דעם, וואס ער האט געהערט צו א פארבער, איז ער געווען דורך אויס איינגעפלעקט אין פארב, האט עס איהם איבערגעגעסען. טא ווארום איז ער ניט געווארען צו פאלען פאר'ן וואשען ? האב איך ווייטער געפרעגט, האט מען מיר געענטפערט, דאס פריהער האט איהם די פארב אליין אויפגעהאלטען, טראץ דעם וואס אין גרונד האט עס איהם אויפגעגעסען, דעריבער איז ער צופאלען נאכהער ווי מען האט איהם אויסגעוואשען.

פארנעסען זיי אן איהם ניט, און אין זייער געדאנקען שטעלט זיך זיי פאר, אז זיי קענען אהן איהם א ווייל ניט לעבען.

בלייבט דאך די פראגע, ווארום פיהרט זיך דער יצה"ר אויף אזוי זאנדערבאר? ווארום פיהרט ער דעם מענשען צו זיין ציעל אזוי לאנגזאם ווי א פוילער? פיליייכט איז עס צוליעב דעם וואס ער איז נאריש און דום? ווען איהר מיר ליעבע ברידער ענטפערען, זאג איך אייך: ניין! ווארום ער איז איין אויסנאהם פון איין חכם צו טהון שלעכטעס, און ער האט אויף דעם פיעלע גוטע איינפעלע און גנבישע חיטרע מיטלען; און זיין נאמען כסיל (נאר) [זועה אויבען] צייגט ניט אויף זיין אייגענע נארישקייט, נאר אויף זיינע פעולות, אזוי ווי מיר האבען ערקלערט, דאס אלע אונקערפערליכע וועזענס ווערט געגעבען נעמען לויט זייערע פעולות, און אזוי ווי דער צוועק פון יצר הרע'ס פעולות, וועלכע בעשטעהען אין זיינע ווירקונגען אויף דעם מענשען, איז צו מאכען זיינע נאכפאלגער און אנהענגער פאר נארען, דארום ווערט ער גערופען נאר, אבער באמת פארערט עס פון איהם ער זאל בעזיצען חכמה חיטראסט און פערשיעדענע קלוגע און איינפאליגע מיטלען, וועלכע ער בעזיצט ווירקליך אין גרויסע מאסען, ווארום ער איז טאקי באמת איין גרויסער חכם, און פון זיין חכמה שטאמט די סיסטעם פון זיין פיהרונג וועגען וועלכע מיר רעדען יעצט, און ניט אומזיסט רופט דאס רבי שמעון בן אלעזר פראפעסיאן, ווארום דאס איז ווירקליך איין העכסט קינסטליכע, לאנג אויס־געפרובירטע און גוט איינגעאיבטע פראפעסיאן, ווי מיר וועלען ערקלערען.

פון איילעניש קומט קיין גוטעס ניט ארויס, זאגט איין אלגעמיינער שפריכווארט, און די חכמי המוסר (זיטען לעהרער) זאגען אויך, אז אין וואס עס אנבעטרעפט די ערווערבונג פון די מדות טובות (גוטע זיטען), דארף דער מענש זיך איין געוואהנען אין זיי ביסלעכוויים, אום זיי זאלען ביי איהם פעראייגענט און איינגעהאלטען ווערען, ווארום דורך דעם וואס ער וועט זיך איינגעוואהנען אין זיי לויט איין רעגולערע ארדנונג, שטייגענדיג פאמעליך פון מדרגה (שטופע) צו מדרגה אין פערלויף פון איין לענגערע צייט, וועלען זיי ווערען ביי איהם איין צווייטע נאטור; אבער ווען דער מענש וועט וועלען ארויף שטייגען גיך און האסטיג אויף דער שפיצע פון זיטען פאלקאמענהייט, דורך א גרויסע אנשטרענגונג איבער זיין נאטור, קען ער זעהר לייכט ארונטער פאלען צוריק צו זיין פריהערדיגע מדרגה, און אויך צו א ניעדעריגערע פון איהר, אזוי ווי עס איז די נאטור פון דעם וואס ער פאלט ארונטער פון א הויכען פלאץ.

די ערקלערונג דערפון איז, מחמת דעם מענשענס נאטור בכלל ליידעט ניט קיין פלעצליכען און האסטיגען דרוק, דאס הייסט א שטארקע אנשטרענגונג איבער איהר פאר איין מאל, און דארום שטרענגט זי אן פארקעהרט איהרע קרעפטען, אראפ צוווארפען דעם מענשען צוריק מיט א האסטיגען און שטארקען שטויס פון איהר זייט, אזוי ווי מען זעהט ביי אלע נאטור קרעפטען, צום ביישפיעל: פייער וואסער און דאמפף וועלכע מען וויל איינהאלטען פאר א מאל דורך א שטארקען דרוק.

דיעזע רייד קענען אויך אבגעלערנט ווערען פון דאס וואס רבי פנחס בן יאיר זאגט (ע"ז כ ע"ב): תורה ברענגט צו אבהיטונג, און אבהיטונג ברענגט צו זיטליכע ריינקייט, און אזוי רעכענט ער אויס צעהן מדרגות ביז מען קען קומען צו רוח הקודש, זעהען מיר דערפון אז דער מענש דארף שטייגען כסדר, פון אנפאנג אויף דער ערשטער מדרגה, און פון איהר צו דער צווייטער, און אזוי אויך ווייטער, און ניט צו שפרינגען פון אנפאנג אדער פון דער ערשטער מדרגה גלייך צו דער צעהנטער.

דער זעלבער כלל געהט אויך אָן ביי מדות רעות (שלעכטע זיטען), דאָס ווען דער מענש געוואָהנט זיך איין אין זיי ביסלעכווייס ווערען זיי ביי איהם אַ צווייטע נאַטור, און ער וועט שוין פאַר קיין פאַל בעסער ניט ווערען; אָבער ווען דער מענש זאָל פלוצלונג אַרונטער פאַלען אין טיעפען אָבגרונד — וועלכע זאַך עס איז זאָגאַר דעם יצה"ר זעהר לייכט אויסצופיהרען — קען אָבער זעהר לייכט טרעפען דאָס ער זאָל נאָכדעם חרטה האָבען, און זאָגען: וועה געשריען וואָס פון מיר איז געוואָרען! און ווי אַזוי איז דאָס מיט מיר פאָרגעקומען, דאָס פון איין ערהרליכען אידען — וועלכער איך בין נאָך נעכטען געוועזען — בין איך פלוצלונג אַרונטער געפאַלען אין טיעפסטען אָבגרונד? און בעקלערענדיג זיך אַזוי קען זעהר לייכט טרעפען אַז ער זאָל תשובה טהון, און ווערען צוריק איין ערהרליכער איד ווי פריהער; דאַרום קליגט זיך דער יצה"ר צו פיהרען איהם מיט אַ פיעל ווייטערע אָבער זיכערע וועג, דאָס איז פאַמעליך פון מדרגה צו מדרגה, דאַן איז ער זיכער דאָס דער קרבן אין וועלכען ער האָט נאָר אַריין געלאָזען די נעגעל וועט שוין פון איהם ניט ענטלויפען.

און צו דיזען צוועק האָט ער איינגעאָרדענט פאַר דעם מענשען אַ שוהלע אין זיעבען קלאַסען, אַזוי ווי עס איז מעהרסטענטהיילס איינגעפיהרט אין די מאָדערנע שוהלען, און די לערנונגס אַרט אין איהר האָט ער איינגעאָרדענט נאָך די נייעסטע סיסטעם פון די פעדאַגאָגישע אויטאָריטעטען, וועלכע בעשטעהט אין דעם: צו פיהרען דעם שילער לאַנגזאַם פון גרינגער צו שווערער, און אין אָנפאַנג זאָל מען איהם איינאיבען נאָר אין לייכטע פראַקטישע לערנונג וועלכע זענען לויט זיין געשמאַק, און קוים נאָך דעם פערלויף פון אַ היבשע צייט קען מען אָנפאַנגען בעלעסטיגען זיין מוח מיט טרוקענע טהעאָריען, וועלכע ער וועט אַם אָנפאַנג פאַר קיין פאַל ניט צוהערען מיט חשק, און ממילא ניט פאַרשטעהן אויך; און אין דיזע שוהלע מאַכט ער זיין שילער פאָלקאָמען אין די לעהרע פון אַלע זיעבען קלאַסען כסדר, היינו ווען ער ווערט פאָלקאָמען אין די לעהרע פון די ערשטע קלאַסע פיהרט ער איהם אין די צווייטע, און אַזוי ווייטער, ביז וואַנען ער ענדיגט דעם פולען קורס פון אַלע זיעבען קלאַסען, און דאַן ברויכט ער שוין מעהר ניט אַכטונג געבען אויף איהם, וואָרום ער וועט שוין אויף קיין פאַל ניט פערגעסען און ניט פערנאַכלעסיגען זיין לעהרע, און ער וועט נאָך זאָגאַר אַליין אויך ווערען אַ לעהרער, איבער צו געבען זיין לעהרערס לעהרע צו אַנדערע; און אַזוי ווי זיין לעהרער האָט מיט איהם געלערנט אָהן געצאָלט (וואָרום ער איז דאָך אַ מלאך וועלכער ברויכט ניט קיין געלד), וועט ער מיט זיינע שילער אויך לערנען אָהן געצאָלט, וואָרום ער איז שוין אויך געוואָרען אַ מלאך, נעמליך אַ מלאך חבלה (פערדאַרבונגס ענגעל), צו פערדאַרבען די געטליכע תורה (לעהרע) און רעליגיאָן.

יעצט ליעבע לעזער. קומט מיט מיר, און איך וועל אייך אַריין פיהרען אין דעם הויז פון אונזער אַלטען בעקאַנטען, יעדען בעליעבטען און טייערען יצה"ר, וועלכער וועט אונז עמפפאַנגען פריינדליך ווי זיין שטייגער איז, און איך וועל אייך ווייזען אַלע זיעבען קלאַסען פון זיין שוהלע, און איהר וועט קענען גענוי בעטראַכטען יעדע קלאַסע בעזונדער, מיט איהר אָרדנונג און לערנונגס סיסטעם.

די ערשטע קלאַסע.

זי איז די לייכטעסטע און איינפאַכסטע פון זיי אַלע, אין איהר בעלעסטיגט מען

ניט דעם מענשען מיט שכל'דיגע לימודים, זאנדערען מען געוואהנט איהם איין אין לייכטע פראקטיקע, נעמליך מען לערנט איהם נאך צו געבען זיין בעסטיאלישע (בהמה'שע) תאוה, ניט איבערקלערענדיג, און אהן אויסרעכענונג, אבער אויך אהן אפיקורסות און אבלייקענונג; און פארקעהרט, מען לערנט איהם זאגאר מיט קלארע ווערטער אז עס איז פארהאן א גאט א הערשער איבער דער וועלט, וועלכען ער וועט דארפען אבגעבען דין וחשבון פאר אלע זיינע מעשים, נאר דערצו זאגט מען איהם, דאס אזוי ווי ער איז אין אמעריקא ברויכט ער ניט צו זיין מעהר צדיק פון אלע אמעריקאנער, און דאס זאגאר די עבירה אליין איז אין אמעריקא ניט אזוי גרויס און הארב ווי אין דער אלטער וועלט, ווארום די לאנד איז א פרייע און איהרע איינוואהנער מוזען זינדיגען, און דערצו ברויכט ער דאך צו היטען זיין קערפערליכע געזונדהייט, ווי אונזערע חכמים אליין האבען גע'דרש'נט אויף דעם פסוק ונשמרתם לנפשותיכם, אז חוץ דעם פשט מיינט ער אויך די כונה: איהר זאלט היטען אייערע לעבענס. און די עבירות זיינען געוויס נויטהיג צו דעם געזונד פון דעם מענשען, לויט די נאטור פון דיעזע לאנד, און איין איבערצייגענדער בעווייז (ראיה) דאצו איז: דאס וואס אלע מענשען וועלכע געפינען זיך אין דיעזע לאנד פון א לאנגע צייט זינדיגען, און געוויס טהוען זיי דאס נאר אום צו פערהיטען זייער געזונדהייט, ווערליג זיי קענען גוט די נאטור פון דיעזע לאנד, און ווער ווייס פיליייכט קען מען דא גאר ניט לעבען ניט געזינדיגטערהייד?

דערצו גיט מען איהם אויף, דאס אזו ווי ער איז דאך יונג וועט איהם דער עוויגער געוויס ניט בעשטראפען זעהר שטרענג פאר זיינע יוגענד זינד; און גיכער פון אלעם איז, דאס אזוי ווי דער עוויגער איז א גנעדיגער (רב חסד) וועט ער איהם גאר שענקען אינגאנצען, און יעדענפאלס איז אונמעגליך אז לויט די פרייגעביגקייט פון עוויגען זאל ער ניט לאזען פאר דעם מענשען איין ארט אויף צו פערדיענען עטוואס ביי איהם, דאס הייסט אז ער זאל אפ נעהמען ביי איהם די פולע געצאהלט פאר די עבירות וועלכע ער האט געטהון, און געוויס וועט ער איהם איינלאזען איינגיע פראצענט, דאס הייסט אז די בעשטראפונג פאר דער עבירה וועט זיין קלענער פון דעם פערגעניגען וואס זי וועט איהם פערשאפען, איז דאך שוין דא פארהאן ריוח; און דערצו איז נאך פארהאן א רעכענונג פון ציגזען אויך, אויף דעם פערלויף פון די צייט, וועלכע עס וועט דויערען פון די גגענווערטיגע צייט אין וועלכע ער זינדיגט ביז די צייט אין וועלכע ער וועט דארפען ענטפערען דאפיר, און וועלכער איד פערשטעהט זיך דען ניט אויף ריוח און ציגזען, אדער ער ליעבט זיך ניט צו בענוטצען מיט זיי?

דורך דעם ווערט ערקלערט לויט מיין מיינונג די כונה פון שלמה המלך'ס רייד (קהלת יא): שמח בחור בילדותך, ויטיבך לבך בימי בחורותיך, והלך בדרכי לבך ובמראה עיניך; ודע כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט. והסר כעס מלבך והעבר רעה מבשרך כי הילדות והשחרות הבל; פרעה זיך יונגער מאן מיט דיין קינדהייט, און זאל דיר דיין הארץ זיין פריי-מוטהיג אין דיינע יוגענד יאהרען, און געה אין דיין הארצען-ווינשענס וועגען, און לויט דיינע אויגען וועט געפעלען ווערען; דו זאלסט אבער וויסען אז פאר דאס אלעס וועט דיר דער עוויגער פאדערען צום משפט (געריכט). און פערטרייב כעס פון דיין הארצען, און מייד אוים שלעכטעס פון דיין קערפער, ווארום די קינדהייט און דאס יוגענד זיינען הבל (זעה וויטער). דאס אבערפלעכליך (אין פלוג) ווייזט אוים, דאס עס איז גאר אונמעגליך צו פער ענטפערען די סתירה (ענטגעגענזעצונג) וועלכע עס איז פארהאן צווישען די ערשי-

טע העלפט פון זײנע רײד (בִיז ודע, דו זאָלסט אָבער װיסען) און די אַנדערע.

און רב הונא (שבת סג ע"ב) קומט צו פערענטפערען דאָס, און זאָגט: אַז די ערשטע העלפט איז רײד פון יצה"ר, און די אַנדערע איז רײד פון יצר טוב (אַ געגענזאַץ צום יצה"ר, לויט די מקובלים, איז דאָס אַ גײסטליכע בעשעפעניס אין מענשענס האַרץ װעלכע רעדט איהם אײַן צו טהון גוטעס; לויט די חוקרים, איז דאָס דעם מענשענס נאַטירליכער געװיסען, װעלכער האַלט איהם אָפּ פון שלעכטעס און ערװעקט איהם צו טהון גוטעס), און הגם דאָס איז געװיס אמת, מחמת דעם װאָס די צװײ העלפטען פון שלמה'ס רײד צײַגען אויף זיך אַלײן אַז זײ געהערען צו צװײ ענטגעגענזעצענדע רײדער, פון דעסטװעגען איז זעהר קשה דאָס װאָס אין שלמה'ס רײד איז דאָס גאָר ניט אָנגעמערקט, און ממילא װײַזט דאָך אויס אַז זײ זענען געזאָגט געװאָרען פון אײנעם; און נאָך אַלעמען בלײַבט אַלעס אונפערשטענדליך די כונה פון דער ענדע: והסר כעס מלבך וכו׳, און פערטרײַב כעס פון דײַן האַרצען און װײַטער, צו װעמען זײ זאָלען געהערען סײַ צום יצר טוב סײַ צום יצה"ר.

אָבער לויט אונזערע פריהערדיגע רײד װעט דאָס אַלעס װערען פערענטפערט, היינו דאָס דער יצה"ר רעדט ניט אָן דעם מענשען גלײך אַם אָנפאַנג צו לײקענען אָן גאָט, אָדער אָן זײַן השגחה אויף דער װעלט, אָדער אָן זײַן בעצאָהלען דעם מענשען גוטעס אָדער שלעכטעס לויט זײַנע מעשים, נאָר פאַרקעהרט, ער זאָגט איהם: איך װעל דיר ניט אָנרײַדען, און װעל דיר זאָגאַר ניט דער לאָזען, אַװעק צו װאַרפען דײַן עלטערענס טײַערן גלויבען; נאָר ער רעדט איהם אָן אַז ער זאָל זינדיגען ניט קליגנדיג זיך, און ניט זוכענדיג קײנע היתרים אויף די עבירות, מעהר ניט ער פערזיכערט איהם, דאָס יעדענפאַלס װעט זײַן שטראָף ניט זײַן זעהר גרויס, און דאָס גיכער װעט איהם דער עװיגער גאָר שענקען די עבירות װעלכע ער האָט געזינדיגט אין זײַן יוגענד, מחמת דאָס ער האָט ניט געקענט בײַשטעהן געגען זײַן תאוה װעלכע איז זעהר שטאַרק אין דעם מענשענס יוגענד יאָהרען; און אָט דאָס איז די כונה פון זײַנע רײד, װעלכע שלמה המלך זאָגט אונז איבער אין קורצען פון זײַנעט װעגען: פרעה זיך יונגער מאַן מיט דײַן קינדהײַט און װײַטער, און געה אין דײַן האַרצענס־װינשענס װעגען און װײַטער; אָבער איך מײן דיר ניט אײַנצורעדען אַז עס איז ניטאָ קײן דין ומשפט, נאָר פאַרקעהרט: דו זאָלסט װיסען אַז פאַר דאָס אַלעס װעט דיר דער עװיגער פאָדערן צום משפט.

און די זעלבע כונה איז אויך אין רב הונא'ס רײד װאָס ער זאָגט, דאָס פון ודע אָן און װײַטער זענען די רײד פון יצר טוב, דאָס מײנט ער אַז דער יצה"ר פערקלײדעט זיך אין די ענדע פון זײַנע רײד אין די קלײדער פון יצר טוב, װען ער זאָגט דעם מענשען דאָס ער זאָל ניט לײקענען אָן גאָט, און זאָל גלויבען דאָס ער װעט איהם מוזען אָבגעבען דין וחשבון פאַר אַלע זײַנע מעשים; און זײַן ציעל דאַמיט איז, כדי די מלחמה געגען איהם זאָל זײַן קלענער, דורך דעם װאָס ער װעט זיך ניט אַרויס װײַזען פאַר דעם מענשען פון אָנפאַנג אָן מיט אַמאָל אינגאַנצען מיט זײַן שלעכטע מחשבה: צו מאַכען איהם פאַר אַ כופר (װאָס לײקענט אָן גאָט), און פאַר אַ יוצא מן הכלל (װאָס איז אַרויס געטראָטען פון אידישקײַט אינגאַנצען).

און כדי דער שטראָף זאָל ניט אָבשרעקען דעם מענשען, און צוליעב דעם װעט ער זיך אָבהאַלטען פון זינדיגען, זאָגט ער איהם װײַטער: און פערטרײַב כעס פון דײַן האַרצען, פון װאָס די כונה איז: דאַגה ניט דאָס טאָמער װעסט דו פאַר דײַנע זינד זעהר שטרענג

בעשטראפט ווערען, דען דו האסט א גאנץ גוטען תירוץ צום יום הדין, נעמליך דאס די קינדהייט און דאס יוגענד זענען הבל, פון וואס דער טייטש לויט מיין מיינונג איז: פערפיהרעניש, דאס הייסט זיי פערפיהרען דעם מענשען, און ברייננגען איהם צו זינדיגען [און אזוי ווערען אויך ערקלערט לויט מיין מיינונג אלע ווערטער הבל, וועלכע ש׳מה המלך האט געזאגט אויף פערשידענע זאכען, דאס הייסט דאס זיי זענען פערפיהרענישען און פעראורזאכען דעם מענשען צו זינדיגען]; און אזוי ווי אויך די משנה (סוטה ג.) זאגט: הרבה ילדות עושה, פיעל ברייננט מיט דאס יוגענד דעם מענשען צו זינדיגען [לויט מיר האבען אויבען געזאגט, דאס דער יצה"ר רעדט איין דעם מענשען אז ער מוז זינדיגען, צוליעב זיין קערפערליכע געזונדהייט, קען מען אויך זאגען אז דאס איז טאקי די כונה פון שלמה המלך'ס רייד: והעבר רעה מבשרך, און מייד אויס שלעכטעס פון דיין קערפער, דאס גיט ער איהם אויף נאך א פערטהיידיגונג אויף זיין זינדיגען, נעמליך דו וועסט זאגען אז דו האסט געמוזט זינדיגען, אום אויס צו מיידען א געפאהר פון דיין קערפער].

און אזוי זעהען מיר טאקי אויך אין פראקטישען אלטעגליכען לעבען, דאס קליגען זיך פון דעם יצה"ר, און די חיטרע איינפעליגע מיטלען, מיט וועלכע ער בענוצט זיך געגען דעם מענשען, אום ער זאל זיך לאזען איבער רעדען פון זיין גלאטען צינגעל און זיסע רייד, און ער זאל איהם קענען אריין ציהען אין זיין פערשפרייטעטען נעץ ביז לעבווייס, ביז ער וועט אין איהם גענצליך אריין געחאפט ווערען, און ער וועט פאלען אז ער וועט שוין מעהר ניט קענען אויף שטעהן: אם אנפאנג רעדט ער איהם איין צו עסען טריפות מיט א שטיקעל היתר, למשל אויב עס איז פארהאן אין זיין שטאדט א קצב אדער א רעסטאראן פון דעם בעוואוסטען סארט וואס איז פערשפרייטעט אין אמעריקא, וועלכע פערקויפען טרפה פלייש (געוועהנליך ביליגער פון כשרע) און זאגען אז עס איז כשרע, רעדט איהם דער יצה"ר איין אז ער זאל קויפען ביי זיי פלייש און עסען ביי זיי, טענה'נדיג צו איהם אזוי: ווי באלד אז ער איז דאך איין איד, און ער זאגט דיר אז ער גיט דיר כשרע דארף דיר מעהר ניט ארען, ווארום אויב ער וועט דיר טאקי געבען טריפות וועט זיין די עבירה אויף זיין קאפ, און דו וועסט דאפיר ניט ווערען בעשטראפט.

[צו אונזער בעדויערען זיינען דא זעהר פיעלע אידען אין דיעזע לאנד, וועלכע בעהמען אן דיעזע טענה פון יצה"ר פאר א גערעכטע, און זיי זענען אין דיעזען היני-זיכט גלייך צו די פוילישע פויערען אין רוסלאנד, וואס זייע'ע גלחים (פריעסטער) האבען זיי געזאגט פיעל מוסר, ביז זיי האבען ביי זיי אויסגעווירקט (געפועלט) אז זיי האבען געשווארען דאס זיי וועלען צייט זייער לעבען ניט טרינקען קיין בראנפען, און אזוי ווי זיי זענען פון נאטור זויפער און האבען זעהר חשק צו טרינקען א שטארק בערוישענדען געטראנק, האבען זיי געמוזט אויססוכען א נייע שטארקע משקה, אנשטאט די בראנפען וועלכע זיי האבען אויף זיך גע'אסר'ט, און דארום האבען זיי אנגעהויבען צו טרינקען ראזינען וויין, הגם זיי זענען ניט געווען פון איהם שטארק צופריעדען, און האבען זעהר שטארק געבענקט נאכ'ן גע'אסר'טן בראנפען; דער אידישער שענקער האט זיך בעטראכט, דאס אזוי ווי ראזינען וויין קאסט זעהר טייער, לוינט איהם צו פאלסיפיצירען איהם (נאכמאכען א פאלשען), און דארום האט ער זיך געקליגט צונויף צושטעלען א משקה עהנליך אין טעם צו ראזינען וויין, פון א צונויפמישונג פון בראנ-פען עסיג און צוקער און דאצו א רעכט ביסעל וואסער, און ער האט עס פערפארבט

מיט ווײַן קאָליאָר, און ער האָט געמײנט אָפּצונאַרען דאַמיט די פויערען, געבענדיג זיי דאָס פאַר ריכטיגען ראָזינען ווײַן.

אָבער די פויערען האָבען גלײַך נאָך דעם טעם פון די משקה דערקענט, אז דאָס איז ניט קײן ראָזינען ווײַן, און האָבען אויך גלײַך געשפּירט דאָס אין די משקה איז אַרײַן געמישט בראַנפען, און פון דעסטוועגען זענען זיי ניט געוואָרען אין כעס אויף דעם אידען פאַר וואָס ער נאַרט זיי, נאָר פאַרקעהרט: זיי זענען איהם אין האַרצען געווען זעהר דאַנקבאַר דאַפיר וואָס דורך איהם וועלען זיי זיך קענען גוט אָנזויפען בײַ שיכור, מיט די בראַנפען וואָס איז אַרײַן געמישט אין די משקה, און זיי וועלען דאַפיר ניט בעשטראָפט ווערען, ווײַל שולדיג דאַרין איז דאָך דער איד וועלכער האָט עס זיי אָנגעגעבען פאַר ראָזינען ווײַן, דאַרום וועט טאַקי די עבירה פון זייער ברעכען די שבועה פאַלען אויף זײַן קאָפּ, און דאַרום האָבען זיי גענומען זעהר שטאַרק טרינקען די משקה ביז שיכור ווערען, אָהן קײנע געוויסענס ביסע, און ווען וועלכער פויער האָט געוואָלט פיהלען נאָך שטאַרקער דעם טעם פון זײַן בעליבטעסטען געטראַנק — בראַנפען, און צו זאָגען דעם אידען בפירוש אז ער זאָל אַרײַן גיסען אַ ביסעל מעהר בראַנפען אין דער משקה האָט ער דאָך ניט געטאָרט צוליעב זײַן שבועה, פלעגט ער דאַרום זאָגען צום אידען פאַרשטעלט: מיש אַרײַן דאָרטען (דאָס מײנט ער אין די משקה) אַ ביסעל (דאָס מײנט ער בראַנפען), נאָר טהו דאָס אַז איך זאָל ניט זעהן, און דאַמיט האָט ער לויט זײַן מײנונג יוצא געוועזען פאַר זײַן תאוה און געוויסען צוזאַמען, דאָס הײסט אויף זײַן שבועה האָט ער דאָך ניט עובר געוועזען, ווײַבאַלד אַז ער האָט דאָך ניט דערמאָנט בפירוש דעם נאָמען בראַנפען, און האָט אויך ניט געזעהן ווי דער שענקער האָט אַרײַן גענאָסען די בראַנפען אין די משקה; און אַז דיזעלבע אויפגאַבע איז אויך בײַ די אַמעריקאַנער אידען איז זעלבסט פערשטענדליך].

נאַכהער רעדט ער איהם אָן ער זאָל עסען עפענטליך בעוואוסטע טריפות, זאָגענדיג איהם: וואָרום זאָלסט דו זײַן אַ צבועק? צי דען ווײסט דו ניט בעשטימט אַז וואָס דער איד גיט דיר אַלס כשר איז באמת טרפה? טאָ וואָרום זאָלסט דו צו געבען צו דער עבירה פון דײַן עסען טריפות נאָך אַנ'עבירה פון פאַלשקײט און צבועטסטוואָ? איז דען ניט גלײַכער צו זײַן אײַן אויפריכטיגער און אָפענהערציגער מאַן Straight forward man און עסען עפענטליך בעוואוסטע טריפות? אגב איז טריפה פלײש בעסער און געשמאַקער ווי כשרע, ווי שלמה המלך זאָגט (משלי): מים גנובים ימתקו, גע'גנב'עטע וואַסער זענען זיס, און דאַצו איז עס דאָך פיעל ביליגער ווי כשרע, און אויך ניט איבעראַל געפינט מען אײן אידען בײַ וועמען מען זאָל קענען בעקומען כשר'ס צום עסען.

און אויף דעם אײנגענעם שטײגער געוואָהנט ער איהם אײַן אויך אין חילול שבת, היינו, אַם אָנפאַנג רעדט ער איהם אָן ער זאָל טראָגען אום שבת אָהן אײַן עירוב, טענה'נדיג צו איהם דאָס עס איז גאָר כמעט אונמעגליך צו עקזיסטירען אין אַמעריקאַ ניט טראָגענדיג אום שבת, און דאָס ער ברויכט ניט צו זײַן בעסער פון אַלע אַמעריקאַנער, וועלכע זענען ניט אָפּגעהיט דאַרין; און דאַצו פּסק'נט ער איהם אָפּ, אַז דאָס טראָגען אום שבת איז ניט גערעכענט פאַר קײַן מלאכה, און ווער רעדט וועגען טראָגען אַ נאָז טיכעל אָדער אַ שירעם, איז ניט גענוג וואָס דאָס געהט ניט אַרײַן אין כלל פון נביא'ס אָנזאָג (ירמיה יז): ולא תוציאו משא מבתיכם ביום השבת, איהר זאָלט ניט אַרויס טראָגען פון אײַערע הײַזער קײַן טראָגבאַרע זאַך אום שבת, נאָר פאַרקעהרט, עס

געהט אַריין אין כלל פון נביא'ס אָנזאָג (ישעיה יח): וקראת לשבת עונג, דו זאָלסט רופען דעם שבת אַ פערגעניגענס טאָג; און ווען דער מענש געוואָהנט זיך שוין איין צו טראָגען אום שבת, זאָגט ער צו איהם אַזוי: דו נאַרישער מענש! וויבאַלד אַז דו ביסט דאָך שוין עובר אויף דעם איסור פון טראָגען אום שבת, וועלכער איז גלייך הארב ווי דער איסור פון די שווערסטע מלאכות, הגם דו האָסט דערפון קיין שום איינטראָג ניט, ברויכסט דו דאָך געוויס טהון אום שבת די מלאכות פון וועלכע דו קענסט פערדיענען. נאָכדעם זאָגט ער איהם: וואָצו זאָלסט דו זיין אַ צבועק, צו מחלל שבת זיין פערבעהאַלטענערהייד, און אַרויס ווייזען זיך פאַר דער וועלט אַלס אַ מענש וואָס היט אָפּ שבת? זיי בעסער עפענטליך דאָס וועלבע וואָס דו ביסט אין פערבאָרגענעש, און זיי מחלל שבת פאַר אַלעמען אין די אויגען ווען דו ברויכסט עס. און אַזוי געוואָהנט ער איהם איין ביסלעכווייס אין אַלע עבירות, ער זאָל זיי טהון פון זיין הנאָה אָדער פערדיענסט וועגען.

און אָט פאַר דיזען אַרט לערנונג פון דעם יצה"ר אין דיזע קלאַסע, ווערט ער גערופען מיט דעם נאָמען „רע" (שלעכטער), צוליעב זיין לערנען דעם מענשען אַז ער זאָל טהון די שלעכטעס וועלכע עס ליגט אין זיין נאַטור, דען דעם מענשענס נאַטור איז שלעכט, און בעגעהרט אַלע נידריגע תאוות; און אום צו ערקלערען אונז זיין כונה דייטליך, ברענגט דער דרשן דעם פסוק: כי יצר לב האדם רע מנעוריו, ווייל דער געדאַנקען פון מענשענס האַרץ איז שלעכט פון זיין יוגענד אָן, דאָס מיינט אַז ער איז בעשאַפען געוואָרען מיט אַ נאַטור וועלכע ציהט איהם צו טהון שלעכטעס, און לויט אונזערע חכמים ערקלערען אונז די בעדייטונג פונ'ם וואָרט „מנעוריו" אין איין פילאָלאָגישען וועג, אַז דאָס מיינט: ציים ער האָט זיך גענומען בעוועגען אַרויס צוגעהן פון זיין מוטערס בויך; דאָס מיינט אַז בעפאָר ער האָט נאָך געקענט פערשטעהן דעם אונטערשיעד פון גוטעס צו שלעכטעס, און דאָס מען דאַרף אויסוועהלען די ערשטע און אויס מיידען די לעצטע, האָט ער זיך שוין איינגעוואָהנט צו טהון די שלעכטע מעשים, און זיי זענען טיעף איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין זיין האַרץ און אין זיין פאַנטאַזיע, און זיין האַרץ וועט שוין נאָך זיי בענקען ציים זיין לעבען.

און ווען דער יצה"ר זעהט, דאָס דער מענש איז שוין פאָלקאָם אין די לעהרע פון די ערשטע קלאַסע, ברענגט ער איהם אַריין אין די צווייטע קלאַסע, אין וועלכע ער וועט איהם לערנען טהון מעשים פון פיעל אַנ'ערגערען סאָרט.

די צווייטע קלאַסע.

זי ווייזט אויס, לויט די ערשטע פלאַכע בעאָבאַכטונג פון דעם וואָס זעהט איהר, אַלס ריכטיג גלייך ווי די ערשטע, וואָרום אין איהר לערנט מען אויך דעם מענשען און מען געוואָהנט איהם איין צו טהון עבירות, אָהן קיינע טענות און אָהן קיינע אָבלייקענונג, אָהן קיין קלינגען זיך און אָהן קיינע אויסרעכענונג; אָבער ווען מען בליקט אַריין מיט אַ שאַרפע דורכ־דרינגענדע אויג טיעפער, זעהט מען אַז עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען איהר און די ערשטע קלאַסע, אין אַז ניט אומזיסט האָט זיך דער יצה"ר שטאַרק בעמיהט, אַז ער זאָל אַריבער פיהרען דעם מענשען פון די ערשטע קלאַסע אין די צווייטע, נאָר אום צו דערנעהנטערען איהם מעהר צו דעם טיעפען אָבגרונד, וואָס דאָס איז זיין

ציעל צו וועלכען ער וויל איהם ברענגען; דען אנשטאט דעם וואס זענענדיג אין די ערשטע קלאסע האט ער געטהון עבירות פון זיין תאוה וועגען, אדער צוליעב פערגעניגען אדער צוליעב געלד, און אוואו עס זענען ניט געוועזען ניט די ערשטע ניט די אנדערע האט ער זיך אבגעהאלטען פון זינדיגען, לערנט איהם יעצט דער יצה"ר דאס ער זאל זינדיגען אהן קיין שום תאוה און אהן קיין שום איינטראג, נאר פון געוואהנהייט וועגען, היינו דאס צוליעב דעם וואס ער האט זיך איינגעוואהנט פריהער צו טהון די שלעכטע מעשים אום נאכצוגעבען זיין תאוה, זאל ער זיי שוין נאכדעם טהון אלע ווייעלע כסדר אפילו אהן א שום תאוה, און ווי רב הונא זאגט (יומא פז.): כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה הותרה לו וכו' אלא נעשית לו כהיתר, ווי באלד א מענש האט געטהון איין עבירה איין מאל און אויך א צווייטען מאל, ווערט זי ביי איהם אין די אויגען ווי איין ערלויבטע, קיינמאל ניט קיין גע'אסר'טע זאך.

און דאס איז לויט מיין מיינונג די ערקלערונג פון שלמה המלך'ס רייד (משלי י): בשחוק לכסיל עשות זמה וחכמה לאיש תבונה, ווי א געלעכטער (אדער א שפיעלכעל) איז פאר דעם נארען צו טהון אויסגעלאסענע זאכען, און חכמה פאר דעם פערשטאנדיגען מענשען; דאס האט שלמה אונז מיט דעם געוואלט לאזען וויסען, ווי גרויס עס איז די קראפט פון געוואהנהייט (הרגל) אויפ'ן מענשען, אין יעדע זאך וואס ער האט זיך איינגעוואהנט צו טהון, סיי גוטעס סיי שלעכטעס, וואָרום איהרווירקונג אויף איהם איז אזוי שטארק, דאס ער טהוט נאכדעם די זאך אין וועלכער ער האט זיך איינגע-וואהנט, אהן קיין שום כונה רעכענונג און תכלית, הגם דאס פריהער — בעפאר ער איז איינגעוואהנט געווארען אין איהר — האט ער איהר ניט געטהון סיידען צוליעב א וויכטיגען צוועק און א בעשטימטע כונה; און דאס זאגט שלמה: ווי א געלעכטער איז פאר דעם נארען צו טהון אויסגעלאסענע זאכען, דאס מיינט ער אז דער מענש ביי וועלכען די נארהייט (דאס איז לויט די מיינונג פון אונזערע חכמים דאס פאלגען די בעסטיאלישע תאוה) איז געווארען א פערזענליכע אייגענטהום, דאס צוליעב דעם ווערט ער בעצייכענט מיט דעם נאמען כסיל, — דאס הייסט ער האט זיך שוין איינגעוואהנט אין דאס טהואונג פון די שלעכטע מעשים, איז שוין ביי איהם ווי א געלעכטער צו טהון אויסגעלאסענע זאכען אהן קיין פערגעניגען און אהן קיין פערדיענסט, דאס הייסט דאס ער זוכט ניט אין דעם קיין צוועקמעסיגען ציעל מעהר ווי אין דעם געלעכטער וועלכען ער לאכט.

און אין דעם צווייטען האלבען פסוק זאגט ער: דאס די זעלבע זאך געהט אויך אן ביי דעם פערשטאנדיגען מענשען וועלכער האט זיך איינגעוואהנט צו זוכען לערנען חכמה, מיט דעם צוועק צו האבען דער פון א נוץ, דאס ער בעאבאכטעט עס נאר אם אנפאנג, אבער נאכדעם ווען ער ווערט שוין איינגעוואהנט אין זוכען לערנען חכמה, דענקט ער שוין מעהר ניט וועגען נוצמעסיגע צוועקען, נאר ער זוכט צו לערנען חכמה פון זיין געוואהנהייט וועגען; און די ווערטער: „ווי א געלעכטער" און: „צו טהון" פון דעם ערשטען האלבען פסוק בעציהען זיך אויך אויף דעם צווייטען האלבען, דאס ער ברויכט זיך צו לייענען אזוי: און ווי א געלעכטער איז צו טהון א חכמה פאר דעם פערשטאנדיגען מענשען; און אזוי ווי אין דעם ערשטען האלבען פסוק האט שלמה כולל געוועזען (געמאכט צו ענטהאלטען) א מאמר חז"ל (וואס אונזערע חכמים האבען געזאגט): די רייד פון רב הונא וועלכע מיר האבען דערמאהנט אויבען, האט ער אויך כולל געוועזען אין דעם צווייטען האלבען פסוק איין אנדער מאמר חז"ל:

די רייד פון רב יהודה פון רב'ס וועגען (פסחים נ:): לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה, א מענש זאל זיך שטענדיג בעשעפטיגען מיט לערנען תורה און טהון מצות אפילו ניט פון נאמעס וועגען, ווייל צוליעב דעם וואס ער וועט זיך איינגעוואהנען אין זיי ניט פון נאמעס וועגען, וועט ער קומען דאצו אז ער וועט זיך מיט זיי בעשעפטיגען פון נאמעס וועגען.

און אויף דעם זעלבען אויבען-דערמאהנטען ענין, דאס הייסט זינדיגען אהן קיינע נוטצען, זענען אויך געציעלט לויט מיין מיינונג די רייד פון ריש לקיש וואס האט געזאגט (ע"ז יח.): מאי דכתיב עון עקבי יסובני? עבירות שאדם דש בעקביו בעולם הזה מסבבין אותו ביום הדין. דער טייטש דערפון איז: ער פרעגט וואס איז דער פשט פון וואס עס איז געשריבען אין תהלים די זינד פון מיינע טריט וועלען מיך ארום רינגלען? און ער ענטפערט, דאס מיינט אז די עבירות וועלכע דער מענש טרעט מיט זיינע פיס אין דיעזע וועלט, רינגלען איהם ארום אין טאג פון דין, וואס אין פלת איז די כונה פון דעם ניט נענוג דייטליך, נאר לויט מיין מיינונג מיינט ער מיט דעם וואס ער זאגט: עבירות וואס דער מענש טרעט מיט זיינע פיס, אויף עבירות וואס ער האט פון זיי קיין שום הנאה ניט, און דאס איז א מליצה'דיגער (אידעל וויציגער) אויסדריק, דאס וויבאלד אז ער האט פון זיי קיין שום פערדיענסט ניט, לוינט איהם ניט אויף צו הויבען זיי פון דער ערד, און דארום לאזט ער זיי זיך וואלגערן און צוטראטען ווערען אונטער זיינע פיס, אלס אונווירדיגע און נוצלאזע זאכען, און פונדעסטוועגען טהוט ער דיעזען סארט עבירות אויך ביי יעדע געלעגענהייט; און דאס בעדויערט דוד המלך, דאס גראדע דיעזער סארט עבירות וועט איהם ארום רינגלען אין טאג פון דין, מחמת זייער צאהל איז זעהר גרויס, מאכי צוליעב דעם וואס זיי ווערען געטהון אהן תאוה און אהן הנאה און אהן רעכענונג, ווארום די עבירות וואס ווערען געטהון מיט א חשבון צוליעב הנאה וועגען, ווערען ניט געטהון זעהר אפט, נאר ווען די תאוה מיט דער הנאה פאדערען עס פון מענשען; אבער די עבירות וואס דער מענש טהוט אהן איבערלעגונג און אהן א פריהערדיגע תאוה און חשק, ווערען געטהון זעהר אפט, און די זינד פון זיי איז אויך זעהר גרויס, ווארום דער וואס טהוט זיי געהט כמעט אריין אין די קלאסע פון די יעניגע וואס טהוען עבירות אויף צו-להכעים, ווי באלד אז ער האט ניט קיין תירוץ: אז ער האט זיי געטהון פון אירגענד וועלכע הנאה וועגען.

און שוין א לאנגע צייט צוריק, האב איך פערגליכען דעם אונטערשיעד וואס עס איז דא צווישען די עבירות פון וועלכע דער מענש האט הנאה פון וואס ער טהוט זיי, צו עבירות פון וועלכע ער האט קיין שום הנאה ניט, צו דעם אונטערשיעד וואס עס איז דא צווישען צוויי קינדער וועלכע גנב'ענען ביידע דעם פאטערס מיטאג, נאר איינער עסט איהם אויף אליין, הגם ער האט שוין דעם טאג איינמאל געגעסען מיטאג, און דער אנדערער ווארפט איהם אריין אין מיסט קאסטען, אדער ער גיט איהם אוועק א הונט.

און דער וועלט בעריהמטער גאון רבי ישראל סאלאנטער האט נאך אין דעם פריהערדיגען דור געשריען: קומט און זעהט ווי וויים אונזערע דורות זענען אין אידישקייט פערענדערט געווארען צו ערגער! די בעלי עבירות פון די גמרא'ס צייט האט מען זייער חמץ נאך פסח געמעגט על פי דין עסען, ווארום הגם זיי זענען געווען אין חשד אז זיי האבען ניט געוואלט פאר פסח מבער זיין זייער חמץ, און האבען איהם איבער געלאזען אויף נאך פסח, איז מען אבער געווען זיכער, דאס גלייך נאך פסח האבען זיי איהם געוויס איבער געביטען ביי א גוי אויף פרישען חמץ, ווארום זיי זענען געווען

צופריעדען צו האבען דערביי אַ קליינעם שאדען, אבי יוצא צו זיין לויט זייער מיינונג פאר דעם, וואס די רבנן האבען גע'אסר'ט אידישען חמץ וואס איז פערבליבען פון פאר פסח אויף נאכ'ן פסח; ממילא זעהט מען דאך, אז אין יענער צייט האט זיך ניט געפונען אזוינער וועלכער זאל וועלען טהון איין עבירה צוליעב א קליינעם פערדיענסט וועגען, און אהן קיין שום פערדיענסט געוויס ניט, און אפילו ביי אזא איסור וועלכע די רבנן האבען געמאכט; אבער אין היינטיגע צייט טהוט דער גרעסטער טהייל וועלט עבירות וועלכע זענען פערבאטען פון דער תורה זעלבסט, אהן קיין שום ריוח און אהן קיין שום הנאה [ווי עס ווייזט אויס זענען אין דעם אויבען-דערמאהנטען גאון'ס צייט נאך ניט געוועזען די וויטערדיגע קלאסען פון דעם יצה"ר'ס שוהלע וואס אין אונזער צייט, אין וועלכע ער לערנט דעם מענשען צו ליידען דעם גרעסטען שאדען און צו ריזיקירען זאגאר דעם לעבען אויך, אבי נאר צו טהון איין עבירה, און ווען ער וואלט געוועזען אין אונזער צייט און דאס געזעהן וואלט ער זיך פיעל מעהר געוואונדערט].

און האטש זיי פערשטעהען ווי גרויס עס איז זייער עולה: צו טהון גענען דעם פערזאג פון עוויגען, אהן קיין שום תירוץ און אהן אירגענד וועלכע ערקלערונג, פון דעסטוועגען קענען זיי זיך ניט ענטשליסען צו איינהאלטען זיך פון צו טהון די זאכען אין וועלכע זיי זענען איינגעוואהנט, און אזוי ווי מיר געפינען אויך דאס דער מענש טהוט א זאך וועלכע עס איז שעדליך צו זיין געזונד, הגם ער ווייס דאס אליין בעפאר ער טהוט עס, נאר צוליעב זיין שטארקע תאוה אדער געוואהנהייט קען ער זיך דערפון ניט אבהאלטען [און אויך ווערט איהם מעהרסטענטהיילס פאר דיעזער צייט דער שכל פערטעמפט, דאס לא די וואס ער שטעלט זיך ניט איהם ענטגעגען, שטימט ער נאך איין מיט איהם, און זוכט אויס עפעס א וועלכע עס איז נארישע ערקלערונג דאס ער טהוט גלייך; און עס איז פערשטענדליך דאס עס איז נאך מעהר לייכטער פאר'ן שכל צו שטימען בלינד מיט'ן תאוה און געוואהנהייט ווען עס אנבעלאנגט אין עדעלע שכל'דיגע רעכנונגען, אין וועלכע עס איז זעהר לייכט א טעות צו האבען, און אויך קען עס דעם מענשענס קערפער — פאר וועלכען עס אהרט איהם נאר איבערהויפט — גארניט שאדען].

און דאס איז א שטארקער און איין איבערוועגענדער בעווייז, דאס דער מענש שטעהט ניט העכער פון א בהמה אין דעם הינזיכט, דאס ער קען זיך ניט שטארקען איבער זיין תאוה אפילו ווען זיין שכל ווייזט איהם דעם שאדען פון דעם *). און דאס

*) און טאקי צוליעב דיעזען צוועק האט דער בעשעפער אריין געגעבען אין מענשען דיעזע נאטור, נעמליך דאס ער זאל טהון צוליעב זיין תאוה און געוואהנהייט זאכען וואס זענען שעדליך צו זיין געזונד, און זאגאר ריזיקירען מיט זיין לעבען, אום צו געבען דערמיט צו פער-שטעהן די מענשען וואס ווילען בויען אויף זייער פערשטאנד, דאס ער האט קיין ווערטה ניט; און איך רעכען אויך דאס צוליעב דעם זעלבען מאטיוו (טעם) האט דער עוויגער בעשאפען אלע עולם הזה'דיגע ענינים ניט קיין דויערהאפטע, וואס קענען עקזיסטירען נאר אויף א קורצע צייט, אום צו בעווייזען דאמיט דאס זיי זענען פון קליינעם ווערטה, און דאס דער מענש זאל מוזען אליין אנערקענען דאס זיי זענען א פוסטע זאך, ווארום ווען אפילו דעם מענשענס רייכטהום וואלט אנגעהאלטען זיין לעבענס לאנג וואלט עס אויך אין אמת'ן ניט האבען קיין ריכטיגען ווערטה, אבער פון דעסטוועגען האט דער מענש ביי זיך אין הארצען געקענט זיך בערימען און דענקען;

וויכטיגסטע וואס מיר ברויכען אפ צו לערנען דערפון איז, דאס דער ריכטיגער שכל האט ניט קיין שטארקען מאכט אויפ'ן מענשען, און אהן די הילפע פון דער תורה מדות און מוסר (רעליגיעזע לעהרע, זיטטען לעהרע און מאראל) קען דער מענש אויף קיינפאל ניט געהן אין דער ריכטיגער גלייכער וועג, וועלכע איז שעהן און פאסענד פאר די העכסטע סארט בעשעפעניש, וועלכע איז בעשאפען אין געטליכען צלם (פארם) מיט א געטליכע נשמה און איין ערהאבענעם שכל אין מוח.

און אט פאר דיעזען ארט לערנונג פון יצה"ר אין דיעזע קלאסע, ווערט ער גע־רופען מיט דעם נאמען „ערל" (פערוואקסענער), צוליעב דעם וואס ער געוואהנט איין דעם מענשען זא פיעל אין עבירות, דאס זיין הארץ ווערט פערוואקסען און פערשטאפט, און ממילא פערלירט עס דעם געפיהל [דאס ווערט גערמיינט אין גייסטליכע און מארא־לישע הינזיכטען], דאס ער קען זיך שוין מעהר ניט בעדאכטען, און זאגען: ווארום זאל איך איבער טרעטען גאטעס געבאט, ווען איך האב דערפון זאגאר די קלענסטע הנאה ניט, ווארום א מענש ביי וועמען די אויגען זענען פערקלעבט און די הארץ איז פערוואקסען, איז שוין מעהר ניט פעהיג צו זעהן און צו בעטראכטען אפילו אזא ענטפלעקטע און איינפאכע זאך.

און ווען דער יצה"ר זעהט, אז דער מענש איז שוין פאלקאם אין די לעהרע פון די צווייטע קלאסע, פיהרט ער איהם איבער אין די דריטע, וועלכע שטעהט פיעל נידעריגער פון די צווייטע.

די דריטע קלאסע.

אין איהר פיהרט צו דער יצה"ר דעם מענשען מיט א היבשע שטרעקע נעהנטער צו די אפרייסונג פון טיעפען אבגרונד, ווארום אנשטאט דעם וואס ווען ער האט ביז יעצט געטהון איין עבירה, האט ער אמווייניגסטען געוואוסט דאס ער זינדיגט געגען גאטעס געבאט, און עס האט איהם אויך אפט געקלאפט אין הארצען, דערפאר וואס ער טהוט איין נידעריגע און איין אונערלויבטע זאך; און הגם דאס האט איהם אלץ ניט אבגעהאלטען פון צו טהון די עבירה, פון דעסטוועגען האט עס איהם ניט געלאזען טהון איהר מיט אזא פאלקאמענהייט, ווי ער וואלט איהר געטהון, ווען ער וואלט גאר ניט וויסען, אז עס איז דא א פערזאג פון גאט דאס מען זאל איהר ניט טהון,—זוכט דער יצה"ר יעצט מיטלען אבצוזוימען דיעזע שטרויכלונג פון גיהנם'ס וועג, און דארום לערנט ער איהם אין דיעזע קלאסע, ער זאל גאר אין גאנצען פארגעסען, אז עס איז דא דינים פון שבת טריפות און עריות, און נאך פערשיעדענע דינים אין די אידישע וועלט.

און דורך דעם וועט פערענטפערט ווערען די קושיא (פראגע), וועלכע איז פארהאן אויף דעם וואס מיר זאגען אין וידוי פון יום כפור: ועל חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא יודעים, דאס הייסט מיר בעטען דעם עויגען, דאס ער זאל אונז מוחל זיין: די עבירות וואס מיר האבען געזינדיגט וויסענדיג, און די עבירות וואס מיר האבען

א וואו ניט עס נאך אזא גוטע זאך ווי מיין רייכטהום וועלכע עס וועט דויערען ביי מיר צייט מיין לעבען? אבער יעצט דאס דער עוויגער האט געמאכט דעם רייכטהום פליגלען מיט וועלכע ער פליהט אוועק איבער נאכט, מוז דער מענש אנערקענען, דאס עס האט ניט קיין גרעסערען ווערטה אלס א שאטען פון א פערביי פליהענדען פויגעל, און אזוי איז אויך מיט אלע תאוות.

געזינדינט ניט וויסענדיג, נעמליך דאס אזוי ווי עס איז בעוואוסט, דאס דער שטייגער פון דעם בעל עבירה איז צו שטייגען אין זיין זינדיגען פון גרינגער צו הארבער, און די זעלבע דארף מען פריהער בעטען ביין עזויגען ער זאל מוחל זיין אויף די גרינגערע עבירות, און דערנאך אויף די הארבערע, האט מען דאך בעדארפט פריהער זאגען: בלא יודעים (ניט וויסענדיג), דאס הייסט זינדיגען ניט בכיון, וועלבע איז גרינגער, און דערנאך: ביודעים (וויסענדיג), דאס הייסט זינדיגען בכיון, וועלכע איז הארבער?

און אום צו ערקלערען אייך דעם תירוץ דערפון דייטליך, ברויכען מיר צו דערצעהלען אייך א שעהנעם און איין אינטערעסאנטען משל וועלכער איז זעהר צוגעפאסט צו דער זאך.

צוויי אינגלאך האבען געלערנט צוזאמען אין ניו יארק די פראפעסיאן פון שניידעריי, און נאכדעם האבען זיי זיך פונאנדער געשיידעט, איינער האט זיך בעזעצט אין באסטאן, און דער צווייטער אין באלטימארע; ווען עס זענען אריבער געגאנגען אייניגע יאהר, האט זיך געטראפען דאס דער באסטאנער חבר איז געפאהרען קיין באלטימארע, אום צו זיין אויף א גוטען פריינדס חתונה, און דארט האט ער זיך בעגעגענט מיט זיין חבר און יוגענד פריינד, האבען זיי זיך זעלבסט פערשטענדליך זעהר דערפרעהט צו זעהן איינער דעם אנדערען, און נאכדעם ווי זיי האבען זיך צוהאלזט און צוקושט, האט אנגעהויבען יעדערער אום צו פרעגען דעם צווייטען אויף זיין געזונד, און אויף זיין הויז געזינד, און אויף זיין געשעפט און דאס גלייכען, ווי דער שטייגער איז. האט דער באסטאנער חבר דערצעהלט דעם באלטימארער, דאס ער האט א גרויסע שאפ (סחורה אויסארבייטונגס-הויז), אין וועלכע עס ארבייטען צוואנציג ארבייטער, און די פאדערונג אויף זיינע סחורה איז אזוי גרויס, דאס עס איז איהם שווער אויסצוארבייטען אזוי פיעל סחורה וויפיעל עס ווערט געפאדערט, און ממילא נעמט ער פאר איהר הויכע פרייזען; און דער באלטימארער האט דערצעהלט דעם באסטאנער פארקעהרט, דאס ער האט א קליינע שאפ, אין וועלכע עס ארבייטען ניט מעהר ווי פינף ארבייטער, און פונדעסטוועגען קען ער ניט אפלייזען פאר זיין ביסעל סחורה, ווארום קיינער פרעגט אויף איהר ניט, און דארום בלייבט אימער ליגען די זומער סחורה אויפ'ן ווינטער, און פארקעהרט, און צוליעב דעם מוז ער פערקויפען א גרויסען טהייל פון זיין סחורה אונטערן קרן פרייז, און ער געפינט זיך אין זעהר א שלעכטע לאגע. האט זיך דער באסטאנער זעהר פערוואונדערט אויף דעם, ווייל ער האט געקאנט דעם חבר אלס א גוטען בעל מלאכה, און זעהר א פלייסיגען ארבייטער, און דאצו ניט קיין הולטיי, און ניט קיין טרינקער, און ניט קיין קארטען שפיעלער, טא ווארום איז ער דאס אזא ביטערער ארימאן, ווען ער אליין, וואס איז אין קיין הינזיכט ניט בעסער פאר איהם, מאכט גאנץ גוטע געשעפטען און פערדיענט פיעל געלד?

זענענדיג אזוי פערטיפט אין געדאנקען וועגען די וואונדערבארע פראגע, איז איהם פלוצלונג איינגעפאלען א געדאנקען אין קאפ: הער נאר צו, האט ער געזאגט צום חבר: איך וועל דיר עפעס פרעגען, דו זאלסט מיר נאר ניט לייקענען און זאגען דעם אמת, ארבייטסט דו אום שבת אדער ניט? די פראגע האט דעם באלטימארער זעהר פערדראסען, און ער האט געענטפערט דעם חבר מיט כעס: ווי אזוי האסט דו גאר די העזה מיר חושד צו זיין דערין? צי דען געדענקסט דו ניט, אז פון מיין קינדהייט אן בין איך געוועזען אפגעזונדערט פון די ניט פרומע הינטיגע חברה, און בין געגאנגען

אין דעם אידישען וועג, און האב אבגעהיט שבת ווי עס געהער צו זיין? דו האסט ניט פאר־שטאנען די כונה פון מיין פראגע, האט איהם דער באסטאנער געענטפערט: איך האלט דאס גאר ניט פאר קיין עולה, ווארום איך אליין ארבייט אויך אום שבת, און איך רעכען אז עס איז טאקי זעהר גלייך, ווארום א קלוגער מענש דארף פערשטעהן אז צוליעב ברויט איז ערלויבט צו טהון אלעס אין דער וועלט, און לויט מיין מיינונג איז דאס טאקי דיין אומגליק וואס דו פערשטעהסט עס ניט, און דו פיהרסט א קאמאנ־דע מיט א שבת, און איך מיין דיר טאקי צו זאגען, אז דו זאגסט זיך בעדארפטען און מקויים זיין: עשה שבתך חול (מאך דיין שבת וואכענדיג), וועסט דו רייך און גליק־ליך זיין. עס זענען אומזיסט דיינע רייד, האט איהם דער באלטימארער געענטפערט: ווארום איך וועל דיר אויף קיין פאל ניט פאלגען, און וועל ניט ארבייטען אום שבת, ווען איך זאל אפילו וויסען אז צוליעב דעם וועל איך אויסגעהן פון הונגער. ווי דער באסטאנער האט געזעהן אז ער קען איהם ניט איבער רייידען, האט ער אויפגעהערט ריידען דאריבער, און זיי האבען זיך פונאנדער געזעגענט און צושיידעט.

אין איינינע יאהר ארום, האט זיך דעם באסטאנער געטראפען צו זיין נאך א מאל אין באלטימארע, האט ער געשיקט רופען זיין אמאליגען חבר, אום צו זעהן זיך מיט איהם, און צו פערברייננגען מיט איהם א ביסעל צייט אין די ערינערונגען פון זייערע יוגענד יאהרען. ווי דער באלטימארער האט נאר אריין געטראטען אין הויז, האט זיך דער באסטאנער זעהר דערשראקען דערזעהענדיג איהם, ווארום זיין פנים איז געוועזען זעהר געל און אבגעצעהרט ווי דער פנים פון א טויטען, און זיינע קליידער זענען געוועזען זעהר צוריסען און מיאוס געלאטעט, און עס האט איהם גענומען ביין הארצען די יאמערליכע לאגע פון זיין אומגליקליכען חבר; האט ער איהם געפרעגט מיט מיטלייד: וואס איז מיט איהם געווארען? האט איהם דער באלטימארער געענטפערט, וועהרענד עס האבען זיך געקייקעלט טרערען איבער זיינע איינגעשרומפענע באקען, דאס ער איז יעצט דער אומגליקליכסטער מענש פון דער גאנצער וועלט, ווארום ער האט ניט קיין בעשעפטיגונג פון וואס א פעניג צו פערדיענען, און דאצו איז ער א קראנקער, און זיין ווייב איז פון צרות אראב פון זינען, און געפינט זיך יעצט אין דול הויז, און זיינע קינדער געהען איבער די הייזער בעטלען, און ער אליין, וואס האט ניט קיין כח און קיין מוטה צו טהון דאס זעלבע, געהט אוים פשוט פון הונגער. און אז דער באסטאנער האט איהם געפרעגט: ווארום האט ער ניט געפאלגט זיין עצה צו ארבי־טען אום שבת, וואלטען איהם דאך געוויס די אלע אומגליקען ניט געטראפען? האט ער איהם געענטפערט: דאס ער האט שוין דאס אויך געפרובט צו טהון, און דאס עס האט איהם גאר ניט געהאלפען.

הערענדיג די תשובה האט דער באסטאנער געגעבען א שפרונג הינטער זיך, וואס?! דאס האט אויך ניט געהאלפען?! האט ער אוים געשריען מיט היץ; ציז איז מעגליך אז דעם מחלל שבת זאל אייך ניט מצליח זיין? צי דען וויל שוין דער טייוועל אויך ניט צאהלען קיין גוטען געצאהלט צו די וואס געהארכען איהם און געהען אין זיינע וועגען? ניין! איך קען דאס אויף קיינפאל ניט גלויבען! ענטפער מיר נאר אויף וואס איך וועל דיר פרעגען, האט ער זיך געווענדעט צום באלטימארער: זאג מיר נאר: וואס איז מיט דיר פארגעקומען ווען דו האסט געארבייט אום שבת, האט דיר דאן די הארץ וועה געטהון אויפ'ן חילול שבת אדער ניט? ווי אזוי זאל דאס מיר די הארץ ניט וועה טהון? האט איהם געענטפערט דער באלטימארער, וועהרענד איך

ווייס אַז פון מיין קינדהייט אָן האָב איך קיינמאָל ניט מחלל שבת געוועזען, און אַז מיין גאַנצע משפּחה איז אַ רעליגיעזע און אַ פרומע, און איך בין געוואוינט צו מחלל שבת זיין; דאַרום איז מיר געוועזען ווען איך האָב געשניטען אום שבת מיט דעם שער די ציין, גלייך ווי מען וואָלט מיין לייב געשניטען מיט מעסערס, און ביי יעדען שטאָך מיט'ן נאָדעל די ציין, האָט זיך מיר געדוכט ווי טויזענד נאָדלען מיט אַ מאָל שטעכען מיר אין האַרצען. אָט דאָס גופא איז טאַקי דיין אומגליק! יעצט ווייס איך שוין! האָט געזאָגט דער באַסטאָנער מיט אַ נצחון צופרידענהייט. דו זאָלסט וויסען אַז כל זמן דו וועסט וויסען נאָך און געדיינקען, ווען דו וועסט אַרבייטען אום שבת, אַז דאָס איז שבת, ביסט דו אומגליקליך, און נאָר דאַן קענסט דו האָבען הצלחה צו לעבען ווי אַ מענש, ווען דו וועסט אַרבייטען אום שבת ווי איין אמת'ער גוי, דאָס דו וועסט שוין גאָר ניט וויסען אַז עס איז גאָר דאָ אַ שבת אויף דער וועלט, און דאַן וועסט דו מצליח זיין מיט וואָס דו וועסט טהון, און אַזוי דו וועסט זיך קעהרען.

יעצט איז לייכט צו פערשטעהן די כונה פון די אנשי כנסת הגדולה, וואָס האָבען אונז מסדר געווען (איינגעאָרדענט) די הייליגע תפילות (דאַוונען), מיט דעם וואָס זיי האָבען פריהער געשטעלט: בּיודעים (וויסענדיג), דאָס מיינט אַז חאָטש מען טהוט די עבירה בכיון, אָבער מען ווייס נאָך לפּחות אין האַרצען און מען געדענקט נאָך אַז דאָס איז איין עבירה, און נאַכהער: בּלא יודעים (ניט וויסענדיג), דאָס מיינט אויך וואָס מען טהוט די עבירה בּכיון, נאָר דאָס צוליעב דעם פיעל זינדיגען האָט מען שוין גאָר פערגעסען אַז עס איז דאָ עבירות אויף דער וועלט, וואָס דאָס איז פיעל האַרבער פון די פריהערדיגע.

און אָט פאַר דיעזען אַרט לערנונג אין דיעזע קלאַסע, ווערט דער יצה"ר גערופען מיט דעם נאָמען „טָמֵא” (אומרייינער) [גייסטליך], צוליעב דעם וואָס דורך דיעזע לעהרע ווערט דער מענש אינגאַנצען אומריין גייסטליך, דאָס ער פיהלט שוין גאָר ניט ווען ער טהוט איין עבירה, וואָרום דאָס איז דער בעוויז (סימן) אויף די הייליגקייט און גייסטליכע ריינקייט פון דעם אידען וואָס איז ווערטה זיין נאָמען איד, דאָס ווען ער טהוט איין עבירה קלאַפּט איהם אין האַרצען, און זיין געוויסען פּרעגט איהם ערביטערט: ווי אַזוי וואַגט ער עס צו טהון? אָבער דיעזער מענש וואָס עס קלאַפּט איהם שוין ניט אין האַרצען ווען ער זינדיגט, איז שוין געוויס אינגאַנצען איינגעזונקען און איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין זינד, און דאַדורך איז זיין נשמה פעראומרייניגט געוואָרען, דאָס זי קען שוין מעהר ניט פיהלען די אומריינקייט פון די שלעכטע מעשים וואָס דער מענש טהוט.

דער חילוק (אונטערשיעד) פון ערל (פערוואַקסענער) צו טמא (אומרייינער) איז, דאָס ביי דעם ערל איז די פערוואַקסונג איין אויסערליכע זאַך, סיי ביי דעם געוועהנליכען ערל (ניט גע'מל'טער), וואָס די ערלה איז צו איהם בעהעפט, און סיי ביי דעם ערל לב (האַרץ פערוואַקסענער), וועגען וועלכען עס איז דאָ פריהער גערעדט געוואָרען, דאָס די פערוואַקסונג לאָזט ניט ביי איהם דעם שכל אַריין געהן אין האַרצען; אָבער דער טמא איז אומריין אויף דורך און דורך, אויסערליך און אינערליך, סיי ביי דעם געוועהנליכען טמא [וואָס ווערט גערעכענט לויט דעם דין פון דער תורה קערפּערליך אומריין, צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען], און דאַרום זענען לויט'ן דין טמא די פליסיגקייטען וואָס קומען אַרויס פון איהם; סיי ביי דער טומאָה פון האַרצען און זעעלע, וועגען וועלכע עס ווערט דאָ יעצט גערעדט, וואָס זי איז איבערהויפּט אינערליך, און איז איינגעדרונגען אין דעם מענשענ'ס וועזען (עצם).

און דער זעלבער חילוק איז אויך פארהאן צווישען די צווייטע קלאסע און די דריטע, ווארום האטש אין די צווייטע קלאסע טהוט שוין דער מענש אויך אלע עבירות, אפילו די פון וועלכע ער האט קיין שום הנאה ניט. אבער דאס איז נאר צוליעב איין אויסערליכע סיבה, דאס איז די געוואהנהייט, אבער זיין וועזען איז נאך ניט פערראומרייניגט געווארען, ווי באלד דאס ער שפירט נאך די נידעריגקייט פון די זינד וואס ער טהוט; אבער אין די דריטע קלאסע איז ער שוין אינערליך אויך אינגאנצען פערראומרייניגט געווארען, און די אומריינקייט איז איינגעדרונגען אין זיין וועזען, ווי באלד אז ער פיהלט שוין מעהר ניט די נידעריגקייט פון די זינד וואס ער טהוט.

און איך רעכען, אז עס איז שוין גענוג צו געבען אייך א ציור (בילד) פון די דריטע קלאסע, און דארום וועל איך אנפאנגען אייך פארצושטעלען די פירטע קלאסע פון יצה"ר'ס שוהלע, אין וועלכע ער לאזט אראפ דעם מענשען, נאכהער ווי ער זעהט אז ער איז שוין פאלקאם אין די לעהרע פון די דריטע קלאסע, מיט אלע פונקטען און איינצעלהייטען.

די פירטע קלאסע.

ווען דער מענש געהט ארויס פון די דריטע קלאסע, איז ער שוין א פארטיגער גוי מיט אלע פרטים און דקדוקים, ער האלט זיך ניט אפ פון צו טהון אירגענד וועלכע עבירה עס קומט איהם צו דער האנד, סיי פון וועלכע ער האט יע הנאה סיי פון וועלכע ער האט קיין שום הנאה ניט, און עס וועט איהם שוין גאר ניט קלאפען אין הארצען אפילו אז ער וועט אבטהון אין איין אויגענבליק אלע עבירות פון דער וועלט צוזאמען; און פונדעסטוועגען איז נאך דער קודם פון זיין לעהרע אינגאנצען ניט פערענדיגט, ווארום דער ציעל פון יצה"ר, וועלכער איז אוועק צו פיהרען איהם אין א וועג פון וועלכע ער זאל זיך שוין ניט אומקעהרען, איז נאך ניט אינגאנצען ערייכט, און ממילא איז זיין נצחון נאך ניט קיין פאלקאמענער, וויל דער יצה"ר קען זיך ניט צופרידען שטעלען אינגאנצען מיט דעם, וואס ער האט געמאכט דעם אידען ווי איין אמת'ן געבארענעם גוי, ווארום לויט'ן כלל פון אונזערע חכמים: שנה ופירש יותר מכולם, דאס מיינט אז דער וואס האט געלערנט תורה און אוועק געווארפען האט ער איהר פיינט מיט איהרע לערנער נאך מעהר פון דעם וואס האט איהר קיינמאל ניט געלערנט, דארף דאך דער איד וואס ווערט א גוי זיין פיעל ערגער פון א געבארענעם גוי.

און אזוי ווי די גמרא דערצעהלט אונז (ברכות מז:): כל מצוה שהחזיקו בה כותים הרבה מדקדקים בה יותר מישראל, דאס הייסט דאס יעדע מצוה וואס די כותים (א סעקטע האלבע אידען אויפ'ן בארג גריזים) האבען אנגענומען, האבען זיי זיך געהאלטען אן איהר פיעל פעסטער, און האבען איהר אבגעהיט מעהר פינקטליכער ווי אידען זעלבסט, אזוי ברויכט דאך אויך צו זיין מיט איין עבירה וואס אידען האבען אנגענומען, דאס זיי דארפען זיך האלטען אן איהר פיעל פעסטער, און אבהיטען איהר פיעל פינקטליכער ווי גוים זעלבסט. און אזוי ווי אונזערע חכמים האבען אונז געלערנט (בבא קמא פז.) גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה, דאס הייסט דאס ביי גאט איז גרעסער אין ווירדע דער וואס טהוט א מצוה וועלכע מען האט איהם אנגעזאגט צו טהון, ווי דער וואס טהוט א מצוה וואס מען האט איהם ניט אנגעזאגט צו

טהון, אזוי איז אויך ביי דעם יצה"ר פיעל גרעסער אין ווירדע, דער וואס טהוט איין עבירה וועלכע מען האט איהם אנגעזאגט ער זאל ניט טהון, ווי דער וואס טהוט איין עבירה וואס מען האט איהם ניט אנגעזאגט אז ער זאל איהר ניט טהון.

און דארום לערנט דער יצה"ר דעם מענשען אין די פיערטע קלאסע, דאס ער זאל זיין א מדקדק (א שטארקער אנהענגער) אין עבירות, דאס הייסט עס זאל ניט זיין ביי איהם גלייך צי ער טהוט איין עבירה אדער ניט, און עס זאל ניט זיין ביי איהם גלייך צי ער טהוט זיין ארבייט אום שבת אדער אין איין וואכענדיגען טאג, ווי עס איז געווען ביז איהם ביז יעצט, נאר ער זאל זעהן אנווענדען אלע קרעפטען צו טהון פארקעהרט ווי גאט האט איהם געהייסען, אפילו ווען ער וועט האבען דאדורך שאדען אין געלד, און זאגאר אוואו עס קען איהם ברענגען אין א לעבענס-געפאהר אויך, למשל צו צאהלען בעסער א גרויסען פרייז פאר אלטע פערשימעלטע חזיר פלייש, איידער צו קויפען פרישע געזונדע כשרע פלייש פאר וואלוועל; און ארום צו געהן א גאנצע וואך ליידיג, און טהון זיין ארבייט דוקא אום שבת, אפילו ווען עס וואלט איהם בעסער איינגעטראגען ווען ער וואלט די זעלבע ארבייט געטהון אין א וואכענדיגען טאג; און צו רויכערען א ציגאר אום שבת, אפילו האבענדיג א לונגען פעהלער און דאס רויכערען שאדעט איהם, דאס צוליעב דעם רויכערט ער א גאנצע וואך גאר ניט; און צו אוועק ווארפען זיין שעהנע און רייניע יונגענד פרוי, און געהן ראמאנסירען מיט א העסליכע און שמוציגע נעגעריז, און דאס גלייכען, ווארום דאס טהואונג פון די עבירה זעלבסט, אהן קיין שום צוגאבע פון פערגעניגען אדער איינטראג, איז ביי איהם דער גרעסטער פערדיענסט, און דאס איבערטרעטען גאטעס פערזאג אליין איז ביי איהם פעררעכענט אלס א וויכטיגער צוועק, צוליעב וועלכען עס לוינט איהם צו פערלירען היבש געלד און יאהרען לעבען אויך.

און דאס איז לויט מיין מיינונג די ערקלערונג פון שלמה המלך'ס רייד (משלי ב): השמחים לעשות רע יגילו בתהפוכות רע. זיי פרעהען זיך צו טהון שלעכטעס, און זיי זענען צופרידען מיט די איבערקעהרעניש פון די שלעכטעס, דאס מיינט ער אונז צו געבען צוויי פראבעס, דורך וועלכע מען קען דערקענען אן די רשעים דאס זיי זענען שוין אין די פיערטע קלאסע. די ערשטע פראבע איז, דאס זיי פרעהען זיך מיט די שלעכטעס זעלבסט וואס זיי טהוען, אהן קיין פערגעניגען אדער פערדיענסט, מחמת דאס די שלעכטעס-טהואונג זעלבסט איז זייער ציעל, דארום פרעהען זיי זיך מיט דעם וואס זיי האבען עס ערדייכט, ניט ווי פריהער ווען זיי זענען נאך געווען אין די דריטע, דאס חאטש זיי האבען שוין מעהר ניט געוואוסט ווען זיי האבען געטהון איין עבירה, דאס זי עקזיסטירט גאר אויף די וועלט, האבען זיי דאך ניט געהאט קיין פרייד פון דעם וואס זיי האבען איהר געטהון, אזוי ווי זיי האבען פון דעם אויך קיין עגמת נפש ניט געהאט; דאס איז וואס שלמה זאגט אונז, זיי פרעהען זיך צו טהון שלעכטעס, דאס הייסט דאס זיי האבען דאס גרעסטע פרייד נאר דערפון אליין, וואס עס האט זיי געלונגען צו טהון איין עבירה.

די צווייטע פראבע איז, דאס זיי זענען צופרידען, אפילו ווען צוליעב זייער טהון די עבירות קומט זיי אוים צו פערלירען גרויסע סומען געלד און טהייערע זאכען און אויך צו ליידען צרות און וועהטאגען, און זאגאר צו ריזיקירען זייער געזונד און לעבען, ווארום דאס טהואונג פון די עבירות איז אין זייער בעגריף דער העכסטער פונקט פון גליק, דאס עס לוינט צוליעב איהם פערלירען די זאכען וואס זענען ביי דעם מענשען

אַם ליעבסטען און אַם טהייערסטען, און צו פרעהען זיך נאָך מיט דעם וואָס זיי האָבען געמאַכט אַ גוטען אויסבייטונג, דאָס הייסט אַז דער פערדיענסט איז פיעל גרעסער פון שאָדען; דאָס זאָגט שלמה ווייטער: זיי זענען צופרידען מיט דער איבערקעהרעניש פון די שלעכטעס, דאָס הייסט אַז אפילו ווען די שלעכטעס איז גאָטעס אוינגען וואָס זיי טהוען, ווערט איבערגעקעהרט ווערען אויף שלעכטעס פאַר זיי, דאָס אַנשטאָט דעם פערגעניגען וואָס זיי האָבען געהאָפט צו האָבען דערפון, וועלען זיי האָבען צרות און אומגליקען, וועלען זיי דאָך זיין צופרידען פון דעם.

און אויף די ערשטע פראָבע בעציהען זיך אויך די רייד פון פסוק (ירמיה יא): כי רעתכי אָז תעלוזי, ווען דו טהוסט שלעכטעס דאַן פרעהסט דו זיך, דאָס הייסט דו פרעהסט זיך מיט די שלעכטעס זעלבסט, דאָס איז מיט דעם וואָס עס האָט דיר אָבגעגליקט צו טהון איין עבירה, און דיין פרייד איז ניט פון די הנאה פון איהר, נאָר פון איהר טהואונג זעלבסט.

און אָט פאַר דיזען אַרט לערנונג, וואָס דער יצה"ר לערנט אין דיזע קלאַסע, ווערט ער אָנגערופען מיט דעם נאָמען „שׂונא", מחמת ער לערנט דעם מענשען ער זאָל פיינט האָבען די תורה און די מצות פון גרונד זאָ פיעל, אַז דער איבערטרעטען אויף זיי זאָל זיין ביי איהם די גרעסטע פרייד, ווי מיר האָבען אויבען ערקלערט. און ווען ער ענדיגט מיט איהם די לעהרע אין דיזע קלאַסע, לאָזט ער איהם אַראָפּ אין די פינפטע קלאַסע, וועלכע איז נאָך פיעל ערגער.

די פינפטע קלאַסע.

אין איהר לערנט דער יצה"ר דעם מענשען, און געוואָהנט איהם איין, ער זאָל זיך ניט בעגנוגענען מיט זיין אייגענעם זינדיגען, נאָר ער זאָל זיך סטאַרען און זוכען מיטלען צו מאַכען אַנדערע מענשען אויך זינדיגען, ווי ירבעם בן נבט אין זיין צייט; און ער זאָל אויך זעהן פערזאָרגען, אַז זיינע קינדער זאָלען ערצויגען ווערען אָהן תורה און אָהן אמונה (רעליגיאָן), און זיי זאָלען פון יודענטהום קיין שום בעגריף ניט האָבען. און אַז זיי וועלען גרויס ווערען זאָל ער אַליין שווער אַרבייטען צו מאַכען זיי פאַר אמת'ע גוים, און איין צו געוואָהנען זיי אין יעדע הולטייסטוואָ און אויסגעלאַסענהייט, ניט מחמת ער וועט מיינען אַז ער זוכט דערמיט זייער טובה, וואָרום ווי קען ער ניט זעהן און פערשטעהן ווי ווייט דאָס איז שעדליך פאַר זיי, און זאָגאַר געפעהרליך פאַר זייער לעבען? נאָר צוליעב דעם וואָס ער וועט זיין אינגאַנצען אָבגעגעבען דעם געדאַנקען אַריין צו ציהען גרים אין דעם ~~ייוועלם~~ גלויבען.

און אַנשטאָט דעם וואָס ווען ער איז נאָך געווען אין די פריהערדיגע קלאַסען, האָט ער געקוקט מיט האַס (שׂנאה) און פעראַכטונג אויף אַלע אַנדערע עבירה'ניקעס, און האָט זיך געסטאַרעט צו געבען זיינע קינדער, מעהר אָדער וועניגער, איין אידיש רעליגיעזע און מאָראַלישע ערציהונג, און ווען עס האָט יע געטראָפען דאָס אירגענד וועלכער פאָטער האָט ניט אַכטונג געגעבען אויף די ערציהונג פון זיינע קינדער, איז דאָס נאָר איינפאַך געווען צוליעב פוילקייט, אָדער צוליעב דעם וואָס ער איז געווען אַזוי פיעל אַריין געלאָזען אין תאוות, דאָס ער האָט ניט געהאַט קיין צייט זיך אָב צו געבען מיט זיינע קינדערס ערציהונג, אָבער פון דעסטוועגען האָט ער זיי אויף קיין פאַל פאַקטיש ניט געלערנט צו טהון שלעכטעס,—טהוט ער יעצט ליעבען און זעהר

שעצען די הולטייעס *), און דער וואס איז ניט קיין הולטיי איז ביי איהם פערדרעבענט

---

*) דא האב איך אנצומערקען דעם וואונדערבארען פאקט, דאס אפילו די פרימסטע לייטע אין אמעריקא געבען אב דעם גרעסטען כבוד די עבירה'ניקעס, נאר דערפאר אליין וואס זיי זענען עבירה'ניקעס; אט למשל, זענען די פרעזידענטען (גבאים) פון די שוהלען אין אמעריקא כמעט אלע עפענטליכע מחללי שבת, ווען מען האט געקענט געפינען פיעל אנשטענדיגערע און זאגאר רייכערע מענשען ניט קיין מחללי שבת. און מיר איז שוין אמאל אויסגעקומען צו זיין אין א קליין שטעדטיל אין טעקסאס, אוואו אלע אידען זענען געוועזען שומרי שבת, אויסער דעם פרעזידענט פון שוהל וואס פלעגט רויכערען דעם ציגאר אום שבת עפענטליך, און ווען איך האב מיט די שטאדט לייט גערעדט וועגען די פעהלערען פון זייער געמיינדע, האב איך זיי פארקאסטיש אויפמערקזאם געמאכט, דאס עס פעהלט זיי אויך אין געמיינדע א וויכטיגע פערזאן, וועלכע זיי דארפען זאפארט בעזארגען פון אירגענד אנדערש וואו, און דאס איז א קאנדידאט פרעזידענט מחלל שבת, דען טאמער פאהרט דער פרעזידענט פלוצלונג אוועק, אדער עס טרעפט איהם וועלכע סיבה, וועט מען דאך לויט'ן מנהג אמעריקא גארניט קענען יוצא זיין מיט קריאת התורה, ווי באלד אז עס וועט ניט שטעהן א מחלל שבת ביי דער ספר תורה.

די סיבה פון דעם זאנדערבארען מנהג איז, מחמת דעם וואס אין די פריהערדיגע צייטען זענען געוועזען שומרי שבת נאר די ניי אנגעקומענע אין אמעריקא, וועלכע זענען בכלל זעהר ארעם, און די איינציגע רייכע פערזאנען וואס האבען זיך געפונען אין דער געמיינדע זענען געוועזען פון די לאנג אנגעקומענע, וועלכע זענען געוועזען כמעט אלע מחללי שבת, און אזוי ווי מען האט געברויכט צו האבען אן דער שפיצע פון געמיינדע א רייכע פערזאן, דאס ער זאל איהר אויפהאלטען, האט מען געמוזט זוכען א מחלל שבת. און מען האט זיך דאמיט אזוי לאנג איינגעוואהנט, דאס מען האט עס אנגענומען אלס מאדע, וואס ברויכט קיין שום טעם ניט צו האבען, און דעריבער איז אפילו היינט, ווען עס גיבט שוין גענוג רייכע מענשען שומרי שבת אין אמעריקא, האלט מען זיך נאך ביים אלטען מנהג: דאס מען מוז אויסוועהלען דוקא א מחלל שבת.

און אין א שטאדט אין דער ליטא איז אויך פארגעקומען א עהנליכע פאסירונג, דאס דער הויפט אנפיהרער פון שטאדט, דאס הייסט דעם וואס מען האט געפאלגט ווען ער האט נאר גע־וואלט אנפיהרען א מחלוקת, אדער אויפטהון א נייעס אין שטאדט, למשל צוויי רבנים צוויי שוחטים צוויי חברה קדישא'ס צוויי חברה משניות'ן און דאס גלייכען, איז געוועזען א גרויסער הולטיי (אין דעם בעזאנדערען זינען פון דעםווארט), נאר מען האט איהם געפאלגט פאר זיינע מעלות, ווארום ער איז געוועזען א שטיקעל יודע ספר, און איניגער מאסען געבילדעט ואום עס זאל אייך ניט וואונדערען דאס וואס דורך דיעזע צוויי מעלות וועלכע שפילען היינט א קנאפע ראליע האט ער געהאט אזא גרויסען איינפלוס אין שטאדט, וועל איך אייך אויסזאגען בסוד, דאס עס האבען איהם דאצו געהאלפען זיינע אנדערע וויכטיגע אייגענשאפטען, נעמליך ער האט געהאט א פערדיגען פיסק א בריטאן, און איז געוועזען איין עזות פנים און אנ'אפיקורס, א שלעגער און א מסור, א פוילער וויטצלינג און א מיזזוסער נבול פה'ניקו, און אז ער איז אוועק געפאהרען קיין דייטשלאנד האט זיך אויפגעהויבען איין אנדער הולטיי, וואס האט אבער קיין שום אנדער מעלה און אייגענשאפט ניט געהאט, און האט געוואלט ווערען דער שטאדט פיהרער אנשטאט יענעם, האט מען איהם געזאגט פאלגענדען משל: א מאל האט א דורכגעהענדער ארימאן אין א שטעדטיל געזעהן ווי עס רודערט דער גאנצער בית המדרש, האט ער געפרעגט די סיבה דערפון, האט מען איהם געענטפערט, דאס אזוי ווי מאשקע פאיך, דער פרנס חודש פון שטעדטיל איז געשטארבען

אלס די ערגסטע בעשעפעניש אין דער וועלט, און אויב זאגאר זיינע אייגענע קינדער וועלען איהם ניט פאלגען צו געהן אין זיין וועג, וועט ער זיי אויך ווערען א בלוט פיינד (דם שונא).

און באמת איז זעהר צו בעוואונדערען, ווי אזוי עס קען זיין דאס א מענש זאל האבען א תאוה אז דער אנדערער זאל זינדיגען, און אין פלוג קען גאר אויף דעם קיין ערקלערונג (תירוץ) ניט זיין, ווארום דאס איז א זאך וואס איז אין געגענזאץ מיט'ן מענשענס נאטור, און דארום געפינט זיך עס ניט ביי די מענשען וועלכע לערנען אין די פריהערדיגע קלאסען, נאר מיר זעהען אין זיי דוקא פארקעהרט, דאס יעדער זינדיגער שטערט דעם צווייטען — ווען נאר מעגליך — פון צו טהון וואס ער טהוט אליין. און מיט דעם האב איך ערקלערט שלמה המלך'ס רייד (משלי כא): נפש רשע אותה רע לא יוחן בעיניו רעהו, דער גייסט פון הולטיי בעגעהרט הולטייסטווא עס ווערט ניט געלייטזעליגט אין זיינע אויגען זיין חבר, דאס מיינט ער דאס דעם הולטיי'ס נאטור בעגעהרט די הולטייסטווא פאר זיך אליין, אבער צו זיין חבר האט ער ניט קיין מיטגעפיהל, דאס ער זאל איהם אויך ערלויבען הנאה צו האבען פון די זעלבע הולטייסטווא, ווייל א מענש איז א בעל תאוה פאר זיך אליין און ניט פאר'ן צווייטען, טא וואס איז די סיבה דערפון וואס מיר זעהען, דאס אין דיזע קלאסע סטארעט זיך דער מענש צו מאכען זינדיגען זיינע חברים אויך?*

נאר מיט דעם עווינגענס הילף איז מיר געלונגען אויס צו געפינען די ערקלערונג דערפון, וועלכע איז, דאס דער יצה"ר גיט אויף דעם מענשען אין דיזע קלאסע א נארישען געדאנק, נעמליך דאס צוליעב דעם וואס פיעלע מענשען וועלען געהן אין זיין וועג, און וועלען זיך אויפפיהרען לויט זיין אויפפיהרונג, וועט ממילא בעשטעטיגט ווערען די גערעכטיגקייט פון זייער געמיינזאמע אויפפיהרונג, ווארום ווי קענען פיעלע מענשען זיך אירען (א טעות האבען)? אנשטאט דעם וואס ווען ער געפינט זיך אליין ביי זיין שלעכטע אויפפיהרונג, געהען איהם אפט ארויף אויפ'ן געדאנקען — זאגאר געגען זיין ווילען — אומעטיגע רעיונות, וועלכע נאגען איהם דעם מוח פרעגענדיג: וואס וועסט דו טהון ווען עס וועט קומען דער בעשטימטער טאג, אין וועלכען דו וועסט דארפען ענטפערען פאר אלע דיינע מעשים? און אפילו די געוויסע פראקטישע עצה דאצו: אוים מיידען פון צו טראכטען וועגען די מעשים וואס מען האט געטהון, און ארוים צו יאגען מיט געוואלד פון געדאנקען יעדען רעיון וועגען רעכענונג און בע־שטראפונג, און אוים צו לעשען אין אלגעמיין יעדען פונק פון שכל און פערשטאנד

קען מען ניט צופאסען קיין אנדערען. ווען עס איז שפעטער געוועזען דאריבער איין אסיפה איז געקומען דער ארימאן אין קהל שטיבעל און האט זיך געווענדעט צו די בעלי בתים מיט דעם לשון: „רבותים! אזוי ווי איך האב געהערט דאס איהר קענט ניט געפינען א פאסענדען פרנס חודש אנשטאט דעם פערשטארבענעם מאשקע פארך, נעם איך די ערלויבניס זיך פארצושטעלען אלס קאנדידאט, ווארום קיין גרעסערען פארך ווי ביי מיר וועט איהר אין דער גאנצער וועלט ניט געפינען", און אזוי רעדענדיג האט ער אראבגענומען די היטעל, צו איבערצייגען זיי דאס ער איז גיט קיין ליגנער, און ווען ער האט בעקומען אלס תשובה אויף זיין פארשלאג: ארויסגע־ווארפען פון שטיבעל מיט א פאר צעהנדליג קלעפ א צוגאב דערצו, האט ער קוים פערשטאנען, דאס א פארך פאר א פרנס חודש איז א מיאוסער חסרון, נאר מאשקע האט מסתמא בעוועסען פיעל מעלות וואס האבען עס איבערגעוואויגען.

וואָס וועט אָנפאַנגען צו שײַנען אין דעם מוח, וואָס דאָס איז דער איינציגער מיטעל פאַר די זינדיגע צו שטילען דורך דעם זייער געוויסענס ביסע,—העלפט אויך ניט אַלע מאָל; אָבער ווען דער מענש בעפינט זיך אין געזעלשאַפט פון פילע מענשען זיינער גלייבען, איז אויסער דעם וואָס דער בעוואוסטער שפּריכוואָרט זאָגט: צרת רבים חצי נחמה, דאָס הייסט אַז דאָס וואָס דער מענש זעהט ביי פילע אַנדערע די זעלבע צרה וואָס ער האָט, איז דאָס פאַר איהם איין האַלבע טרייסט, און אַ מענש וועט בעסער איינווילינגען צו רייזען מיט אַ קאָמפּאַניע אין אַ שלעכטע שיף, איידער צו רייזען אַליין אין אַ גוטע, — פיהלט זיך דער מענש פיעל זיכערער אין זיין גערעכטיגקייט, ווען ער זעהט אַז פילע מענשען האַלטען מיט איהם *).

און האָטש ער ווייס נאָך גאָר קיין טענה ניט מיט וואָס זיך צו פערענטפערען, ווארום דער יצה"ר האָט איהם נאָך דערווייל ניט געלערנט צו לייקענען אָן גאָט און אָן דין וחשבון, פונדעסטוועגען שטעלט איהם פאַר זיין פאַנטאַסטישע האָפענונג, דאָס ער מעג זיין זיכער דאָס זיי זענען גערעכט, צוליעב וועלכע טענה וואָס איז זיי נאָך דערווייל ניט בעוואוסט, ווארום ווי קען דאָס זיין דאָס פילע מענשען צוזאַמען זאָלען בלאָנדזשען, און ניט קענען געפינען די ריכטיגע וועג? איי וואָס, ער ווייס דאָך אַליין דאָס זיי זענען פון זיך אַליין ניט געגאַנגען אין דער וועג, נאָר ער האָט זיי פערפיהרט אין איהר דורך פערשיעדענע קינסטליכע מיטלען, און זייער אייגענער שכל איז קיינמאָל דערביי גאָר ניט בענוצט געוואָרען, ממילא געפינט זיך ביי דער גאַנצער קאָמפּאַניע אַלץ מעהר ניט ווי זיין איינציגער שכל אַליין? איז דאָך דארום דער מענש זעהר

---

*) עס איז פאַרהאַן נאָך אַ טעם אויף דעם וואָס ער טהוט עס, וועלכער איז: דאָס ווען ער איז איינער אַליין שעהמט ער זיך נאָך אַ מאָל צו אַ ביסעל, פון דעם וואָס מען וואַרפט איהם אויף אַז ער איז אַ בעל עבירה און אַ הולטיי, אָבער ווען ער וועט האָבען צו זיך אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, וועט זייער אויפפיהרונג בעקומען אַ צורה פון האָטש וועלכע עס איז אַ שיטה (סיסטעם), און מען וועט זיך שוין מעהר ניט ברויכען צו שעהמען מיט איהר. און די זעלבע זאַך זעהען מיר אויך ביי די צבועקעס (מענשען וואָס זענען זיטטליך און מאָראַליש געפּאַרבט), דאָס איינער האַלט פאַר'ן צווייטען, נעהמט זיך אָן פאַר איהם, און פערענטפערט זיינע מעשים דאָס זיי זענען אמת'ע, אַלעס צוליעב דיזעלבע טעמים. און אויך דעריבער ליעבט ניט די וועלט בכלל מען זאָל רעדען וועגען צבוע'שטטוואָ און אויפדעקען עס, נאָר פאַרקעהרט, זי בעמיהט זיך צו פערדעקען און פערענטפערען עס, מחמת דאָס כמעט יעדערער האָט אין זיך אַ געוויסען טייל—מעהר אָדער וועניגער—צבועטסטוואָ, דאָס הייסט ער בעמיהט זיך אַרויסצווייזען בעסער און פרימער ווי ער איז אין דער וואַהרהייט.

און אַמאָל האָב איך געזאָגט דערויף פאָלגענדען משל: אַ בעקער האָט געקויפט אין אַ קראָם האָבערנע גריץ, און ווען זיין ווייב וואָס איז אויך געוועזען דערביי האָט איהם געזאָגט: דאָס ער זאָל אַ שמעק טהון די גריץ אויב עס איז ניט טוכלע, האָט ער אַ שמעק געטהון און געזאָגט: דאָס עס שמעקט זעהר פריש און גוט. קומענדיג אַהיים האָט די ווייב אַליין אַ שמעק געטהון האָט זי געזעהן דאָס עס איז טוכלע, האָט זי איהם געפרעגט פאַר וואָס ער האָט זיך אַליין גענאַרט? האָט ער געענטפערט, דאָס אַזוי ווי ער האָט אויך געקויפט אויף צו באַקען ברויט טוכלע קאָרן, אין'ם זעלבען פלאַץ וואו דער קרעמער האָט געקויפט טוכלע האָבער פון וועלכע ער האָט געמאָלען די גריץ, דעריבער. דאַרף מען אַרויסברענגען אַ נייע מאָדע אין שטאָדט: דאָס טוכלע שטינקט ניט נאָר עס שמעקט.

קורציכטיג אין דיעזע הינזיכטען, און אַזוי ווי ער וויל ניט זעהן און בעטראַכטען וואָס עס איז פאַר איהם, דאָס הייסט צו בעקלערען וואָס שפּעטער וועט זיין, אַזוי וויל ער ניט זעהן און בעטראַכטען וואָס עס איז הינטער איהם, דאָס הייסט צו בעקלערען און דערמאָהנען זיך וואָס פריהער איז געוועזען, נאָר עס איז גענוג פאַר איהם וואָס ער זעהט אין דער געגענוועהרטיגער צייט אַרום זיך אַ גרויסע באַנדע פון זינדיגע און הולטייעס, דאָס ער זאָל דאַדורך ווערען ביי זיך אַ גאַנצער תקיף, און זאָגען: איך בין אָהן קיין צווייפעל גערעכט, והראיה אַז מיט מיר איז אַ גרעסערע קאָמפּאַניע ווי מיט די רעליגיעז־פרומע, און מיט דיעזע פאַלשע טענה פערטרייבט ער פון זיך דעם געדאַנק פון געוויסענס־ביסע, וואָס עס נאָגט איהם אָפט אין האַרצען ווי אַ וואָרעם.

שפּעטער, בעטראַכטענדיג די זאַך אַ צווייטען מאָל, האָב איך אויסגעפונען דאָס די מדה פון קנאה, וואָס שפּיעלט אין אַלגעמיין אַ קאָלאָסאַלע ראָליע פון אומגליק אין דעם אידענס לעבען, האָט אויך אַ האַנד דאַרין, וואָרום ער האָט מורא דאָס ער זאָל ניט איבער בלייבען אַליין אין גיהנם, און די גאַנצע וועלט וועט זיין אין גן עדן, דאַרום סטאַרעט ער זיך צו ערווערבען וואָס מעהר קאַנדידאַטען פאַר'ן גיהנם, און ער האָפט דאָס מיט דער צייט וועט איהם געלינגען אַריין צו ברענגען דאָרט די גאַנצע וועלט; און איבערהויפּט סטאַרעט ער זיך צו פערפיהרען זיינע גוטע פריינד און בעקאַנטע, וואָס אויף זיי פאַלט מעהר די קנאה ווי בעוואוסט נאָגב בעזאָרגט ער זיך עס זאָל איהם דאָרט זיין פרעהליך, דאַרום ברויכט ער צו האָבען דאָרט אַ רעכטע קאָמפּאַניע מיט וועמען צו אונטערהאַלטען זיך, און דאַרום סטאַרעט ער זיך אויך צו האָבען דאָרט די געזעלשאַפט פון זיינע ליעבלינגס קינדער ער זאָל קענען פערברענגען מיט זיי די צייט אין פערגעניגען], נאָר אין דיעזען הינזיכט וועט ער ניט מקנא זיין זיינע חברים און קינדער, נעמליך ווען זיי וועלען איהם אַריבער שטייגען און זיין גרעסערע הולטייעס פון איהם, אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבען אונז געלערנט: בכל אָדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו, אַ מענש איז מקנא יעדערען וואָס איז העכער ווי ער, אויסער זיינם אַ קינד אָדער אַ תלמיד.

און אָט צוליעב דיעזען אַרט לערנונג פון דעם יצה"ר מיט'ן מענשען אין דיעזע קלאַסע, ווערט ער אָנגערופען מיט'ן נאָמען „מכשול" (שטרויכלונג), ווייל ער רעדט אָן דעם מענשען און לערנט איהם אַז ער זאָל מאַכען שטרויכלען אַנדערע מיט איהם, דאָס הייסט ער זאָל זיך סטאַרען און זוכען מיטלען צו מאַכען זינדיגען פיעלע מענשען, און זאָגאַר די גאַנצע וועלט; און דאָס איז די ערקלערונג פון ישעיה הנביא'ס רייד, וואָס דער דרשן האָט געבראַכט: נעהמט אַוועק יעדעס שטרויכלונג פון מיין פאָלקס וועג, דאָס הייסט מען זאָל אָבּרוימען די אָנרייצער און די פערפיהרער, וואָס סטאַרען זיך צו מאַכען שטרויכלען די אידישע קינדער, וועלכע זענען מעהרסטענטהיילס עהרליך פון נאַטור.

און ווען דער יצה"ר ענדיגט זיין לעהרע מיט'ן מענשען אין דיעזע קלאַסע, ברענגט ער איהם אַריין אין אַ קלאַסע, וועלכע איז מעהר פאָלקאָם פון איהר אין מאַכען זינדיגען.

די זעקסטע קלאַסע.

אָנשטאָט דעם וואָס אין די פאָריגע קלאַסען איז דער מענש געוועזען נאָר אַ דער־וויילינגער בעל עבירה, וואָרום ער האָט אויף קיין פאַל ניט געוואָלט צולאָזען, דאָס די

פראגע וועגען זיין סוף זאל ארויף אויף זיין געדאנקען, און ווען זי האט אנגעפאנגען אריין צו דרינגען אין זיין מוח, האט ער איהר מיט געוואלד אבגעשטויסען, און פערשלאגען מיט אנדערע רעיונות, און ממילא קען מען ניט זאגען דאס ער האט גערעכענט צו שטארבען דוקא א הולטיי, זא גלייך ווי מען קען ניט זאגען בעשטימט דאס ער האט גערעכענט צו ווערען א בעל תשובה פאר'ן טויט, און עס איז זעהר נאהנט צום אמת דאס עס האט איהם טאקי אבגעגליקט, דאס ער האט ניט צוגעלאזען די אויפגאבע פון זיינע קומענדע טעג זיך פארשטעלען פאר איהם; נאר אויב עס האט יעאמאל געטראפען דאס די פראגע האט זיך געגען זיין ווילען און אנשטרענגונג אריין גע'גנב'עט צו איהם, און האט זיך איהם פארגעשטעלט, האט ער זיך געוויס ענטשלאסען צו ווערען אמאל א בעל תשובה, — זעלבסט פערשטענדליך, ניט פריהער ווי אין זיינע לעצטע טעג, ווען זיינע קרעפטען וועלען שוין זיין אינגאנצען אויס געשעפט, און ער וועט שוין מעהר ניט קענען זינדיגען, — וועט ער מיט דעם געווינען יענע וועלט אויך, און ממילא וועט ער גענ‏יסען מיט'ן פולען מויל פוןביידע וועלטען, עולם הזה און עולם הבא צוזאמען [דאס איז טאקי גאר ניט קיין נארישער פלאן], — לערנט איהם דער יצה"ר אין דיזע קלאסע, ער זאל דוקא פערדאנגה'ן פאר'ן סוף זיינעם, דאס הייסט ער זאל זעהן זארגען דאפיר אז ער זאל פערבלייבען א בעל עבירה ביז'ן סאמע טויט, און ער זאל זוכען מיטלען וועלכע זאלען איהם פיהרען צו דיזען צוועק; און אזוי ווי קארטעס האט צוברעכען זיינע שיפען כדי זיינע סאלדאטען זאלען זיך ניט קענען צוריק קעהרען א היים, אזוי זאל ער זיך אויך בעזארגען דאס ער זאל זיך קיינמאל ניט קענען צוריק קעהרען צו דער גוטער וועג, אפילו ווען זיין דעה זאל זיך אמאל בייטען און ער וועט וועלען תשובה טהון; און אזוי ווי דער אמת'ער צדיק בעגנוגענט זיך ניט מיט זיין דערווייליגע פרומקייט, נאר ער זוכט מיטלען צו פערבלייבען דערביי זיין גאנצען לעבען, אזוי זאל ער אויך טהון אין דעם ענטגעגענדיגען זייט, און עס זאל איהם שטעכען אין הארצען ווי א שפיז דער געדאנקען, דאס פיליכט וועט ער ניט קענען זעהר פיעל זינדיגען צו דער עלטער, ווען עס וועט שוואך ווערען זיין קערפער און עס וועלען אויסגעהן זיינע קרעפטען [און דערמיט איז פערשטענדליך די סיבה פון וואס מיר זעהען, דאס פיעלע מענשען פון דיזע קלאסע בעגעהען זעלבסט-מארד אין טיעפען עלטער, דאס איז צוליעב זייער גרויסען פערדראס און הארץ קרענקונג, פון דעם וואס זיי קענען שוין מעהר ניט זינדיגען מיט אזא חשק און אזוי פיעל ווי פריהער].

און דאס איז לויט מיין מיינונג די ערקלערונג פון פסוק (בראשית ו): וירא ה' כי רבה רעת האדם בארץ, וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום, און גאט האט געזעהן דאס עס איז פיעל די שלעכטעס פון דעם מענשען אויפ'ן ערד, און דער גאנצער ווילען פון די געדאנקען פון זיין הארץ איז נאר שלעכטעס א גאנצען טאג, דאס די כונה פון די ווערטער: א גאנצען טאג איז אין פלוג אונפערשטענדליך, און די איבערזעצונג פון אונקלוס „כל יומיא" (אלע טעג) איז אויך ניט מעהר פערשטענדליך. [וויצענארטיג האב איך אויף דעם אזוי געפרעגט: דאס הגם אונזערע חכמים זאגען (שבת פט:), אז יצחק וועט פערענטפערן די אידען פאר'ן עוויגען מיט אזא טענה, דאס מען זאל אראפ נעהמען פון די פופציג יאהר פון דעם מענשענס לעבען (ווארום פאר די ערשטע צוואנציג יאהר פון זיין יוגענד ברויכט ער ניט בעשטראפט צו ווערען) א העלפט צייט וואס די נעכט פערנעהמען, בלייבען איבער מעהר ניט ווי פינף און צוואנציג יאהר. און פון דעם זאל מען אראפ נעהמען א העלפט וואס עס פארנעהמט די צייט

פון דאווגען און עסען און געהן אין בית־הכסא, וואס דער מענש זינדיגט ניט אין דער צייט, בלייבען איבער בסך הכל מעהר ניט ווי צוועלף מיט א האלב יאהר, אין וועלכע דער מענש זינדיגט; אבער אזא רעכענונג האט נאר געקענט גילטען אין זייער צייט, אבער ווערליג מיר זעהען היינט אין אמעריקא האט יצחק'ס טענה קיין שום פלאץ ניט, ווארום דער עולם זינדיגט ביי נאכט אויך, און נאך מעהר: דאס דאן איז דוקא דער עיקר זינדיגען, און דעם תירוץ פון דער צייט פון דאווגען האבען זיי אויך ניט, ווייל זיי דאווגען אינגאנצען ניט, און דעם תירוץ פון דער צייט פון עסען און טרינקען האבען זיי אויך ניט, ווארום זיי עסען טריפות און טרינקען יין נסך, בלייבט מעהר ניט איבער ווי דער תירוץ פון דער צייט פון בית־הכסא, און פיליכט וועלען נאך די ערפינדערישע אמעריקאנער אויסגעפינען נייע מיטלען ווי צו זינדיגען דארט אויך, און אזוי ווי דער דור המבול איז דאך געווים ניט געוועזען בעסער פון זיי, קומט דאך די פראגע וואס זאגט דער פסוק: א גאנצען טאג, אוואו איז דען די נאכט?].

אבער די כונה פון פסוק איז ווי מיר האבען אויבען ערקלערט, דאס א חוץ דעם וואס זיי טהוען שלעכטעס פיעל עס איז נאר מעגליך אין דער געגענווערטיגער צייט, איז זייער שטארקסטער וואונש און אלע געדאנקען פון זייער הארצען, נאר צו בעזארגען: דאס אויך אין דער קינפטיגער צייט זאלען זיי טהון שלעכטעס א גאנצען טאג, און אין אונקלוס'עס איבערזעצונג איז דאס דייטליכער: „אלע טעג“, דאס מיינט אז זיי זאלען טהון שלעכטעס אלע טעג פון זייער לעבען ביז זייער טויט.

און אט צוליעב דיעזען ארט לערנונג פון דעם יצה"ר אין דיעזע קלאסע וועט ער אנגערופען מיט'ן נאמען „אבן“, צוליעב דעם וואס ער האט פערהארטעוועט דעם מענשענס הארץ ווי א שטיין, אז דער מענש זאל שוין מעהר קיין תשובה ניט טהון, ווארום אזוי ווי דער שטיין קען לויט דער נאטור ניט ווייך ווערען, און ניט ווערען איבער א נייעם פלייש, אזוי קען שוין דער מענש פאר קיין פאל זיך ניט צוריק קעהרען פון זיין שלעכטע וועג, ווען ער האט שוין געלערנט אין דיעזע קלאסע, ווארום ער האט שוין אליין אויסגעזוכט און אויסגעברויכט אלע מיטלען, וועלכע זאלען איהם ניט דערלאזען אייביג תשובה טהון; נאר אין דער קינפטיגער משיח צייט (לעתיד לבוא) וועט דער עוויגער טהון א נס מיט די אידען, צו מאכען אז זיי זאלען תשובה טהון, חאטש דאס איז לויט דער נאטור אונמעגליך, און אזוי ווי די מליצה'דיגע (פאעזישע) רייד פון נביא יחזקאל, וועלכע דער דרשן ברענגט: איך וועל ארויס נעהמען פון אייער קערפער די שטיינערנע הארץ, און איך וועל אייך געבען א פליישענע הארץ, וואס די פשוטע ערקלערונג דערפון איז, דאס צוליעב דעם וואס עס איז אונמעגליך אויס צו היילען א הארץ וועלכע איז פערשטיינערט געווארען, אז זי זאל ווערען איבער א נייעם פלייש, וועט דארום דער עוויגער ארויס נעהמען איהר אינגאנצען, און וועט ארייין געבען אנשטאט איהר איין אנדער הארץ; און די כונה פון דיעזע מליצה'דיגע רייד איז ווי מיר האבען אויבען געזאגט, אז דאס וואס די אידען וועלען תשובה טהון, וועט זיין מיט'ן עוויגענס הילף דורך א נס ניט מיט דער נאטור.

און ווען דער מענש וועט פערענדיגען דעם קורס פון זיין לעהרע אין דיעזע קלאסע, וועט איהם דער יצה"ר אריין ברענגען אין די לעצטע קלאסע, די סאמע אונטערשטע אבטהיילונג פון גיהנם, די גאנץ נידעריגסטע שיכטע פון פינסטערען אבגרונד. הערט זיך נאר גוט איין איהר ארט לעהרע!

די זיעבּעטע און לעצטע קלאַסע.

בּיז יעצט האָט זיך נאָך אַלעס ניט געענדיגט דער פולער קורס פון דעם יצה"ר'ס לעהרע, ער קען נאָך אַלץ ניט אָנרופען זיין זיעג (נצחון) איבּער'ן מענשען פאָלקאָמענעם זיעג, וואָרום אפילו ווען זיין תלמיד דער מענש זאָל אָבּטהון מיליאָנען עבירות, מיט די שטרענגסטע אָבּהיטונג און מיט די גרעסטע שמחה, און עס זאָל בּיי איהם רעכט זיין אָנצוווענדען אויף זייער אויספיהרונג די שווערסטע מיהע און די גרעסטע סומען געלד, פון דעסטוועגען ליגט נאָך אויף איהם די מורא פון זיין האַר דעם עוויגען, וואָרום בּיז יעצט האָט ער נאָך ניט אוספּעיעט אַראָבּ צו וואַרפען פון זיך אינגאַנצען דעם יאָך פון די הימעלשע הערשאַפט, און ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט אָבּ צו לייקענען אָן גאָט אינגאַנצען, און צו זיין בּיי זיך זיכער און פעסט אַז עס איז גאָר קיין בּעל הבּית און אויפזעהער אויף דער וועלט ניטאָ, דערפאַר ווילט זיך יעצט דעם יצה"ר מאַכען דעם תלמיד פאַר אַ אמת'ן מופקר, דאָס הייסט אַ מענש וואָס האָט פון זיך אַלעס אַראָפּ געוואָרפען, אום ער זאָל אויף זיך ניט האָבּען קיין שום יאָך און קיין שום מורא פון קיין שום אויבּער האַר און הערשער; און אויך דאָס די סאַמע נידעריגסטע עבירות וואָס ער טהוט זאָלען זיין דאָס געזעץ און גערעכטיגקייט זעלבּסט, ניט ווי עס איז געוועזען בּיז יעצט, דאָס הגם ער האָט זעהר פיעל געזינדיגט און געהולטעוועט אָהן האַרץ קלאַפּעניש און געוויסענס-בּיסע, האָט ער דאָך אַלץ גוט געוואוסט, און אויך געפיהלט אין געוויסען, דאָס ער טהוט אונרעכט געגען גאָטעס ווילען און זיין תורה און זיינע געזעצען, וואָס שטעהען און שרייען: געוואַלד! ווי ערלויבּסט דו זיך דאָס צו טהון? און דאָס וועט אַיינטראָגען דעם יצה"ר איין דאָפּעלען אַיינטראָג און פּערדיענסט.

ערשטענס, דאָס דאַן וועט דער מענש זינדיגען פיעל מעהר ווי ער האָט געזינ-דיגט בּיז יעצט, מחמת ער וועט אויף זיך ניט פיהלען קיין שום אויבּער האַר, און עס וועט איהם שוין מעהר ניט קענען פאָרקומען קיין מורא פאַר גאָטעס שטראָף.

און דורך דעם האָבּ איך אַמאָל ערקלערט דעם טעם דערפון, וואָס אַ גנב צאָהלט לויט'ן דין פון דער תורה דאָפּעלע צאָהלונג, און ווען ער שעכט אַ לעבּעדיגע גע'גנב'טע זאַך צאָהלט ער פיער און פינף מאָל ווי דער ווערטה דערפון איז, און דער גזלן (דאָס הייסט דער וואָס רויבּט מיט געוואַלד פאַר דעם אייגענטהימער אין די אויגען), וואָס איז אין פלוג פיעל אַ גרעסערער בּעל עבירה ווי אַ גנב, בּרויכט ניט צו בּעצאָהלען מעהר ווי דעם קרן, און די גמרא'ס ערקלערונג דערויף איז בּעוואוסט; און איך האָבּ דאָס ערקלערט אין דיזע וועג, דאָס אַזוי ווי די כּוונה פון דער תורה מיט איהר בּעשטימען בּעשטראָפונגען בּיין בּית-דין פאַר עבירות, קען פאַר קיינפאַל ניט זיין צוליעבּ נקמה, וואָרום דער גייסט פון דער תורה איז זעהר וויַיט דערפון, און עס קען אויך ניט זיין, אום אוים צו לייטערען די זינדיגע זיי זאָלען ווערען ריין פון זייערע עבירות, וואָרום דאָס וועט פאָרקומען אויף יענער וועלט נאָכ'ן מענשענס טויט; אָבּער די בּעשטראָפונג פון די זינדיגע אויף דער וועלט, דאָס הייסט בּיין בּית-דין זענען בּעשטימט געוואָרען נאָר כּדי צו וואַרפען איין מורא אויף די מענשען, אום אָבּצוהאַלטען זיי דורכדעם פון זינדיגען, און אַזוי ווי מיר געפינען דיזע כּונה דייטליך ערקלערט אין זעהר פיעלע שטעלען פון דער תורה, נעמליך ובערת הרע מקרבך, דו זאָלסט אוים רוימען די שלעכטעס פון דיר; והנשארים ישמעו ויראו ולא יוסיפו לעשות עוד כּדבר הרע הזה בקרבך, און די איבּעריגע וועלען הערען און מורא

האָבען און ווערלען מעהר ניט טהון אַזעלכע שלעכטע זאַכען אין דיר, און פילע אַנדערע.

און דאַרום איז מחמת דאָס גנבה פּאַסירט אָפט, צוליעב דעם וואָס צו גנבענען ווען דער אייגענטהימער שלאָפט אָדער איז ניטאָ צו הויזע איז אַ לייכטע זאַך, און עס איז אויך ניטאָ דערין קיין געפאַהר, און מען ליידעט דערביי קיינע בזיונות ניט, ווייבאַלד אַז קיינער זעהט ניט און ווייס ניט, ברויכט מען אָן צו נעהמען שטרענגע מיטלען צו פערהיטען פון דעם אָפּטערען שאָדען, און דאַרום האָט די תורה געקנס'עט דעם גנב מיט אַ דאָפּעלען און אויך מיט אַ פיער און פינף פאַכיגען בעצאָהלונג; אָבער גזלה פּאַסירט ניט אָפט, וואָרום ווער איז דאָס משוגע צו געהן גזלנ'ען פאַר'ן איינעטהימער אין די אויגען, וועלכער וועט דאָך געוועהנליך איהם געוויס ניט לאָזען, און ער קען איהם דאָך נאָך הרג'ענען אויך, און אַלענפאַלס וועט ער איהם נאַכהער מאָהנען צו בית דין, ווייבאַלד אַז ער האָט איהם געזעהן, וועט איהם דאָך אויסקומען צו האָבען פיעל שאַנדע און קיינע פערדיענסט ניט, און דאַרום קען טרעפען גזלה ווען ניט ווען, דורך זעהר אַ דרייסטען מענשען, אָדער דורך אַ נאַר'ן צי אַ משוגע'נעם, און קיינער וועט זיך פון איהם ניט אָפּלערנען צו נאָכטהון איהם, האָט די תורה דאַרום ניט געפונען פאַר נויטהיג צו קנס'ענען איהם.

צווייטענס, האָט דעם יצה"ר שוין דערעסען און עס איז איהם שוין מיאוס געוואָרען זיין אַרט רעגירונג אויפ'ן וועלט, וועלכע ער האָט געפיהרט ביז יעצט, מחמת ער האָט געהאַט אַ צורה ווי אַ גנב במחתרת (וואָס גנב'עט זיך אַריין אין הויז דורך אַ אונטערגראָבונג), און זיין רעגירונג האָט זיך פאַר קיינפאַל ניט געקענט רעכענען אַלס לעגאַלע (זאַקאָנע), נאָר ווי פון אַ רויבער אַטאַמאַן אָדער אַ פּיראַטען (ים רויבער) שיפּס קאַפּיטאַן, און עס איז אויך געוועזען זיין נאָמען און דער נאָמען פון זיינע נאַכפאָלגער צו שאַנד און צו שפּאָט, ביז וואַנען עס האָט איהם אָבגעגאָלטען די הצלחה, און אַ נייע סאָרט חכמה האָט אָנגעפאַנגען צו ערלייכטען די אויגען פון אונזער נייצעהן-הונדערט יאָהריגען דור, און דורך איהר איז ער צוגעקומען צו זיין נייע עפענטליך בעשטעטיגטע און לעגאַלע רעגירונג.

די נייע סאָרט חכמה פון דעם נייצעהנטען יאָהר הונדערט בעשטעהט אין דאָס, וואָס מען דעקט צו די שמוציגקייט און די עקעלהאַפטיגקייט פון די זינד מיט אַ שעהנע דעקע, און מען שטעלט זיי פאַר פאַר דער וועלט אָנגעצויגענע אין פיינע און אַנשטענדיגע קליידער, דאָס אַ חוץ דעם וואָס מען וועט זיך ניט דאַרפען שעהמען מיט זיי, וועט מען זיך נאָך קענען אויספּיינען מיט זיי פאַר דער וועלט, און בעריהמען זיך פאַר לייטען מיט דעם וואָס מען האָט זיי געטהון; און אַזוי איז געוועזען געטהע (אַ בעריהמטער דייטשער דיכטער) דער ערשטער וואָס האָט פאַרדעקט די שמוץ פון זנות, און האָט איהר איינגעהילט אין איין אַנשטענדיגען מאַנטעל פון ליעבע; און אַזוי האָבען זיך אויך אָנגעלערנט די וואָס האָפען אַריין פרעמדע געלד און בלוט, אָנצורופען זייער גזלה מיט'ן נאָמען „באַנקראָט", און אַזוי איז די מעשה אַליין פערפיינערט געוואָרען דורך דעם שעהנעם נאָמען, און דאַרום זענען יעצט פאַראַן פילע בעל'נים אויף דיעזע מעשה, וואָס איז שעהן און אַינטרעגליך צוזאַמען; און אַזוי האָבען זיך אויך אָנגעלערנט די גנבים און רוצחים, צו רופען זיך אַליין מיט די נעמען סאָציאַליסטען אַנאַרחיסטען און עקספּראָפּריאַטאָרען; און די שמוציגע און עקעלהאַפטע בעלי תאוות האָבען זיך אָנגעלערנט, צו רופען זיך מיט'ן נאָמען פריידיגע.

און דערזעלבער סאָרט חכמה איז אויך בייגעשטאַנען דעם יצה"ר זעלבסט,

דאָס ער זאָל פאַרדעקען די פאַלשקייט און נידערטרעכטיגקייט פון זיינע מעשים, און פאַרשטעלען זיי פאַר דער וועלט אַנגעצויגענע אין די קליידער פון יושר און גערעכטיגקייט, און דורכדעם וועט זיין רעגירונג בעשטעטיגט און פערעפענטליכט ווערען, און ער וועט זיך זעצען אויפ'ן קעניגליכען טראָהן פאַר די אויגען פון דער גאַנצער וועלט מענשען, וועלכע ווערען איהם פייערליך אַנערקענען אַלס זייער קעניג און זעלבסט-הערשער, און קיין אַנדערער אויסער איהם עקזיסטירט ניט. און אום צו ערר[e]יכען דיזען צוועק האָט ער געגרינדעט די זיבעטע קלאַסע, וואָס דורך איהר לעהרע-סיסטעם וועט וועדען ערפילט דיזער ווילען זיינער, ווארום איהרע שילער וועלען זיינע קנעכט פאַר די אויגען פון דער גאַנצער וועלט, און אַנשטאַט צו שעהמען זיך מיט איהם, שטאָלצירען זיי מיט איהם, און ער איז זייער רוהם און עהרע.

דער הויפט געדאַנק און אויפגאַבע וואָס עס ליגט אין דעם גרונד פון איהר לעהרע-סיסטעם, וועלכען ער ברויכט כדי צו צוקומען צו דעם אויבען דערמאָהנטען צוועק איז אויסצוראָטען און אומצוברענגען דעם גלויבען (אמונה) אין גאָט און אין זיין תורה; און אין דעם פאַך פון דעם אַרויס ברענגען דיזע זאַך צו דער טהאַט, דאָס הייסט דאָס אויס-ראָטען און אומברענגען די תורה און די אמונה, זענען דאָ צוויי וועגען, אַזוי ווי אין די ערמאָרדונג פון לעבעדיגע וועזענס, נעמליך, אַ שווערען און גרויזאַם מערדערישען טויט, פון וועלכען עס ציטערט די האַרץ הערענדיג, און אַ לייכטען און עדעלען טויט, וואָס עס איז כמעט ניט קענטיג פאַר'ן אויג; און דעם יצה"ר'ס תלמידים וועלכע האָבען געלערנט אין דיזע קלאַסע, זענען איינגעטהיילט אין צוויי קלאַסען, און יעדע פון זיי קלייבט אויס פון די צוויי וועגען צו איהר צוועק, די וועג וועלכע איז מעהר פאַסענד צו איהר נאַטור, כאַראַקטער, פעהיגקייטען, ערציהונג און גייסט.

די מיטגלידער פון דער ערשטער סעקטע זענען מענשען וועלכע זענען געבאָ-רען געוואָרען מיט אַ גוטען און עדעלען כאַראַקטער, וואָס זיי האָבען גע'ירש'נט פון זייערע עלטערן [ערנ]סטליכע און פיין ערצויגענע עלטערען, און זיי האָבען אויך פון זיי בעקומען אַ גוטע און סיסטעמאַטישע ערציהונג, וועלכע עס האָט זיי נאָך מעהר פערפיינערט דעם כאַראַקטער און אויסגעבעסערט די זיטען דורך געוואָהנהייט, און עס האָט זיי איינגע-פלאַנצט אין האַרצען סימפּאַטיע צו יעדע גוטע און נוצבאַרע זאַך, און האַס און עקעל צו יעדע שלעכטע און שענדליכע זאַך, און ממילא קען שוין זייער האַרץ ניט ערלויבען זיי צו פערגיסען בלוט, און ניט צו פערדאַרבען און איבערפיהרען אירגענד וועלכע גוטע זאַך; נאָר אַזוי ווי נאָך אַלעמען האָבען זייער אייגענע תאוה און דעם יצה"ר'ס ווילען אויף זיי אַ גרויסען איינפלוס און זענען זיך גובר איבער אַלע זייע-רע אַנדערע געפיהלען, ווירקען זיי אויף זיי דאָס זיי זאָלען פער'משפט'ען די תורה מיט דער אמונה צום אומברענגען, פון דעסטוועגען ווענדען זיי אָן אַלע קרעפטען אום אויס צו געפינען פאַר דער תורה מיט דער אמונה אַ סאָרט טויט, וועלכע זאָל זיין וואָס לייכטער און וואָס עדעלער, און דאָס די מערדערישע אַכזריות פון איהם זאָל ניט זיין צום ערקענען.

די מיטגלידער פון דער צווייטער סעקטע זענען מענשען וועלכע זענען געבאָ-רען געוואָרען מיט אַ שלעכטען און גראָבען כאַראַקטער וואָס זיי האָבען גע'ירש'נט פון זייערע עלטערען וועלכע האָבען ניט בעזעסען קיין מאָראַל, דרך ארץ און גוטע זיטען, און צוליעב דעם האָבען זיי ניט געקענט — ווען זיי וואָלטען אפילו געוואָלט — געבען

זיי אליין א גוטע ערציהונג, און צוליעב זייער ארעמקייט האבען זיי אויך ניט געקענט דינגען פאר זיי גוטע לעהרער, אויסער דעם וואס די לעהרער (מלמדים) אליין אין זייער געבורטס-לאנד (רוסלאנד גאליציען און רומעניען) בעשעפטיגען זיך ניט מיט אזעלכע קליינליכע און נוצלאזע זאכען—לויט זייער מיינונג.—ווי די אויסבעסערונג פון דעם כאראקטער, זיטען און מאראל פון זייערע תלמידים, און ווען זיי וואלטען אפילו ווע-לען, וואלטען זיי אויך ניט קענען, ווארום זיי זענען זעהר וויים דערפון, צוליעב דעם וואס זיי האבען קיינמאל ניט געלעגט דעם קאפ דערויף, ניט צו לערנען עס אליין, און ניט צו לערנען עס מיט'ן צווייטען. ואיך האב פיעל צו רעדען וועגען די פערדאר-בענע ערציהונג אין אונזער געבורטס-לאנד, וואס דאס איז די הויפט סיבה פון דעם אומגליקליכען צושטאנד פון דעם גלויבען און מאראל פון אונזערע ברידער אין די יעזען לאנד, נאר דא איז ניט דער ארט צו פערנעהמען זיך מיט דעם], און די מענ-שען זענען אויך פון קינדהייט אן געוועזען אויסגעמישט מיט אלע אויסוואורפען פון דער געזעלשאפט, גנבים, גזלנים און דאס גלייכען, דארום ערלויבט זיי זייער הארץ צו פערדארבען און פערניכטען מיט כעס, רציחה און גרויזאמע נקמה—אהן קיינע גע-וויסענס ביסע—יעדע זאך וואס עס שטעהט זיי אין וועג, דארום זוכען זיי אויך אויס פאר דער תורה און די אמונה א טויט, וועלכער זאל זיין וואס שווערער און וואס מעהר גרויזאם-מערדעריש, אז עס זאל פערציטערט ווערען די הארץ הערענדיג *).

---

*) און דאס גלייכען איז אויך צו בעמערקען איין אונטערשייד (חילוק פון דער וועלכער באטור, צווישען די ערשטע (דייטשע, ענגלישע און פראנצויזישע אידען) און די צווייטע (רוסישע, גאליציאנישע און רומענישע אידען) אין אלע זייערע מעשים און אויפפיהרונגען. דער פלאץ ערלויבט מיר ניט צו ברענגען מעהר ווי איין ביישפיעל, דאס איז זייער פערשיעדענארטיגער אויס-וועהלען א וועג דורך וועלכע צו בעקומען כבוד. איך האב עס בעצייכענט מיט א קורצען עפיגראם, בעמליך דאס די דייטשע אידען מאכען א גאט, און די רוסישע אידען מאכען א קעז. די ערקלערונג דערפון איז, דאס אזוי ווי דער שטייגער פון אידען איז, דאס ווען זיי קלויבען זיך צונויף עטליכע צעהנדליג אין א בעזונדער שטאדט, אדער אין א בעזונדער גאס, אדער אין א בעזונדער געמיינדע, פאנגען זיי אן צו בענקען נאך א ביסעל כבוד און זוכען מיטלען ווי צו בעקומען עס, איז די וועג פון די דייטשע אידען אויסצוקלויבען איינעם פון זיי, געוועהנליך דעם רייכסטען, און פארנעהמסטען, און מאכען איהם פאר א גאט, דאס הייסט מען זאגט דאס עס גיט ניט אין דער גאנצער וועלט זיין גלייכען אין אלע מדות און מעלות, און אלס א זעלכען גיעבען זיי איהם אב כבוד, און נאכדעם שאפען זיי דורך איהם יעדערער פאר זיך אויך כבוד, נעמליך: דער בעריהמט זיך: דאס ער איז זיין נעהענטסטער קרוב, דער צווייטער דאס ער איז זיין בעסטער פריינד, דער דריטער דאס ער איז ביי איהם די רעכטע האנד, ד. ה. דאס ער טהוט אהן זיין עצה קיין זאך ניט, דער פיערטער דאס נאר מיט איהם שפילט ער אין קארטען, דער פינפטער דאס נאר מיט איהם טרינקט ער זיין אבענד גלאז ביער און אזוי ווייטער.

אבער די וועג פון די רוסישע אידען איז א אנדערע, נעמליך: זיי טהוען אזוי ווי די קליינע אינגלאך טהוען אפט ווען זיי קומען צונויף אין א קאמפאניע, און וואס זיי רופען אן: מאכען א קעז, דאס איז דאס איינער נעהמט ארום דעם צווייטען אוןווארפט איהם נידער, און פאלט ממילא אויך ארויף אויף איהם, און אין דערזעלבער וועג פאלען די איבריגע אויך ארויף אויף זיי, און ווען די אויבערשטע פאנגען אן זיך אויף צושטעלען, חאפען די אונטערשטע זיי פאר די פיס און ווארפען זיי נידער און קריכען ארויף אויף זיי, ביז וואנען זיי קייקלען זיך

לויט אונזערע חכמים זאגען (ברכות ח.) איז דא אויפ'ן וועלט דריי הונדערט און דריי מינים טויטען, וויפיעל עס בעטרעפט דער רעכענונג פון דעם ווארט תוצאות, די שווערסטע פון זיי אלע איז אסכרה (קרופ רחמנא לצלן), די גרינגסטע פון זיי איז נשיקה (דאס מיינט אז די געטליכקייט קושט דעם צדיק'ס נשמה און דאדורך בעהעפט זי זיך אן די געטליכקייט און פערלאזט דעם צדיק), און אזוי ווי אסכרה איז א קראנקהייט וואס קומט פון גאט, און דער מענש קען איהר ניט ארויסבערענגען, דארום האבען די וואס ווילען אומבערענגען דער תורה און די אמונה מיט א שווערען טויט ניט געקענט אויסקלויבען איהר, און האבען אנשטאט איהר אויס געקליבען דעם טויט פון דער בולאווע, דאס איז א שווערער, גרויזאמער און מיאוסער טויט, וועלכען זיי האבען געלערנט פון זייערע אמאליגע פערגרעבטע און האלב-ווילדע שכנים, נעמליך ווי דער רומענישער בלוט דורשטיגער און חיה'דיגער וואלד-גזלן שלאגט זיין קרבן מיט'ן בולאווע אויפ'ן קאפ, זא לאנג ביז וואנען ער צערשמעטערט איהם דעם שארבען אויף שטיקלאך דאס דער מארך פאלט אינגאנצען ארויס; אבער די וואס ווילען טויטען די תורה מיט א לייכטען און עדעלען טויט, ווייל זיי ווילען מקיים זיין אין וואס עס אנבעלאנגט די תורה אליין אויך, איהר אייגענעם פערזאג: ואהבת לרעך כמוך, דו זאלסט ליעבען דיין פריינד ווי זיך זעלבסט, און ווי אונזערע חכמים האבען דערפון געלערנט, דאס מען זאל אויסוועהלען א לייכטען און עדעלען טויט פאר דעם וואס איז דערצו פער'משפט,—האבען אויסגעקליבען פאר איהר דעם טויט פון נשיקה.

די צוויי אויבען דערמאהנטע סעקטען זענען די רעפארמער און די אנארחיסטען. זיי ביידע האבען ארויס געגעבען א טויט-אורטהייל אויף דער תורה און דאס יורענטהום, נאר די ערשטע אלס „עדעל לייט" האבען איהר פעראורטהיילט צום טויט פון נשיקה, דאס הייסט זיי קושען די תורה און ליעבען און האלובען איהר זעהר שטארק מיט הויכע און שעהנע פראזען, אבער באמת איז זייער כונה אומצוברענגען און אויסצוראטען איהר פון דער גאנצער וועלט; אבער די צווייטע אלס גראבע יונגען און אויסוואורפען פון מענשליכען געשלעכט, האבען איהר פעראורטהיילט צו דעם טויט פון בולאווע, דאס הייסט מען זאל איבער טרעטען איבער אלע איהרע מצות צו-להכעיס'דיג מיט העזה און חוצפה, און מען זאל בעשמוצען מיט די ערגסטע און נידעריגסטע שימפף ווערטער איהר און אלע איהרע אנהענגער, און מען זאל זיי פיינד האבען ערגער ווי דעם טויט, און מען זאל זיי דריקען און יאגען אין לעבען אריין ווי וויט עס איז נאר מעגליך ביי יעדע געלעגענהייט; און ווען זיי וואלטען ניט מורא האבען פאר דער רעגירונג וואלטען זיי איינארדנען פאר זיי אין אויטא-דא-פע (א שייטער הויפען צו פערברענען מענשען לעבעדיגערהייד) אויפ'ן שפאנישען שטייגער.

ועס איז דא נאך א וועג צו ערקלערען דורך איהר, ווארום האט דיזע סעקטע אנגענומען אזא שריינד-צערשטערענדע און אכזריות'דיגע שיטה (סיסטעם), דאס איז מחמת זיי ווילען זיך דורך דעם ערהויבען און גרויס מאכען און בעקומען א נאמען,

---

אלע גוט אויס אין שטויב און בלאטע, און דיזע בעשרייבונג איז גענוג צו פערשטעהן, ווי די רוסישע אידען מאכען פון זיך אלעמען א קעז, און וואס פאר א זיבערער מיטעל דאס איז צו בעקומען כבוד דורך איהם. און ווען איך זעה עס זאג איך צו זיי: קינדערלאך! דאס איז ניט א וועג ווי זיך אויס צו פוצען, נאר דוקא ווי זיך איין צו שמוצען; נאר אזוי ווי אידען זענען זיך [illegible]גער פון אלעמען ברויכען זיי ניט צו הערען קיין עצות.

וואָרום זיי זענען מענשען וואָס בעזיצען ניט קיינע מעלות, גוטע מדות אָדער פעהיגקייטען צוליעב וועלכע זיי זאָלען זיין ווערטה כבוד, און דאַרום האָבען זיי עס טאַקי קיינמאָל ניט בעקומען, און אַזוי ווי עס איז די נאַטור פון אַלע ווערטהלאָזע מענשען און נידעריגע נפשות צו בעגעהרען און זוכען כבוד דוקא אין די גרויסע מאַסען, סטאַרען זיי זיך אויף צו טהון קלינגענדיגע מעשים מיט וועלכע זיי ווילען קענען איבערראַשען די גאַנצע וועלט, און אויסשרייען: זעהט נאָר ווער מיר זענען! און וואָס מיר האָבען אויף געטהון! *); און ריכטיג ווי עס האָבען געטהון די מענשען פון דור הפלגה, וואָס האָבען געוואָלט בויען אַ זעהר הויכען טהורעם וואָס ער וואָלט זיי ניט איינברענגען

*) דאָס איז איינע פון די גרעסטע וועלט אומגליקען, דאָס וואָס יעדען מענשען דוכט זיך אַז דאָס וואָס ער טהוט איז זעהר שעהן, ווען עס איז זאָגאַר זעהר מיאוס, און זעהר קלוג ווען עס איז זאָגאַר זעהר נאַריש, און זעהר גלייך ווען עס איז זאָגאַר זעהר קרום, און זעהר ריכטיג ווען עס איז זאָגאַר זעהר פאַלש.

און דאָס איז געוועזען לויט מיין מיינונג, די קוועלע פון דער ערשטער עבודה זרה (געגענדינערײַ) אויף דער וועלט, נעמליך דאָס ווען מענשען האָבען שוין געוואוסט ווי צו בענוצען זיך מיט פייער, איז אַמאָל געשטאַנען אַ ווילדער מענש, און געשפאָלטען שפּענדליך מיט זיין שטיינערנע האַק פונ'ם גרעבערען עק פון אַ קלאָץ, וואָס דער ווינד האָט אויסגעקעהרט; און ווייל עס האָט זיך זעהר שווער געשפאָלטען, איבער דער טעמפּקייט פון דער האַק, האָט ער געפּרובירט שפּאַלטען די שפּענער, אַמאָל פון דער זייט קלאָץ און אַמאָל פון דער אַנדערער, ביז וואַנען עס האָט זיך אויסגעבילדעט אין סאַמע ענדע קלאָץ אַ שמאָלער שפּיץ, און וואָס ווייטער איז אַלץ געוועזען ווייניגער אָבגעשפּאָלטען און ממילא דיקער, און דערווייל האָט זיך דער ווילדער פערטראַכט און פערקוקט אויפ'ן קלאָץ; פּלוצלונג איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנקען, דאָס די קלאָץ אין איהר יעצטיגע פאָרם, וואָס זי האָט בעקומען דורך זיין אַרומשפּאַלטען איהר גרעבערען עק, איז עטוואָס עהנליך צו אַ יאַשצעריצע, און זייענדיג זעהר צופרידען מיט דעם וואָס ער האָט עס ניט ווילענדיג אויסגעאַרבייט, האָט עס אָנגעהויבען צו געפעהלען איהם אַלץ מעהר און מעהר, ביז וואַנען ער האָט זיך איינגעבילדעט, דאָס עס ווייזט אוים ריכטיג ווי אַן אמת'ע יאַשצעריצע, און ער איז געוואָרען ביי זיך זעהר תקיף מיט זיין שטיקעל קונסט-אַרבייט, און האָט אָנגעהויבען צו בערימען זיך דערמיט פאַר זיינע שכנים, וועלכע זענען געוועזען שוואַכער פון איהם און האָבען ממילא מורא געהאַט פאַר איהם, און דאַרום האָבען זיי איהם צו גע'חנפ'ט, און געזאָגט אַז דאָס ווייזט טאַקי אוים ריכטיג ווי אַן אמת'ע יאַשצעריצע, און אַז דאָס איז זעהר קינסטליך אויסגעאַרבייט געוואָרען; און דאַדורך האָט איהם זיין ווילדע פאַנטאַזיע נאָך מעהר גרוים געמאַכט אין די אויגען די ראַיעלקייט און קינסטליכקייט פון זיין אַרבייט, און דאַרום פלעגט ער פערברענגען שטונדענווייז יעדען טאָג אין קוקען אויף איהר, בעוואונדערען איהר און פרעהען זיך מיט איהר, און מיט דער צייט האָט ער אָנגעפאַנגען פון גרויס פרייד צו שטעלען זיך אויף די קניע נעבען איהר, אומאַרמען און קושען איהר, און רופען איהר מיט צערטליכע נעמען, צום ביישפּיעל טייערע ליעבע און ז. וו. און רעדען צו איהר ווי צו אַ לעבענדיגע זאַך, און די שכנים האָבען איהם אויך נאָכגעמאַכט; און ביי דעם צווייטען דור, וועלכער האָט ניט בייגעוואָהנט די ענטוויקלונג פון דיעזע בעהאַנדלונג, איז עס אָנגענומען געוואָרען אַלס ערנסטע פערעהרונג, וועלכע איז זעהר לייכט צו פערוואַנדעלט ווערען אין פערגעטערונג.

און די זעלבע זאַך, נאָר אין אַנדערע פערשיעדענע, זעלבסט פערשטענדליך, מאָדערנע פאָרמען, קומען פאָר אַלטעגליך פאַר אונזערע אויגען,

קיינע נוטצען, נאר צוליעב: ונעשה לנו שם, און מיר וועלען זיך מאכען א נאמען; און אויך ווי עס האט געטהון עראסטראטוס, וואס האט פערברענט דעם דיאנא־טעמפעל אין עפעזוס (איינער פון די זיעבען וועלט וואונדער), כדי זיין נאמען זאל דערמאהנט ווערען איבער דער גאנצער וועלט אלס דער טהוער פון אזא גרויס־סקאנדאליעזען טהאט.

ביז יעצט האבען מיר נאך ניט געזעהען, דאס דעם יצה"ר'ס תלמידים זאלען אפפערען דעם לעבען, אדער אויסגעבען געוואלדיג־גרויסע סומען געלט, צוליעב דעם צוועק פון ארויסברענגען דעם יצה"ר'ס ווילען צו דער טהאט, אבער אין דיעזע קלאסע זעהען מיר, דאס די רעפארמער פערשווענדען געוואלדיג־גרויסע סומען אויף זייער פאלשע און פוסטע גאטעס דיענסט, און די צערווילדעטע אנארחיסטען וואס פארמעגען גארניט, זענען מפקיר זייער לעבען — וועלכער האט ניט געבראכט קיינע נוטצען זיי אליין נאר שאדען די גאנצע וועלט, — פאר זייער צערשטערענדע און בלוטדורשטיגע סיסטעם, מחמת דאס אלעס איז געציעלט צום צוועק פון זייער א גרויסען און געוואלדיגען נצחון (זיעג) פון דעם יצה"ר, דאס איז איין צו ארדנען פאר איהם איין עפענטליך בעשטעטיגטע און לעגאלע רעגירונג, און צו פערוואנדלען איהם פון א גנב וואס גראבט זיך אונטער ביי נאכט אין די הייזער, אויף א בעל־הבית איבער דער וועלט, וואס טהוט אין איהר עפענטליך וואס ער וויל; און פון יעצט אן און וויי טער ווערט שוין דער יצר טוב גערעכענט אלס גנב, און די אלע ארענטליכע און וואהרהאפטיגע מענשען, וועלכע געהען אין זיינע וועגען ברויכען צו ווערען ארעסטירט און פארשפארט אין די טורמעס.

און אט ווען דער יצה"ר לערנט זיינע תלמידים די סיסטעם פון דיעזע זיעבעטע קלאסע ווערט ער גערופען מיט דעם נאמען „צפוני" (בעהאלטענער), צוליעב דעם וואס דורך דיעזע סיסטעם ווערט פערדעקט און בעהאלטען דער נידעריגער צוועק פון יצה"ר, וואס בעשטעהט אין איבערטרעטען יעדען געזעץ און ארדנונג, און נאכצוגעבען אלע פערלאנגען און צולאזענהייטען פון הארץ, וואס געלוסט אלע שמוציגע און פערדארבענע זאכען, ווארום פון יעצט אן איז ער דער געוועלטיגער און געזעץ געבער, און זיינע מוטוויליגקייטען און געוואלד טהאטען וועלען אנגערופען ווערען געזעצען פון יושר און גערעכטיגקייט, *) און דער יצה"ר אין זיין ריכטיגען געשטאלט און הארעקטער איז

*) און דארום איז זעלבסט פערשטענדליך, דאס מען דארף זיך טוויענדער מאל מעהר אויסמיידען פון צו מתחבר זיין זיך מיט זיינע תלמידים ווען זיי טהוען לויט זייערע רייד א גוטע טהאט, ווי ווען זיי טהוען א געוועהנליכע אייגענגוטציגע זאך. און וויצענארטיג האב איך געזאגט דאס די דריי מענשען: א נאר, א שלים מזל, און אן'אמת'ער רשע, זענען צוזאמען גלייך אין דעם פאלגענדען הינזיכט, נעמליך: דעם נארענס נארישקייט איז נאך קיין מאל ניט אזוי גרויס, ווי ווען ער זאגט לויט זיין בעגריף א חכמה; און דעם שלים מזלים שלים מזל איז נאך קיין מאל ניט אזוי גרויס, ווי ווען ער האפט לויט זיין בעגריף א גליק; און די שלעכטס פון דעם אמת'ן רשע'ס א מעשה איז נאך קיין מאל ניט אזוי גרויס, ווי ווען ער טהוט לויט זיין בעגריף א גוטע טהאט.

און צום בעדויערען זעהען מיר אויך אין אלגעמיין, דאס לא די וואס מעהרסטענטהיילס אונטערנעהמונגען פון יצר טוב אום אויפצוטהון וועלכע עס איז גוטע טהאט זענען ניט מצליח, נאר זיי ווערען נאך אויך פערוואנדעלט אין געצייג ביים יצה"ר אין האנד אום אויפצוטהון דורך זיי פערשיעדענע שלעכטע מעשים. און כדי צו ערקלערען דיעזע זאך דייטליך, און אויך אום דער לעזער זאל עס בעסער געדענקען, האב איך עס פארגעשטעלט אלעגאריש, דאס דער יצר

פאַרדעקט און בעהאַלטען פון מענשענס אויגען, ווייל מען קען איהם ניט ערקענען צוליעב דעם וואס אַ קעניג מאַנטעל — וועלכער פּאַסט איהם גאַנץ ניט — איז אויף איהם אָנגעצויגען, און אין איהם טהוט ער זיינע פאַלשע מעשים אָב צונאַרען די גאַנצע וועלט.

טוב בויעט אַ גרויסע און זעהר שטאַרקע פעסטונג, און האָרעוועט דערביי זעהר שווער איינער אַליין וואָרום אפילו זיינע תלמידים און אָנהענגער זענען מעהרסטענטהיילס ווייט פון איהם, מיט אַלע זיינע קרעפטען; וועהרענד דער יצה"ר מיט זיינע פיעל תלמידים אַרום איהם טהוען קיין שום זאַך ניט, נאָר זיי שטעהען און קוקען צו ווי דער יצר טוב אַרבייט; און ווען די תלמידים זעהען דאָס אין פערלויף פון אַ בעשטימטע צייט האָט דעם יצר טוב'ס אַרבייט דורך זיין אויסערגעוועהנליכע פלייסיגקייט, טראָטץ זיין איינזאַמקייט, גאַנץ ווייט פּראָגרעסירט, פרעגען זיי דעם יצה"ר, פאַר וואָס ער בעטראַכט ניט, דאָס ווען דער יצר טוב וועט זיין בעשיצט אין אַ פעסטונג, און זיי וועלען זיין אויפ'ן פרייען פעלד, וועט ער מאַכען פון זיי אַ תל, און דאַרום האָבען זיי געברויכט צו בויען אויך אַ פעסטונג פאַר זיך אָדער צו שטערען איהם אין דער אַרבייט, און ער ענטפערט זיי, עס זאָל זיי ניט אַרען, נאָר זיי זאָלען שווייגען און זעהן וואָס דער סוף וועט זיין; נאָכהער, ווען זיי זעהען דאָס דער יצר טוב האָט שוין אויפגעבויעט דעם פעסטונג אינגאַנצען און איז בעשעפטיגט מיט אַריין פיהרען אין איהם די נויטהיגע זאַכען וואָס עס פאָדערט צו איהם: האַרמאַטען קוילען פולווער שפּייז א. ז. וו., פרעגען זיי איבער אַ מאָל דעם יצה"ר, פאַר וואָס ער זעהט ניט צו טהון עפּעס, און ער ענטפערט זיי דאָס זעלבע וואָס פריהער.

אַם ענדע ווען זיי זעהען דאָס דער יצר טוב האָט שוין אַלעס פערפערטיגט און געבראַכט אין אָרדנונג, און ער קלייבט זיך שוין צו צומאַכען די גרויסע און שווערע אייזערנע טהויערען, וועלכע זענען בעזאָרגט מיט זעהר שטאַרקע שלעסער, דערשרעקען זיי זיך זעהר שטאַרק פאַר זייער לעבען, און פאַנגען אָן צו שרייען אויפ'ן יצה"ר, פאַר וואָס ער זוכט קיין רעטונג ניט, וועהרענד דאָס אין פערלויף פון נאָך איינינע מינוט וועט זיין אַלעס פערלאָרען; און אַז ער זעהט דאָס ווען ער ענטפערט זיי ניט גלייך ברעכט אויס געגען איהם אַ מרידה (רעוואָלוציע), ענטפערט ער זיי געלאַסען און שמייכלענדיג: „האָט גאָר קיין מורא ניט, זייט וויסען דאָס אונטער די קעניגליכע וועלכע איך בעזיטץ אום צו בענוצען זיך מיט זיי צו מיין יצה"ר'שע פּראָפעסיאָן, געפינען זיך אויך די מעדיצינישע און מאַטעמאַטישע וויסענשאַפטען, און אַלס מעדיקער האָב איך דערקענט אָן דעם יצר טוב דאָס ער ליידעט אויף גאַלאָפּירענדע שווינדזוכט (גיכע טשאַהאָטקע), און אַלס מאַטעמאַטיקער האָב איך אויסגערעכענט דאָס ער האָט ניט מעהר צום לעבען, ווי ביז וואַנען ער וועט דעם פעסטונג ענדיגען און איינאָרדנען איהם אינגאַנצען, און ביי זיין לעצטע אָנשטרענגונג צו צומאַכען די טהויערען וועלען זיינע קרעפטען אויסגעהן, און ער וועט פאַלען טויט אויפ'ן שוועל פון פעסטונג, און מיר וועלען אַלעס ירש'ענען; יעצט פערשטעהט איהר שוין דאָס מיר האָבען ניט געברויכט צו בויען אַליין אַ פעסטונג און אויך ניט צו שטערען איהם אין דער אַרבייט, ווי באַלד אַז ער האָט עס געבויט פון אונזערטוועגען?"

און בעטראַכטענדיג די וועלט מיט אַ ריינעם פערשטאַנד און פאָרשענדען בליק, זעהט מען, אַז כמעט אַלע סעקטען (כתות) און חברות, סיי ביי אידען סיי ביי אַנדערע נאַציאָנען, זענען געגרינדעט געוואָרען צו ריינע רעליגיעזע און וואָהלטהעטיגע צוועקען, און דער רעזולטאַט פון זיי איז מעהרסטענטהיילס אַרויסגעקומען עפּעס אַנדערש... און דערזעלבער פאַל קומט אויך פאָר ביי אַ גרויסען טהייל מעשים פון יעדער מענשען, און דאַרום איז מיין פאָריגע פאָרשטעלונג גאָרניט איבערטריבען, און עס מעג אַריין אין אַ אַלגעמיינעם שפּריכוואָרט: דאָס דער יצר טוב בויעט אימער פעסטונגען, און דער יצה"ר ירש'נט זיי אָב.

און כדי מיר זאָלען ניט האָבען קיין טעות און מיינען: אז זיינע אַנהענגער די רשעים זענען אין איהם טאַקי געגאַרט און ערקענען איהם באמת ניט, און ממילא זענען זיי דאָך ניט קיינע שולדיגע נאָר פערפיהרטע, דאַרום זאָגט אונז די גמרא ווייטער: תנו רבנן, ואת הצפוני ארחיק מעליכם זה יצר הרע שצפון ועומד בלבו של אדם, ד. ה. דאָס וואָס דער פסוק זאָגט: דעם בעהאַלטענעם וועל איך ערוויטערען פון אייך, מיינט ער דערמיט דעם יצה"ר וועלכער איז בעהאַלטען און געפינט זיך אין מענשענס האַרץ, דאָס מיינט צו לערנען אונז, דאָס הגם דעם יצה"ר'ס נידעריגער צוועק איז פאַרדעקט און בעהאַלטען ווי עס איז אויבען ערקלערט, איז דאָס אָבער מעהר ניט זיי פאַר דער וועלט, אָבער די רשעים אַליין ווייסען גאַנץ גוט אין זייערע הערצער וועמען זיי דינען, און דאָס זייער צוועק איז צו טהון אַלע שמוציגע און נידערטרעכטיגע מעשים *), און דאָס ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער: ועומד בלבו של אדם, און געפינט זיך אין מענשענס האַרץ, דאָס הייסט אַז אין דעם רשע'ס האַרץ איז דער יצה"ר בעוואוסט און ערקענט אין זיין ריכטיגען געשטאַלט און חאַראַקטער.

און דאַמיט ווערט ערקלערט לויט מיין מיינונג די כונה פונ'ם פסוק (ירמיה ט) שבתך בתוך מרמה במרמה מאנו דעת אותי נאום ה', דיין זיצען איז אין פאַלשקייט, מיט פאַלשקייט האָבען זיי ניט געוואָלט וויסען מיך, זענען די רייד פון דעם עוויגען, צוגעבענדיג דאַצו אַן ערקלערונג: דאָס דער וואָרט „שֶׁבֶת" (זיצען) בעדייטעט אויך דאָס אָבגעבען זיך איינגאַנצען מיט אַ זאַך; און די כונה פון פסוק איז: דאָס צוליעב דעם וואָס די אידען זענען איינגאַנצען אָבגעגעבען און איינגעוואָהנט אין פאַלשקייט [אין וועלכע עס ווערט ענטהאַלטען (נכלל) אויך די נאָכגעבונג פון אַלע מיני תאוות],

---

*) דיעזע ווערטער בעציהען זיך אויף די רעפאָרמער נאָר טיילוויז, וואָרום זיי זענען מעהרסטענטיילס אָרענטליכע מענשען אין די פערהאַלטונג פון איין מענשען געגען דעם אַנדערען (בין אדם לחבירו), און אין וואָס עס אַנבעלאַנגט צו תאוות פיהרען זיי זיך אויך אויף אין אַלגעמיין אַמוויינגסטען אויסערליך אַנשטענדיג, און עס ניט אויך אונטער זיי אַזוינע וואָס גלויבען באמת אין דעם רעפאָרם-סיסטעם, און איבערהויפט ניט עס אונטער די מעהר איינפאַכע, וועלכע זענענדיג זעהר נאַאיוו גלויבען זיי אין אַלעם וואָס זייערע ראַבאַי'ס זאָגען זיי, — אָבער אין וואָס עס אַנבעלאַנגט די אַנאַרחיסטען זענען אונזערע רייד אויף אַ האָר ניט איבערטריבען; מיר דאַרפען אויף דעם קיין בעסערען בעווייז ניט געבען ווי דאָס, וואָס מיר זעהען אַז ווען עס לויהנט פאַר זייער תאוה פערקויפען זיי דעם יצר הרע אַליין אויך, ד. ה. זיי פערקויפען זייער פרינציפ, ווי אויך דעם לעבען פון זייערע איינענע גענאָסען (חברים), צו וועלכער עס איז רעגירונג, פאַר'ן פערהאַסטען בורזשואַזישען געלד, שוין ניט ריידענדיג וועגען בע'גנבה'נען די חברה'שע קאַסע, וואָס עס קומט ביי זיי פאַר זעהר אָפט; עס איז גענוג צו דערמאָהנען זיך אָן די אויפטהועכצען פון: אַזעוו, האַרטינג און פיעלע אַנדערע, צו קריגען אַ בעגריף ווי ווייט דיעזער סאָרט לייטע זענען פעהיג אויף די נידערטרעכטיגסטע און עקעלהאַפטעסטע פערדעטערישע מעשים, פון וועלכע עס נעהמט אָן אַנ'עקעל און אַ שוידער יעדען מענשען, אפילו דעם גרעסטען פרינציפיעלען געגנער פון זייערע אונצעהליגע קרבנות; אויב זיי מיינען אַז עס וועט זיי געלינגען צו פאַררייידען דער וועלט די צייהגער, אַז אין נאָמען פון פרינציפ איז ערלויבט צו בעגעהן די גרוזאַמסטע מאַסען-מאָרדען, ניט שווייגענדיג אויך גאַנץ אונשולדיגע מענשען און זאָגאַר קליינע קינדער, מיט וואָס וועלען זיי זיך אָבער פערענטפערען אויף אַט דאָס? — אַהאַ! דאָס האָבען געטאָן די אויסוואורפען, פאַר וועלכע מיר זענען ניט פעראַנטוואָרטליך, וועלען זיי זאָגען. נו

דאַרום בענוצען זיי זיך אויך מיט דער פאַלשקייט אום ניט צו ויעלען וויסען מיך, ד. ה. אָבלייקענען מיך מיט רייד, וואָס זיי אַליין ווייסען אז זיי זענען פאַלש. און דער עוויגער זאָל אונז מציל זיין פון דעם יצה"ר'ס לעהרע, ובא לציון גואל במהרה בימינו און עס זאָל קומען אין גיכען איין ערלעזער צו ציון, אָמן.

זאָל שוין זיין אַזוי! אָבער פאַרוואָס האָדערוועןן זיך ניש אויף אַזוינע אויסוואורפען אונטער די רעליגיעז=פרומע? רעדט אייך וואָס איהר ווילט אויף זיי, אָבער דאָס מוזט איהר אַנערקענען, אַז אַזוינע אומגליקען אויף זייערע אייגענע חברים האָבען זיי קיינמאָל נישט געבראַכט; דערפון זעהט מען אַז מורא פאַר גאָט איז פאָרט א זאַך און אַן'אָבהאַלטונג. און דערצו קענען טאַקי די רעליגיעזע ניט זיין אַזוי צוהולטעוועט, ניט אין וואָס עס אַנבעלאַנגט צו די העלזער, ניט אין וואָס עס אַנבעלאַנגט צו אַנדערע ניעדעריגע תאוות, אַז זיי זאָלען צוליעב דעם פערליערען איינגאַנצען דעם געוויסען; יע! זיי קענען ליעב האָבען געלד, אָבער גרעסטענטהיילס איז דאָס אין אַן'אַנשטענדיגער פאָרם, און אַפילו אין דעם ערגסטען אופן איז דאָס ניט אַזוי שטאַרק ווי די תאוות פון די זעלבע חברה, צוליעב וועלכע זיי פערליערען ניט אַזוי דעם געוויסען, נאָר אַפילו דעם מענשליכען בעוואוסטזיין אויך.

און דאַרום זעהען מיר דאָס די עהרליכע פריידענקער, ד. ה. די וואָס זענען עס פון איבערציינגונג און ניט צוליעב ניעדעריגע צוועקען, פערמאַסקירען אייניגערמאַסען זייערע געדאַנקען פאַר דער עפענטליכקייט, און זעהר אַגרויסער טייל פון זיי בעמיהען זיך ארויסצו=ווייזען זיך פאַר דער וועלט און אויך פאַר זייערע אייגענע קינדער אַלס גלויביגע, אום ניט מיט צו=ווירקען די פערשפרייטונג פון דעם אַטהעאיזמוס, וועלכע מוז ברייגנגען שאָדען דעם מאָראַל אין אַלגעמיין, ווערענד די זעלבע שעהנע לייטע שפרינגען אַרויס איבעראַל מיט זייער אַטהעאיזמוס אוואו עס פאַסט און אַוואו עס פאַסט נישט, מאַ ווער פערשטעהט עס נישט אַז זייער כונה איז אונטערצוגראָבען דעם מאָראַל וואָס שטיצט זיך אויף דער רעליגיאָן, אום דאָס טהועענדיג אַלעס וואָס זייערע פערווילדעטע הערצער פערגלוסט זיך, זאָלען זיי נאָך בלייבען שעהנע מענשען אויך דערצו. און איך בין זיכער אַז איך וועל נישט זיין קיין ליגנער, ווען איך וועל בעהויפטען אַז זיי ווייזען זיך אַרויס אַלס אַטהעאיסטען מעהר ווי זיי זענען עס באמת; איך מיין ניט מיט דעם צו זאָגען אַז זיי גלויבען נאָך אין גאָט, דען זיי דערלאָזען גאָרנישט צו זיך דעם געדאַנק וועגען דעם, נאָר דערפאַר גלויבען זיי אין אַזעלכע זאַכען אין וועלכע די רעליגיעזע זענען אויך ניט מחויב צו גלויבען, צום ביישפּיעל אַ גוטער מזל, אַ פולע וואָך, אַ גוטער אָנהויב, אַ שלעכטע בעגעגעניש און דאָס גלייכען, שוין ניט ריידענדיג וועגען מורא האָבען פאַר ניט גוטע ביי נאַכט, און וואָס זיי אונטער שיידען זיך גאַנץ ווייניג פון דעם געוועהנליכען עולם.

די פאלשקייט פון דער

כפירה (אבלייקענונג אין גאט) סיסטעם

עס לערנט און ערקלערט בכלל (אין אלגעמיין) די פאלשקייט פון דער כפירה-סיסטעם, פון די היינטיגע אפיקורסים, וועלכע זענען פשוטע נידעריגע בעלי תאות, וואס ווילען טהון אלעס וואס זייער הארץ גלוסט, ניט איבערקלויבענדיג און ניט איבערטראכטענדיג; נאר אום צו פער-דעקען ווי עס איז די שאנדע פון זייער אויסגעלאסענע אויפפיהרונג, און דאצו זאלען זיי זיך נאך קענען בעריהמען דאס זייער וועג איז דער גערעכטער, האבען זיי זיך אויסגעלערנט צו פלאפלען מיט די צינגער פוסטע אפיקורסישע טענות, וואס זיי אליין ווייסען די פאלשקייט און ניכטיגקייט פון זיי, אדער ריכטיגער געזאגט: וואס זיי הויבען בעסער גאר ניט אן אליין צו פערשטעהן וואס זיי פלאפלען. און עס וועט דא אויך געגעבען ווערען בפרט (אויספיהרליך) בעפרידיגענדע אנטווארטען אויף די וויכטיגסטע פון זייערע טענות.

עס געהערט צו ערפילען די תאוה דער וואס שיידעט זיך אפ פון רעליגיאן, און אין יעדער ווירקליכע לעהרע מישט ער זיך אריין (משלי יח).

איין אויסצוג פון דעם וועלט בעריהמטען ספר „רגש אמרינו" (אויס-געבעסערט און פערמעהרט).

פערפאסט פון הרב הגאון וכו' כש"ת מו"ה גרשון מאיר באיארסקי רב אין וואשילקאווא (גראדנער גוב.).

פיעטרקוב

בדפוס מרדכי צעדערבוים נ"י.

שנת תרע"א לפ"ק

ДИ ФАЛШКАЙТЪ ФУНЪ ДЕРЪ КФИРО СИСТЕМЪ

Нравоученіе.

Соч. Раввина Г. М. Боярскаго въ Василькове Гродн. губ.

Типографіи М. Цедербаума въ Петроковѣ 1911.

די פאַלשקייט פון דער כפירה־סיסטעם

(בבא בתרא עג:) אָמר רבה בר בר חנה, רבה דער אייניקעל פון חנה האָט ערצעהלט, זימנא חדא הוה אזלינן בספינתא, אַ מאָל האָב איך מיט נאָך אַנדערע געריַיזט אין אַ שיף, וחזינן ההיא ציפרתא דקאים עד קרצוליה במיא ורישיה ברקיעא, האָבען מיר געזעהן אַ פויגעל וואָס איז געשטאַנען ביז די קנעכלעך אין וואַסער און מיט'ן קאָפּ האָט ער דערגרייכט דעם הימעל, ואמרינן לית מיא הכא ובעינן ליחות לאקורי נפשין, האָבען מיר געזאָגט דאָ איז ניטאָ קיין וואַסער און מיר האָבען געוואָלט אַראָפּניידערן זיך אָבצוקיהלען (באָדען), ונפק בת קלא ואמר לן, איז אַרויס אַ בת קול (אַן אָבקלאַנג פון הימעל) און האָט אונז געזאָגט, לא תיחותו הכא דנפלת ליה חציצא לבר נגרא הא שב שני ולא קא מטיא אַרעא, איהר זאָלט דאָ ניט אַראָפּניידערן וואָרום דאָ איז מיט זיעבען יאָהר צוריק אַראָב געפאַלען ביי אַ סטאָליער אַ האַק און האָט נאָך ניט דערגרייכט צום גרונד. ולאו משום דנפישי מיא אלא משום דרדיפי מיא, און ניט מחמת דאָס וואַסער איז זעהר פיעל נאָר מחמת עס איז זעהר לויפיג (שטראָמיג). אָמר רב אשי, האָט רב אַשי געזאָגט, ההוא זיז שדי הוא דכתיב וזיז שדי עמדי, יענעם פויגעלס נאָמען איז זיז שדי, ווי עס איז געשריבען אין פּסוק און דער זיז שדי איז מיט מיר.

אויסער דער אונגלויבליכקייט פון דער ערצעהלונג אין אַלגעמיין, און איבערהויפּט פון דעם וואָס דעם פויגעלס קאָפּ האָט דערגרייכט דעם הימעל, זענען פאַרהאַן נאָך פיעל פראַגען (קושיות), די ערשטע: ווי אַזוי האָבען זיי ניט פערשטאַנען, אַז לויט די גרויס פון פויגעל האָט געמוזט זיין אַ בעדייטענדע הויכקייט ביז זיינע קנעכלעך? אַזוי ווי מיר געפינען דאָס ביי עוג מלך הבשן איז געוועזען דרייסיג איילען ביז די קנעכלעך (לויט די גמרא ברכות נד:), הגם זיין קאָפּ האָט ניט דערגרייכט דעם הימעל, און אויך ווי אַזוי האָבען זיי געוואַגט צו וועלען זיך באָדען נעבען אַזאַ גרויסען פויגעל, און האָבען קיין מורא ניט געהאַט טאָמער וועט ער זיי געבען אַ קלאַפּ מיט'ן פוס אָדער מיט'ן פליגעל, אָדער אַ פּיק מיט'ן שנאָבעל? אויך איז געווען גאַנץ גענוג פאַר'ן בת קול צו זאָגען קורץ: געהט דאָ ניט אַראָפּ, און וואָרום האָט ער געדאַרפט זיי ערצעהלען אַ גאַנצע מעשה? און יעדענפאַלס האָט ער זיי ניט געדאַרפט ערצעהלען דאָס די האַק האָט אין זיעבען יאָהר ניט דערגרייכט דעם גרונד, וואָרום אין אַ טיעפקייט וואָס אַ האַק דערגרייכט דעם גרונד אין פערלויף פון אַ האַלבע זעקונדע קען זיך אויך אַ מענש ניט קיין שווימער (וואָס זיי זענען עס געוויס געווען, ווי עס איז צו זעהן פון רבה'ס אויסגעבראַכטע ווערטער: „האָבען מיר גערעכענט אַז דאָ איז זעהר וועניג וואַסער") דערטרינקען? אויך האָט ער ניט געדאַרפט זאָגען דאָס די סיבה דערפון איז ניט די טיעפקייט פון וואַסער נאָר זיין שטראָמיגקייט, וואָרום וואָס איז דער אונטערשיעד, סיי ווי סיי וועט זיך אַ מענש דאָרט דערטרינקען? און צו זאָגען דאָס ער האָט זיי סתם געוואָלט ערקלערען די זאַך בריַיטלאַך, מעשה שמועס, איז געוויס ניט גלייך, און דעריבער וויַיזט אין פלוג אויס, דאָס ווען דער וואַסער וואָלט ניט געווען אַזוי שטראָמיג וואָלט קיין סכנה ניט געווען, און דאָס קען דאָך ניט זיין, וואָרום געוויס איז דאָרט געווען פיעל מעהר וואַסער ווי אַ מענשענס הויך, ווי עס איז זעלבסט פערשטענדליך פון דעם וואָס עס האָט געגרייכט ביי אַזאַ הויכען פויגעל ביז די קנעכלעך, און פון דעם וואָס אין פערלויף פון זיעבען יאָהר האָט די האַק ניט דערגרייכט דעם גרונד, דאָס ווי שטראָמיג דער וואַסער זאָל זיין פאָדערט עס פון דעסטוועגען זעהר פיעל וואַסער, און איבער דריי איילען וואַסער איז דאָך גענוג אַז אַ מענש זאָל זיך דאַרין דערטרינקען?

אויך איז קשה׳דיג, ווי אַזוי האָט רב אַשי, וועלכער האָט דעם פויגעל ניט געזעהן, עוואוסט אַז זיין נאָמען איז זיז שׂדי, ווען רבה וועלכער האָט איהם אַליין געזעהן האָט ים געוואוסט זיין נאָמען? און אויב מיר זאָלען אָננעהמען אַז ער האָט עס געלערנט ון די ריי'ד פון פסוק „און דער זיז שׂדי איז מיט מיר", וואָס לויט רש"י איז דער שט דערפון דאָס עס גרייכט ביז'ן הימעל, טאָ פאַר וואָס האָט דאָס אויך רבה אַליין ים געלערנט פון דעם זעלבען פסוק? און אויך איז קשה פיעללייכט איז פאַרהאַן אַן נדער פויגעל אויך אַזוי הויך ווי דיעזער, און יענעם׳ס נאָמען איז זיז שׂדי ניט דיעענס? און וואָרום הייסט דער וואונדערבאַרער פויגעל מיט׳ן נאָמען זיז שׂדי וואָס עס ייגט גאָר ניט אויף זיין הויכקייט? און אויך איז קשה וואָס פאַר אַ נוץ ומט אונז אַרויס פון דעם וואָס מיר וויסען דעם פויגעלס נאָמען, דאָס צוליעב דעם אָט זיך רב אַשי בעמיהט צו לערנען עס אונז? אויסער די פראַגע: וואָס נוצט אונז אָס וויסען די גאַנצע ערצעהלונג וואָס רב אַשי האָט עס אַריינגעשטעלט אין דער גמרא?

(תהלים נג) אָמר נבל בלבו אֵין אֱלהים, דער אויסוואורף האָט געדענקט אין אַרצען דאָס עס איז קיין גאָט ניטאָ, השחיתו והתעיבו עול אֵין עושה טוב, זיי האָבען עטהאָן פערדאָרבענע און עקעלהאַפטע עוֹלוֹת קיינער טהוט קיין גוטעס ניט; אֱלהים שמים השקיף על בני אָדם לראות היש משכיל דורש אֶת אֱלהים, גאָט האָט פון ימעל אַראָבגעקוקט אויף די מענשען צו זעהן אויב עס איז פאַרהאַן אַ גוט דענקענער מענש וואָס זוכט גאָט; כלו סג יחדיו נאֱלחו אֵין עושה טוב אֵין גם אֶחד, איינגאַנען האָט ער זיך אָבגעקעהרט פונ׳ם ריכטיגען וועג, צוזאַמען זענען זיי פערדאָרבען (אין נן פון פערדאָרבענע פלייש) געוואָרען, קיינער פון זיי טהוט קיין גוטעס ניט, קיין יינער אויך ניט.

אין דיעזע פסוקים זענען פאַרהאַן פיעל פראַגען. די ערשטע איז: פון וואַנען יים מען וואָס דער אויסוואורף טראַכט אין האַרצען, וויבאַלד אַז ער זאָגט עס מיט׳ן ויל ניט אַרויס, און פיעללייכט לייקענט ער גאָר ניט אָב אין גאָט נאָר ער זינדיגט ן זיין תאוה וועגען? די צווייטע: וואָס דער פסוק זאָגט אַז קיינער פון זיי טהוט יין גוטעס ניט, דען די גמרא זאָגט דאָך פושעי ישראֵל מלאים מצות כרמון, ד. ה. פילו די ערגסטע אידען טהוען פיעל גוטע מעשים? די דריטע: וואָצו ברויכט גאָט ראָבקוקען פון הימעל אויף די מענשען ווען ער ווייס אַזוי אויך וואָס זיי טהוען? י פיערטע: וואָס מיינט דער פסוק מיט׳ן וואָרט משכיל (אַ גוט דענקענדער)? ער האָט עסער געדאַרפט זאָגען צדיק אָדער ישר (גערעכטיגער) און דאָס גלייכען, די פינפטע: אָס איז די כַוָנָה פון דעם וואָס דער פסוק זאָגט: זיי זענען צוזאַמען פערדאָרבען וואָרען? די זעקסטע: ווי קען דאָס זיין אַז פון אַלע מענשען זאָל זיך ניט געפינען ין איינער וואָס טהוט גוטעס?

בעפאָר מיר וועלען עס אַלעס ערקלערען, וועלען מיר וואַרפען אַן אַלגעמיינען בערבליק אויף דער סיסטעם פון די היינטיגע אַטהעאיסטען (די וואָס לייקענען אין ם), און מיר וועלען זיך בעמיהען אויסצופאָרשען, אויב זיי זענען ווירקליך פריינקענדע ווי זיי בערימען זיך, אָדער דאָס דער גאַנצער צוועק זייערער איז נאָר זין פריי אין טהאָט, און דענקען ברויכען זיי אינגאַנצען ניט. וואָרום וואָס וועט זיי צוגעבען?

אין אַן אַנדער אָרט האָבען מיר שוין ערקלערט די שוואַכקייט פון די חקירה ־אָרשונג מיט׳ן שׂכל, און די כונה דערפון איז: ספעקולאַטיווע פילאָזאָפיע, ד. ה. וואָס

עס איז געבויט אויף שכל'דיגע אויפגאבען אהן קיינע פראבען) און איהרע אונבעגרינדהייט, דאס צו ליעב דעם קען מען זיך אויף איהר גארניכט פערלאזען, און אז די וואס בענוצען זיך מיט איהר אין וואס עס אנבעלאנגט רעליגיאן בלאנדזשען זעהר לייכט אראב פונ'ם ריכטיגען רעליגיעזען וועג.

אבער אויך דאמיט, ד. ה. אראב צובלאנדזשען פונ'ם רעליגיעזען וועג דורך חקירה בענוצען זיך זעהר ווייניגע; דאס זענען נאר די יעניגע וועלכע שעמען זיך נאך פריי נאך צו געבען זייער הארצענס לוסט, אהן וועלכע עס איז טענה צו פערענטפערען זייערע מעשים; און דארום זענען זיי גענויטיגט אויס צוזוכען מיט זייער שכל אירגענד וועלכע וועג ווי צו לייקענען אין גאט, און ממילא וועט זיי שוין זיין אלעס ערלויבט; און הגם זיי שפארען זיך אן אויף א צעבראכענעם שילפראהר (טראסט), קענען זיי דאך אנגערופען ווערען פעראירטע, זעלבסט פערשטענדליך נאר אין א גאנץ קליינע מאס, ווארום זיי האבען אליין געברויכט צו וויסען דאס זיי האבען ניט אויף וואס צו בויען *).

*) אין דער גאנץ נייער צייט האט זיך געפונען א נייע וועג פאר דיעזען סארט מענשען, זיי האבען זיך א ווארף געטהאן צו דער צווייטער זייטע, זיי האבען זיך א נאמען געגעבען: עמפיריקער, ד. ה. מענשען וועלכע האלטען נאר פון ריכטיגע פראבען, אין געגענזאץ צו די וואס בויען אויף חקירה, וואס זיי רופען אן חלומות. דוכט זיך אז עס איז שוין גוט? הערט נאר אן אייגפאל וואס די חברה האבען ארייגעלעגט דארין! זיי זענען געפאלען אויף אזא אייגפאל, דאס ווייבאלד זיי זענען עמפיריקער ברויכען זיי ניט צו גלויבען אין קיין זאך וואס עס איז דארויף ניטא קיין ריכטיגע פראבע, און עס אבלייקענען. שטעלט אייך פאר די אונזיניגקייט דערפון! צי דען דערפאר וואס אהן א פראבע קען מען ניט זאגען בעשטימט ווי די זאך איז, דעריבער קען מען זאגען בעשטימט אז עס איז אינגאנצען ניטא? איך האב בעגעבען דארויף א משל: א פאטער מיט א זוהן זענען ביי נאכט געווען אין א שטוב אין דער פינסטער, האט דער זוהן געוואלט אראבגעהן פון די טרעפ, האט איהם דער פאטער געזאגט דאס אין דער פינסטער וועט ער ניט טרעפען די טרעפ. נאכהער האט ער אזוי געוואלט געהן איבערן שטוב, האט איהם דער פאטער געזאגט דאס ער קען נאך אנטרעפען א שטיק האלץ וואס עס ליעגט אויפ'ן פאדלאגע און פאלען אן איהר. ווי קען דאס זיין? האט געפרעגט דער זוהן, דעם טרעפ זאגסטו וועל איך אין דער פינסטער ניט טרעפען, און דעם שטיק האלץ וועל איך יע טרעפען?

זעהט נאר ווי פון צוויי עקסטרעמע ענטגעגענגעזעצטע סיסטעמען זענען די כופרים בעקומען צו איין און דעם זעלבען בעשלוס: צו כפירה, דאס איז מחמת זיי טשעפען דאס ווי עס איז אן אן יעדע מעגליכע סיסטעם, און דערפון קען מען פערשטעהן וואס פאר א ווירדע עס האט, און אויף זיי זאגט דער פסוק (ירמיה ט) וידרכו את לשונם קשתם שקר או, זיי האבען געבויגען זייער צונג וואס זיי בענוצען איהם אלס שיסבויגען צו פאלשקייט, ולא לאמונה גברו בארץ און צו ניט גלויבען האבען זיי זיך געשטארקט אין דער וועלט, כי מרעה אל רעה יצאו דען פון איין שלעכטעס צו אן אנדער שלעכטעס זענען זיי ארויסגעגאנגען, דאס מיינט אזוי ווי אין אונזער ענין, דאס זיי זענען אריבערגעגאנגען פון דער אבלייקענונג דורך חקירה צו דער אבלייקענונג דורך עמפיריקע, ואותי לא ידעו און אין יעדען פאל זוכען זיי אויס ווי עס איז א פאלשע טענה אום ניט צו אנערקענען מיך, נאום ה' דאס זענען דעם עוויגענס רייד.

אָבער די מעהרסטע זינדיגע און הולטייעס,—איבערהויפט אין דער געגענוואַרטיגער צייט, וואָס דאָס מענשענגעשלעכט אין אַלגעמיין איז פערזונקען אין זינד, און איז אַרונטערגעפאַלען אין דיזען הינזיכט צו אַ נידעריגערע שטופע פון די אונ׳שכל׳דיגע בעשעפעניסען,—זענען איינפאַכע בעלי תאוה׳ניקעס, צולאָזענע הפקר יונגען, און גאָרניט פערלייקענענדיג עס, געהען זיי עפענטליך נאָך זייער תאוה פראַנק און פריי, ניט פרעגענדיג זייער שכל לגמרי, כדי זיי זאָלען קענען טהון די ערגסטע און נידעריגסטע מעשים, וואָס ווי דער שכל זאָל זיין קליין און שוואַך און ווי ער זאָל זיין אונטערוואָרפען דער תאוה, וועט ער אַלעס ניט קענען געבען זיין ערלויבעניס צו טהון זיי, נאָר מיט׳ן צונג האָבען זיי זיך אויסגעלערנט צו פלאַפלען איינינע פילאָזאָפישע פראַזען און אפיקורסישע טענות, וואָס זיי אַליין פערשטעהען ניט זייער בעדייטונג, און זיי קענען זיי זאָגאַר ניט ריכטיג אויסשפּרעכען, נאָר כדי צו פערבלענדען לייטען די אויגען, און צו פערדעקען ווי עס איז די שאַנדע פון זייער אויפפיהרונג.

דאָס איז דער שיינבאַרער (למראית עין׳דיגער) מאָטיוו וואָס ברענגט זיי דאַצו, נאָר באמת רעכען איך דאָס עס בעוועגט זיי דאַצו גאָר אַן אַנדער מאָטיוו, וועלכער איז: דאָס ווי ווייט ביי זיי איז רעכט צו בעשמוצען און ערנידעריגען זיך מיט אַלע אויסוואורפליכע און מיאוסע זאַכען אין דער וועלט, ווילט זיי זיך נאָך פראַווען גאוה אויך, אום צו בעריהמען זיך דאָס זיי זענען די בעסטע און שענסטע מענשען אין דער וועלט, ווארום גאוה אַליין איז דאָך אויך אַ מיאוסע תאוה, טאָ פאַר וואָס זאָלען זיי איהר אויך ניט אויסניצען? און אַזוי ווי עס איז בעוואוסט צו די פאָרשער פון דער נאַטור פון די נידעריגע נפשות וואָס געפינען זיך אינ׳ם מענשען געשלעכט, אַז וואָס מעהר דער מענש צייכענט זיך אויס מיט זיין ניכטיגקייט, און נידעריגקייט, און מיט דעם וואָס עס פעהלט איהם יעדע גוטע זיטע וואָס קען בערעכטיגען זיין געהערען צום העכסטען קלאַס בעשעפעניס, שפּרינגט ער גראַדע מעהר אַרויס ביי יעדע געלעגענהייט, אום אַרויס צושטעלען זיך פאַר׳ן גרעסטען און בעסטען מענשען פון דער גאַנצער וועלט,—און אויך וואָס ער צייכענט זיך מעהר אויס מיט די שוואַכקייט און אונראַיעלקייט פון זיין שכל בעריהמט ער זיך אַלץ מעהר מיט איהם, און שרייט מיט קולות: איך בין קליגער פון דער גאַנצער וועלט! דאַרום שטעלט די פאַנטאַזיע פון די בעלי תאוה׳ניקעס זיי פאָר, דאָס דורכדעם וואָס זיי וועלען זיך ערקלערען אלס אָנהענגער פון דער כפירה־סיסטעם, וועלען זיי איבערצייגען דער וועלט ווי ווייט זייער שכל איז שטאַרק און זעלבסטשטענדיג, דאָס זיי האָבען דעם מוט זיך צו בעפרייען פון אַלע ביזהעריגע אַנשויאונגען און סיסטעמען, טראָץ דעם וואָס דער גרעסטער טייל מענשען האָבען ניט דעם מוט צו טהון עס, און דאַרום האַלטען זיי זיך נאָך אָן זיי,—און צו זיין די ערשטע וועלכע האָבען בעגריפען די גרויסקייט און וואַהרהייט פון יענעם כופר׳ס נייע סיסטעם*) [ווארום צו אונזער עהרע, אָדער פיעל-

*) און דערמיט האָב איך ערקלערט די סבה פון דער וואונדערבאַרער ערשיינונג וואָס מיר זעהען אין דעם האַלטען זיך פון די פעלקער צום אידישען נאַציאָן, וועלכער איז: דאָס ווען די אידען׳ס לאַגע איז אין וועלכער ס׳איז לאַנד שלעכט און נידעריג, און אַלע איהרע איינוואָהנער זענען זייערע פערביסענע שונאים און פערפאָלגער, איז געננג דאָס עס זאָל זיך געפינען נאָר איינער וואָס זאָל אָנפאַנגען טאַלאַנטפאָל צו פערטיידיגען זיי, און רעדען אויף זיי גוטעס, דאָס מען זאָל איהם אויפמערקזאַם אויסהערען, און פיעלע וועלען איהם נאָכטהון,

לײַבס ריכטיגער געזאָגט: צו אונזער שאַנדע, װענען הײַנט ניטאָ קײנע אָריגינעלע אַפּיקורסים אונטער אידען, נאָר זײ האָבען אָנגע׳גנב׳עט עטליכע טענות און פראַזען בײַ פרעמדע צו פּלאַפּלען און בילען מיט זײ, און װערען אידרע אָנהענגער, און

און אויך דאָס גאַנצע לאַנד בכלל װעט אָנפאַנגען צו רעדען אויף זײ בזיסלעכװײַז גוטעס, ביז װאַנען זײ װעלען װערען זײערע גוטע פרײַנד, און װעלען זײ בעהאַנדלען אַלס זײער גלײַכען; אָבער אין פערלויף פון אײניגע יאָהר שפּעטער, װען די אידען װעלען שוין האָבען זײערע צרות באַלד אינגאַנצען פערגעסען, און װעלען זיכער זײן אַז אַזעלכעס װעט זיך שוין מעהר ניט אומקעהרען, איז געװנג פערקעהרט, דאָס נאָר אײנער זאָל אָנפאַנגען צו רעדען אויף זײ שלעכטעס און אויסזוכען אויף זײ עולות, דאָס פיעלע זאָלען איהם גלײַך נאָכטהון, און דער יודענהאַס װעט זיך אָנפאַנגען צו פערשפּרײַטען ביסלעכװײַז אין׳ם גאַנצען לאַנד, ביז װאַנען אַלע װעלען זײ װערען דם שונאים. די סבה דערפון איז דאָס די װאָס די װילען זיך אַרויסװײַזען אַלס חכמים זוכען אַלץ צו ערפינדען נײַע סיסטעמען און אַנשױאונגען, כדי צו בעקומען אַ נאָמען דאָס זײ האָבען אַן ערפינדערישען גײַסט, און דאָס מיט זײער חכמה האָבען זײ אויפגעװיזען, דאָס די גאַנצע װעלט איז געװען אין אונװיסענהײַט, ביז װאַנען זײ האָבען איהר ערלויכטען די אויגען מיט זײערע נײַע אַנשױאונגען, און נאָך זײ שלעפּען זיך נאָך פיעלע װאָס קענען מיט זײער שכל קײנע נײַעס אויפטהון, אָבער פונדעסטװעגען װילען זײ בעװײַזען דאָס זײ זענען געװען אַמװעניגסטען פון די ערשטע װאָס האָבען ערקענט די װאַהרהײַט פון די נײַע אַנשױאונגען, און די איבעריגע מענשען מוזען אויך מיט שטימען מיט זײ, אום מען זאָל אויף זײ ניט זאָגען דאָס זײ זענען אָנהענגער פון דאָס אַלטעס און אָבגעלעבטעס, אָבער דערנאָך װען די נײַע סיסטעמען װערען אָנגענומען בײַן גרעסטענטײל מענשען, און װערען ביסלעכװײַז פערעלטערט, דאָס זײ פערליערען שוין דעם חן פון: „דאָס נײַעסטע און מאָדערנסטע", פאַנגען שוין אָן די װאָס װילען זיך אין יענער צײַט אַרויסװײַזען אַלס חכמים, צו זוכען אַן אַנדער נײַעס, אום צו בעקומען דורך איהם אַ נאָמען, און אַזױ װי אֶמתע נײַעס איז זעהר שװער צו ערפינדען, בעהמען זײ װידער אָן די סיסטעמע װעלכע האָט עקזיסטירט פריהער פון דער יעצטיגער, און װאָס איז שוין לאַנג פערגעסען געװאָרען און דאריבער װײַזט זי יעצט אויס אַלס אַ שפּאָגעל נײַע, און איבער אַנײַס װעלען נאָך זײ פיעלע נאָכלויפען, צו װײַזען דאָס זײ זענען אויך געװנג פּראָגרעסיװ, צו בעפרײַען זיך פון די אַלטע פּאָראורטײַלען, און אָנצונעהמען דעם לעצטען װאָרט פון מענשליכען שכל, און די איבעריגע מענשען װעלען זיך מוזען נאָכשלעפּען נאָך זײ װי אויבען; און נאָכהער װען דיזע סיסטעם װעט שוין בעקומען בירגער־רעכט, װעט זי װײַטער פערװאָרפען װערען צוליעב דער צװײַטער, אויף װעלכער מען װעט זאָגען: אַז דאָס איז אַ נײַעס פון װעלכער מען האָט בזהעד קײנמאָל ניט געװאוסט, אָדער אַמװעניגסטען: דאָס מען האָט קײנמאָל ניט בעגריפען איהר גרויסקײט און ריכטיגקײט א. א. װ.

און דעריבער דאַרפען זיך ניט אידען פרעהען זעהר שטאַרק װען זײערע פײַנד שליסען מיט זײ פרידען און ערנעהנטערען זיך צו זײ, װאָרום ניט לאַנג װעט דויערען ביז װאַנען זײ װעלען זיך נעהמען אויפצוזוכען אַ נײַעס: צו געפינען אויף זײ עולות און פערהאַסען זײ און ערװײַטערען זיך פון זײ; און דאָס װעלכע װאָלען זײ זיך ניט נעהמען זעהר שטאַרק צום האַרצען װען אַלע װײַכען זײ אויס און האָבען זײ פײַנד, דען אין גיכען װעט אַ בלאָז טהון אַ פרישער װינד איבערען לאַנד, װעלכער װעט פערנאַנדערטרײַבען דעם יודענהאַס און שפּעטער דערנאָך װעלען זײ איבער אַנײַס זוכען אויף זײ בלבולים, און דערנאָך װעלען זײ װײַטער ליעב קריגען זײ, און א. װ. ביז משיח צײַט.

דאמיט האבען זיי אויך געצייגט אַ וועג דער גאנצער וועלט נאָכצופאָלגען זיי, און ממילא זענען זיי דאך די גרעסטע וועלט חכמים און פילאָזאָפען, און אויך די וואָהלטהע-טער פונ'ם גאנצען מענשליכען געשלעכט,—דאמיט וואס זיי האבען איהם ערלויכטען די אויגען—וואס עס זענען נאך אזעלכע קיינמאל אויף דער וועלט ניט געוועזען.

צו ענטפערען אויף זייערע פלוידערייען איז ניט נויטיג און אויך ניט נוציג ווי עס איז בעוואוסט, נאר כדי זיי זאלען ניט זאגען דאס זייערע רייד זענען וויכטיגע, און צוליעב דעם וואס מיר קענען אויף זיי ניט ענטפערען שטופען מיר זיי סתם אָב מיט זידלערייען, וועל איך אויפווייזען די פאלשקייט פון זייערע הויפט-טענות, און פיעללייכט וועט עס אויך ברענגען וועלכע עס איז נוץ צו אזעלכען וואס איז נאך אין ספק אין וועלכען וועג צו געהן, און אויך צו דעם יעניגען וועלכער איז נאך ניט איינגאנצען פערדארבען.

צום ערשטען, וועל איך ענטפערען אויף זייער טענה: דאס מיר דארפען בעווייזען די וואהרהייט פון אונזער רעליגיאן דורך פעסטגעשטעלטע און אונבעשטרייטבארע בעווייזע, אבער מיר האבען שוין ערקלערט אין די איבענדערמאהנטע שטעלע, דאס די גרינדע פון אונזער רעליגיאן זענען געשטיצט אויף דער מסורה [טראדיציאן, איבער-געבונג] וואס איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען פון אונזערע עלטערען און זייערע עלטערען און עלטערענס עלטערען ביז'ן דור פון משה רבינו, וועמעס עדות איז אונז זעהר בעגלויבט, דען לויט דעם חאראקטער פון די רעליגיאן קען זי מעהר ניט האָבען ווי איין ארט בעגרינדונג, וועלכע בעשטעהט אין מסורה, און איהר נאָמען „גלויבען" צייגט דארויף, און דארום ברויכט זי ניט צו בעציעהען זיך אויף קיינע שכל'דיגע און לאָגישע בעווייזע [ווארום פון ריכטיגע פראָבען קען דאך געווים קיין רייד ניט זיין] וועלכע קענען יעדענפאלס לויט זייער איינענעם חאראקטער ניט זיין אונבעשטרייטבאר ווי עס איז דארטען ערקלערט, און ממילא וואלט דאך אויך ניט געשאדעט ווען עס וואלטען אזעלכע גארניט עקסיסטירען; אבער באמת איז פארהאן הונדערטער און טויזענדער זעהר שטארקע בעווייזע אויף דער וואהרהייט פון אונזער רעליגיאן, נאר ווי באלד אז לויט איהר חאראקטער בעציעהט זי זיך ניט אויף זיי, געפינען מיר ניט פאר נויטיג צו ברענגען זיי דא, בפרט אז דאס קען אונז קיינע נוצען ברענגען, ווארום ווי עס איז בעוואוסט קענען קיינע דיספוטען אין דער וועלט ניט מיטברענגען דעם יעניגען וואס האט א פאלשען מיינונג וועגען וועלכע עס איז לאָגישע זאך, אז ער זאל זיך פון איהם ענטזאגען. און דעם אין איינציגען בעסטען אנטווארט וואס מיר דארפען זיי געבען איז: דאס מיר ברויכען קיינע בעווייזע ניט.

אָבער זיי וואס ווילען פערקעהרט אויפבויען א נייע וועלט-בעשאפונגס סיסטעם, ניט געשטיצטערהייד אויף קיין מסורה, נאר אויף זייערע הערצענס מוטוויליגקייט און מויל'ס פלאפלער קראפט, ברויכען זיי דאך געווים צו בעציהען זיך אויף שכל'דיגע און לאגישע בעווייזע [והגם מען קען זיך אויף זיי ווענינ פערלאזען ווי אויבען], אבער מיר הערען פון זיי ניט מעהר ווי פוסטע רייד אהן קיינע ראיות און בעווייזע, און זייער סיסטעם איז אונגלויבליך אפילו לויט די אבערפלעכליכסטע ערשטע בעטראכטונג, און קען ניט געפינען קיין ארט אפילו אינ'ם מוח פון דעם שוואכסטען בעל שכל, און אפילו אין דעם שטארקסטער פאנטאזיע איז עס שווער זיך פארצושטעלען; און נאך אלעמען האבען זיי נאך די העזה צו בערימען זיך דאס זייער סיסטעם איז די וואהרהאפטסטע, ווען זי האט נאך אפילו קיין רעכט ניט נאר אנגערופען צו ווערען סיסטעם.

צווישענס וועלען מיר ענטפערען אויף דעם וואס זיי לארעמען אזוי שטארק מיט

א געוואלדיגער העזה, ווי זייער שטייגער איז, דאס זיי האבען ראיות געגען דער רעליגיאן, אבער דאס איז פאלש ווי עס איז בעוואוסט יעדערען וואס איז בעקענט מיט עלעמענטארע קענטניסע, דאס עס איז ניט פארהאן קיינע איבערצייגענדע ראיות און אונבעשטרייטבארע בעווייזע אין דער וועלט, וועלכע זענען סותר [ווידערשפרעכענד] דער רעליגיאן און די רייד פון דער תורה; דאס איז אפילו יע אמת, דאס טענות [ד. ה. קושיות, אונפערשטענדליכקייטען] זענען פארהאן אויף זיי, אבער אויף וועלכער זאך, וואס זיין וואהרהייט איז אפילו בעשטעטיגט דורך א חוש [איינער פון די פינף געפיהלען], און איז איבער יעדען ספק [צווייפעל], איז דאס ניטא קיין טענות? און דעריבער איז טאקי בעוואוסט דאס מען קען בכלל קיין זאך מיט קיין טענה ניט אבלייקענען, ווייל טאמער איז פארהאן דארויף א תירוץ, הגם ער איז אונז ניט בעוואוסט; און בפרט אין וואס עס אנבעלאנגט צום עוויגענס פיהרונגס-סיסטעם, און די וואהרהייט פון זיין תורה, וואס יעדענפאלס זענען זיינע וועגען פיעל העכער פון אונזער פערשטאנד; און בפרט אז עס זענען פארגעקומען אויף זיי לויט די מסורה חוש'דיגע בעווייזע, וואס קיינע שכל'דיגע און לאגישע טענות און זאגאר בעווייזע האבען ענטגעגען זיי קיין ווערט ניט; און מכל שכן דאס די טענות אויף דער תורה און דער רעליגיאן זענען שוואכע, און אויף יעדערע פון זיי זענען פארהאן אנטווארטען מעהר ווי גענוגענדע; אזעלכע וואס רייסען אוים די טענות פון גרונד און ווארצעל, ווי זיי וואלטען גאר קיינמאל ניט עקסיסטירט.

[און ווי לעכערליך איז עס צו זעהען: דאס זיי ווילען אבלייקענען די רעליגיאן דורך דיעזע טענות, ווארום אוואו איז דאס נאך פארהאן א זאך וואס האט אויף זיך אזוי פיעל טענות און סתירות [ווידערשפריכע] און נאך גראדע אין איהר אייגענער אויפבויאונג, ווי די סיסטעם פון אטהעאיזמוס, און וואס איהרע אנהענגער קענען ניט געבען קיין ריכטיגען אנטווארט אפילו אויף איינעם פון זיי, און די טענות מיט די סתירות זענען פון א איבערצייגענדען און דרינגענדען כאראקטער, דאס זיי רייסען איהר אוים פון גרונד און ווארצעל, אדער ריכטיגער געזאגט: זיי לאזען איהר גארניט אנפאנגען אויסצוזעהלען זיך און צונויפצושטעלען זיך אינ'ם מענשליכען פערשטאנד; און אויך האט זי דאך ניט קיין ארט פעסטע און אפילו חאטש ווי עס איז א בעשטעטיגטע בעגרינדונג, דאס צוליעב דעם זאלען איהרע אנהענגער קענען זאגען, דאס מיר האבען קיין רעכט איהר אב צווארפען דורך א טענה; ווארום די בעגרינדונג פון איהר סיסטעם בעשטעהט אוים פלאפעל רייד און ווילדע קרומע פשטלעך, וואס זייער פאלשקייט און ניכטיגקייט ווייזט זיך ארוים פון זיי זעלבסט].

אט לאמיר נעהמען צום בייפשיעל זייער גרעסטע טענה, וועלכע איז: ווארום ווייזט אונז ניט דער עוויגער אין דער היינטיגער צייט אויך נסים ונפלאות? און זי איז אויך ריכטיג פערענטפערט ביי יעדען פערשטענדיגען מענשען, ווארום אויסער דעם אלטען תירוץ וואס איז דארויף פארהאן: דאס ווען עס וואלט אזוי געווען וואלט דאך דער מענש מוזען געהן אין גוטען וועג, און ממילא וואלט ער דאך ניט געהאט קיין בחירה [די מעגליכקייט אויסצוקלייבען וועלכע וועג ער וויל, וואס איז א הויפט רעגעל אין אלע רעליגיאנס לעהרען] קען די זאך אויך טהאטזעכליך ניט אויסגעפיהרט ווערען, ווארום ווען דער עוויגער זאל וועלען צומאכען די מיילער פון די אפיקורסים וואס ווילען איהם אבלייקענען, כדי זיי זאלען קענען ערפילען זייער ווילדע אונבעגרענצטע תאוה, ברויכט ער צו ווייזען נסים ונפלאות אין יעדען ארט און צו יעדען מענשען, דען איינער וואלט דאך ניט גלויבען וואס דער אנדערער וואלט געזעהען; און נאך

מעהר, ער וואָלט דאַרפען ווידערהאָלען און איבער ווייזען די נסים יעדע מינוט צו יעדען מענשען בעזונדער, וואָרום ווען ניט, וואָלטען זיי אָבגעלייקענט דאָס וואָס זיי האָבען אַליין געזעהען מיט די אויגען אין דער פאָריגער מינוט, דען זיך אַליין וועלען זיי אויך מאַכען צו ליגנער, אַבי נאָר אום צו קענען אָבלייקענען אין גאָט, און צו טהון וואָס זייער האַרץ געלוסט.

אַ ריכטיגער בעווייז אויף די וואַהרהייט פון דיזע רייד, איז די אויפפיהרונג פון דעם דור המדבר, דאָס די פיעל נסים ונפלאות וואָס גאָט האָט איהם געוויזען האָבען איהם ניט געקאָנט אָבהאַלטען פון צו ווידערשפעניגען גענען איהם זעהר אָפט, דאַריבער איז פאַר'ן גלויביגען געגוג בלויז דאָס גלויבען אַליין, און דעם אונגלויביגען קענען ניט העלפען אַלע נסים ונפלאות אין דער וועלט.

די אורזאַכען וואָס האָבען איבערהויפט געווירקט אויף די מענשען פון דיזען דור בכלל און פון דיזע לאַנד בפרט צו לייקענען אין גאָט און אין רעליגיאָן, זענען לויט זייערע איינענע רייד צוויי. די ערשטע איז: די פערמעהרונג פון די טהעאָרעטישע און פראַקטישע וויסענשאַפטען און זייער ענטוויקלונג, וואָס דורך זיי זענען מיר געקומען צום בעשלוס, אַז די פערשידענע אַלטעגליכע ערשיינונגען וואָס מיר זעהען מיט די אויגען, און וואָס אין די פאָריגע דורות האָט מען ניט געוואוסט זייערע ריכטיגע אורזאַכען, און דאַריבער האָט מען זיי גערעכענט פאַר עפּענטליכע איבערנאַטירליכע וואונדער, געפינען זיך אין דער וואַהרהייט זייערע אורזאַכען אין דער נאַטור זעלבסט, וועלכע היט אָב איהר אויפגאַבע לויט רעגולערע און פּינקטליכע געזעצען, וואָס זענען צונויפגעשלאָסען צוזאַמען אין דער קעט פון אַ פאָלקאָמענע און גוט איינגעריכטעטע סיסטעם, און די אַלע ערשיינונגען זענען דאָס די פאָלגען פון איהרע געזעצען, און ממילא איז פערשטענדליך: דאָס די ערשיינונגען מוזען זיין, און דאָס מיר האָבען זיי גאָרניט וואָס צו בעוואונדערען, און פערקעהרט, דאָס ווען זיי וואָלטען ניט זיין וואָלט עס אונז דאַרפען בעוואונדערען, — און צוליעב דעם האָבען זיי פערלאָרען דעם גלויבען אין איבערנאַטירליכע קרעפטען אין אַלגעמיין, רעכענענדיג דאָס עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען עס וועט אויסגעפונען ווערען דער סוד פון די אַלע זאַכען וואָס מען ווייס נאָך יעצט ניט זייערע אורזאַכען, און מען וועט זעהען דאָס זיי זענען אויך פאָלגען פון בעשטימטע נאַטירליכע געזעצען, וועלכע זיי היטען אָב זעהר פּינקטליך, ביז וואַנען עס וועט זיך גאָרניט אָבשטעלען אָנצוזעהענען אָן אַן אַלמעכטיגע איבערנאַטירליכע-וואונדער-בעשאַפענדע האַנד.

אָבער ווער האָט עס געבעטען דיזע תלמידים פון נחש הקדמוני [דער שלאַנג וואָס האָט אָנגערעדט חוה'ן צו עסען פון עץ הדעת] זיי זאָלען צוגעבען כדי אַראָבצונעהמען? *) אין וועלכען אָרט פון דער תורה האָבען זיי עס געפונען, דאָס די אַלע אַלטעגליכע ערשיינונגען ווערען בעווירקט דירעקט פון דער גאָטהייט זעלבסט, און אַז עס איז ניטאָ קיין סיסטעמאַטישע צונויפגעשלאָסענע אָרדנונג אין די מעשים און ערשיינונגען פון דער נאַטור? געוויס אַנערקענען מיר אויך עס, אָבער דאָס שאַדעט

*) לויט דער מדרש זאָגט האָט ער חוה'ן אַ שטופּ געטהאָן אויפ'ן עץ הדעת און זי האָט זיך אָן איהם אָנגערירט, האָט ער צו איהר געזאָגט: דו זעהסט דאָך אַז דו האָסט זיך אָנגערירט אָן עץ הדעת און דו לעבסט וואָס באמת האָט גאָר גאָט דעם אָנרירונג ניט פערבאָטען; קענסט דו דאָס זעלבע אויך עסען פון זיין פרוכט און עס וועט דיר ניט שאַדען.

גאָרנִיט דער רעליִגיאָן, וואָרום צו דען קען דענקען דער געלעהרטער אינזשעניִער וואָס קען אויפבויען אַ לאָקאָמאָטיִוו מיִט גרויס קונסט, אַז ער זאָל קענען ציִעהען זעהר פיִעל אָנגעלאָדענע וואַגאָנען מיִט גרויס געשווינדקייט, דאַדורך וואָס ער ווייס ריִכטיִג די צושפרייטונג און צונויף ציִעהונגם איינגעשאַפט (נאַטור) פון דעם דאַמפף, און די איינריִכטונג און צונויפשטעלונג פון די רעדער און די איבעריִגע טיילען פון דער מאַשיִנע, וועלכע ברויכען צו ווערען פיִנקטליִך און ריִכטיִג אויסגעאַרבייט און צונויף געשטעלט און צונויפגעשלאָסען איינאַנדער, אַז זיי זאָלען קענען דיִענען צו דיִעזען צוועק, און וואָס מיִט הונדערט יאָהר צוריִק האָט גאָר קיינער ניִט געקאָנט פאַנטאַזיִרען אַז אַזעלכעס וועט אַמאָל קענען זיין, -- צו דען קען ער דענקען דאָס וויִבאַלד אַז ער האָט געקאָנט אויפטהון אַזאַ וואונדערבאַרע זאַך, וואָס די פאָריִגע דורות האָבען זיִך גאָרניִט געקאָנט פאָרשטעלען, וועט איהם געוויִס אויך געליִנגען צו מאַכען דאָס דער לאָקאָמאָטיִוו זאָל זאָל זיִך קענען בעוועגען פון זיִך זעלבסט, אָהן די היִלפע פון דעם דאַמפף אָדער אַנ׳אַנדערע אָנפאַנג־בעוועגונגם געבענדע נאַטור קראַפט, וועלכע געפיִנט זיִך אין דער וועלט פון דער בריאָה (וועלט בעשאַפונג) אָן? אָדער דאָס ער וועט אַליין ערפיִנדען פון דאָס ניי אַ ענהליִכע קראַפט? ניין! עס קען זיִך איהם אַזאַ זאַך גאָרניִט אָנהויבען צו חלומ׳ן! וואָרום אַפילו דאָס וואָס די גרעסטע טעכניִקער פון דער וועלט האָבען זיִך געסטאַרעט און שווער געאַרבייט, אין פערלויף פון צעהנדליִגער יאָהרען, צו ערפיִנדען אַ מאַשיִנע וואָס זאָל זיִך שטענדיִג אַליין בעוועגען, וואָס דאָס איז באֶמת לויט׳ן שׂכל גאָרניִט אַזוי ווילד און ווייטלויפיִג, וואָרום זיי האָבען דאָך געוואָלט אָנפאַנגען איהר בעוועגונג דורך וועלכע עס איז פון די פון אייביִג אָן עקסיִסטיִרענדע נאַטיִרליִכע קרעפטען,—איז זיי אויך ניִט געלונגען.

אָדער צו קען דערזעלבער אינזשעניִער אַמווענִיגסטען דענקען, דאָס עס וועט נאָך קומען אַ צייט ווען ער וועט קענען פערשטעהן ריִכטיִג דעם שׂכל פון דער איינגעשאַפט פון דעם דאַמפף, נעמליִך. וואָרום ער שפרייט זיִך פונאַנדער אין וואַרעמקייט און ציִעהט זיִך צונויף אין קעלט? וויִבאַלד אַז ער האָט קענען געלערנט דעם שׂכל פון די אַלע בעוועגונגען און, אומדרעהונגען פון די רעדער און די איבעריִגע טיילען פון דער מאַשיִנע, וואָס זענען צונויף געשלאָסען איינאַנדער און זיי בעוועגען דעם לאָקאָמאָטיִוו און מאַכען איהם לויפען, און ער האָט אויך קענען געלערנט די קראַפט וואָס בעוועגט זיי, נעמליִך די צונויפציִעהונג און פונאַנדערשפרייטונג פון דעם דאַמפף, אין דער צייט ווען די געוועהנליִכע מענשען וואָס האָבען שוין אַפיִלו גוט אָנגעקוקט דעם לאָקאָמאָטיִוו, און זיי ווייסען אויך דאָס ער בעוועגט זיִך דורכ׳ן קראַפט פון דאַמפף, און דורך רעדער און טיילען וואָס מאַכען איינער דעם אַנדערען צו בעוועגען און דרעהען זיִך, ווייסען נאָך אַלץ ניִשט וואָס איז אַזעלכעס די איינגעשאַפט פון דעם דאַמפף וועלכע פעראורזאַכט די בעוועגונג, און ווי אַזוי עס זענען איינגעאָרדענט די רעדער און די איבעריִגע טיילען. אום זיי זאָלען קענען פיִהרען דעם לאָקאָמאָטיִוו ווי עס ווערט געפאָדערט, — און ווען דער ווילדער איִנדיאַנער זעהענדיִג דעם לאָקאָמאָטיִוו מיִט זיין געשוויִנדען לויפען קען ניִט האָבען קיין בעגריִף פון דעם קראַפט מיִט די מעכאַניִשע מיִטלען וואָס בעוועגען איהם, און דעריִבער רעכענט ער איהם פאַר אַ שרעקליִכע ווילדע בעשעפעניִש, אָדער גאָר פאַר׳ן טייוועל אַליין.

אָבער באֶמת וועט זיִך דאָס איהם אויך ניִט חלומ׳ן, וואָרום ער ווייס דאָס ער וועט קיינמאָל ניִט קענען פערשטעהן דעם שׂכל פון דעם דאַמפפס איינגעשאַפט.

אבוואהל ער קען זעהר גוט די אייגענשאפט זעלבסט; און דערזועלבער פאל איז אויך מיט די אנדערע נאטור קרעפטען, וואס מיר האבען אין די לעצטע צייטען אויסגעפונען זייער ווירקונג און ערלערנט זייערע אייגענשאפטען, נעמליך מאגנעטיזמוס און עלעקטריציטעט און דאס גלייכען, דאס מיר וועלען אייביג ניט פערשטעהן דעם שכל פון זייערע אייגענשאפטען, אבוואהל מיר קענען גוט די אייגענשאפטען זעלבסט. און מיר פערשטעהען אויך דעם שכל פון די בעוועגונגס פעהיגקייטען פון די קינסטליכע בעוועגער, וועלכע ווערען אליין בעוועגט דורך די נאטירליכע אנפאנג-בעוועגונגס געבער, נעמליך מאגנעטיזמוס עלעקטריציטעט און נאך. און דאס איז צוליעב דעם וואס די בעוועגונגס קרעפטען, וועלכע ברויכען צו ווערען אליין בעוועגט, זענען זעהר וויים אין נייעם-אויפטהואונגס כאראקטער פון זייערע אנפאנג-בעוועגונגס געבער, און עס איז זיי איינעם צום אנדערען גאר ניט צו פערגלייכען; ווארום עס איז ווירקליך זעהר לייכט איינצוזריכטען פערשיעדענע בעוועגער און בעוועגטע פון זיי, ווען עס איז נאר פאראהאן א גוט איינגעריכטעטע אנפאנג-בעוועגונגס געבענדע קראפט, און זייער ערפינדונג קען אונז בעוואונדערען מעהר ניט ווי צוליעב זייער נייהייט, ד. ה. צוליעב דעם וואס מיר זענען פריהער דארויף ניט איינגעפאלען; אבער די אנפאנג-בעוועגונגס געבענדע קראפט איז א זעלבסט אמת'ער וואונדער, און דעריבער איז א חוץ דעם וואס דער מענש קען אזעלכעס ניט בעשאפען, וועט ער איהר אויך אויף אייביג ניט קענען פערשטעהן.

און א הונדערט מאל מעהר איז דערזועלבער פאל אין אונזער זאך, ווארום ווי ווייט די נאטור פארשער האבען זיך געקליגט און ערפאהרען אויף ריכטיג די עלעמענטען פון וועלכע עס זענען צוזאמענגעזעצט די פלאנעטען און די פיקס שטערען, און זייערע גאנגען, און די נאטור פון דער ערד און איהרע געוויקסע און לעבענדיגע בעשעפעניסען,— זענען זיי דאך אלע מעהר ניט ווי פעראורזאכטע דורך די ערשטע אורזאכע [ד. ה. די הויפט קראפט פון וועלכער זיי זענען די פאלגען, נעמליך דער בעשעפער]; אבער איהר זעלבסט, וואס זי האט בעשאפען זייערע עלעמענטען פון גארנישט, און וואס זי זעצט אין בעוועגונג די הימלישע קערפער, דאדורך וואס זי האט אריינגעגעבען אין זייער נאטור די דריי בעוואוסטע בעוועגונגס געזעצען, און דאצו האט זי זיי אויך געגעבען דעם ערשטען שטופ, וואס נאר דורכדעם האבען זיי געקאנט אנפאנגען צו בעוועגען זיך לויט די דערמאהנטע בעוועגונגס געזעצען, און וואס זי האט אריינגעגעבען ליכט און ווארעמקייט אין דער נאטור פון דער זון,— קענען זיי ניט, און זיי וועלען אויף אייביג ניט קענען.

צו דען קענען די געלעהרטע מיט די אלע קענטניסע וואס זיי האבען זיך ערווארבען, ערקלערען אונז די ערשטע אורזאכע פונ'ם וואקסען פון די געוויקסע, וועלכע עס בעוועגט זייערע עלעמענטען אז זיי זאלען זיך צוזאמענזעצען און אויסבילדען אין דער פארם פון וואקסענדע ארגאנען; אדער די ערשטע אורזאכע וועלכע עס בעוועגט די צוזאמעזעצונג און אויסבילדונג פון די ארגאנען פון די לעבעדיגע וועזענס; און מכל שכן אז זיי פערשטעהן ניט די ערשטע אורזאכע וועלכע עס גיעט די לעבעדיגע וועזענס לעבען, געפיהל און פערשטאנד, און ווען עס וועט זיי אפילו געלינגען צו דערגעהן, אין וועלכע עס איז צייט, דעם שכל ווי אזוי עס פיהלען די נערווען פון די לעבענדיגע וועזענס, און ווי אזוי עס שטעהן זייערע אלע בעוועגונגען און לעבענס-פונקציאנען אונטער דער לייטונג פון זייער ערשטע אורזאכע [ד. ה. די נשמה], וועלכע בעווירקט און בעוועגט זיי אלע,— וואס אפילו דארין זענען מיר אויך

אין ספק אויב עס וועט זיי געלינגען, — אָבער מיר — און זיי אויך — זענען זיכער דאָס זיי וועלען קיינמאָל ניט קענען דערגעהן דעם שכל פון דער ווירקונג פון זייער ערשטע אורזאַכע: די נשמה, וואָס זי איז זייער צענטרום און הויפּט בעוועגער, און אַלע זייערע לעבענס־פונקציאָנען שטאַמען אָב פון איהר.

איך ווייס אַפילו זיכער, דאָס פילע פון זיי וועלען זיך פּרובען מיר אָבצולייקענען, און זאָגען דאָס זיי האָבען אַ שטאַרקען — און פילייכט גאָר אַ זיכערען — האָפנונג, דאָס מיט דער צייט וועט זיך דאָס אַלעס דערגעהן, אָבער עס איז פאַרהאַן אַ בעוואוסטער שפּריכוואָרט: פון רעדען ביז טהון איז זעהר ווייט.

און איך וועל אייך געבען אַ ריכטיגען בעווייז אויף די לייכטזיניגקייט, פאַלשקייט און ווידער־שפּרעכונג פון זייערע רייד, דאָס ווען זיי רעדען פון דער פּערציַטיגער אַלכעמיע־וויסענשאַפט, וואָס בעשטעהט אין פערוואַנדלען ביליגע מעטאַלען אין גאָלד און זילבער, לאַכען זיי דערפון מיט'ן פולען מויל, און זאָגען אַז דאָס איז אַ נאַטור־אונמעגליכע זאַך, צוליעב דעם וואָס אַלע עלעמענטען (איינינע און אַכטציג) זענען זעהר ווייט אונטערשיעדען איינע פון די אַנדערע אין כאַראַקטער און נאַטור, דאָס עס קען אויף קיין פאַל ניט זיין דאָס זיי זאָלען קענען פערוואַנדעלט ווערען איינע אין די אַנדערע; אָבער ווען זיי נעהמען פלאַפּלען וועגען דער אָבשטאַמונג, אָרדנונג און צונויפזעצונג פון די ערד עלעמענטען (ד. ה. געאָלאָגיע), פלוידערען זיי אויס אַ גאַנצע בויך פאַנטאַזיע, אַז די ערד מיט אַלע עלעמענטען וועלכע געפינען זיך אין איהר זענען ענטשטאַנען פון אַ ברענענדיגען פייערדיגען באַל, וועלכער איז ענטשטאַנען פון קאָסמישע וואָלקענס (אַ זעהר שוואַכער און שיטערער נעבעל) וואָס האָט זיך אָבגעקיהלט זעהר לאַנגזאַם אין פערלויף פון מיליאָנען יאָהרען, און דורך די פערשידענאַרטיגקייט פון זיין אָבקיהלען זיך זענען עס ענטשטאַנען די פערשידענע עלעמענטען און זאַכען פון וואָס די ערד איז צוזאַמענגעזעצט; טאָ אויב אַזוי, קען דאָך זיין אַז יעצט זאָל זיך אויך פערוואַנדלען איין עלעמענט אין אַנ'אַנדערען, ווייבאַלד אַז זיי זענען אַלע צוזאַמען ענטשטאַנען פון איין פייערדיגען באַל? אַי וואָס וועלען זיי זאָגען: אַז אין די קאָסמישע וואָלקענס אַליין זענען שוין אויך געוועזען די עלעמענטען פערשיעדען אין כאַראַקטער איינער פון צווייטען? איז דאָך די פראַגע: אויב אַזוי, טאָ וואָס האָבען זיי אויפגעטהאָן מיט די גאַנצע פלוידערייַ זייערע? ווארום דער גאַנצער צוועק פון זייער אויפדרעהעניש איז דאָך גאָר אַרויס צובריינגען: דאָס די וועלט איז ניט בעשאַפען פון קיין קלוגען מייסטער, נאָר זי איז געוואָרען פון זיך אַליין, וואָס צו דיעזען צוועק ברויכען זיי צו האָבען: דאָס דער מאַטעריאַל פון וועלכען זי האָט זיך אויסגעבילדעט איז געוועזען וואָס מעהר איינפאַך און וואָס מעהר עדעל (ד. ה. כמעט ווי גאָר נישט); און ענדליך וועלען מיר זיי פרעגען: פון וואַנען האָבען זיך גענומען די קאָסמישע וואָלקענס, זאָלען זיי שוין האָבען געוועזען ווי זיי וועט געפעלען ווערען צו זאָגען, יע פונאַנדערגעטיילט אויף עלעמענטען, אָדער ניט פונאַנדער געטיילט? און געוויס וועלען זיי אונז ענטפערען, דאָס זיי האָבען זיך ענטוויקעלט. אָבער פון וואָס? פון זיך אַליין, וועלען זיי ענטפערען. אַך! ווי לייכט די ווערטער רעדען זיך אויס, אָבער ווי אונפערשטענדליך און אונגלויבליך איז עס די מעגליכקייט פון זייער פערווירקליכונג.

אַך! ווי וואונדערבאַר איז דאָס לעבען פון די לעבעדיגע וועזענס! און וואָס טיעפער און גענויער מיר וועלען עס בעטראַכטען, וועלען מיר אַלץ מעהר דערגעהן, אַז אונזער חכמה איז גאָרנישט, און אונזער פערנונפט האָט קיין ווערט ניט, ווען מיר

ווילען זיך קליגען צו פערשטעהן די סודות פון דעם עווינענם קונסט טהאַטען *).

---

*) די קאָלאָסאַלע און גראַנדיעזע הימעלס קערפּער, און די גרויסע בערג און ימים, וועלכע ערוועקען אין אונז ערשטוינונג מיט זייער גרויסקייט און ווילדע פורכטבאַרע שענהייט, גיבען אונז דעם בעסטען בעגריף פון דעם עווינענס גרויסע און אונענדליכע בעשעפערישע קראַפט און קונסט; אָבער אַלס איבערצייגענדע בעווייזע זענען זיי ניט גענוג שטאַרק, ווי ווייטער. און דעריבער זעהען מיר: דאָס הגם דוד המלך האָט אין ברכי נפשי אַלס פּאָעט בעזונגען איבערהויפּט די גרויסע און וואונדערבאַרע זאַכען פון דער בעשעפונג, האָט ער דאָצו אויך אונטער געשטריכען די צוועקמעסיגקייט, אָרדנונג און האַרמאָניע וואָס עס געפינען זיך אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע לערנען אונז דאָס זיי זענען איינגעאָרדענט צו אַבעשטימטען צוועק און ממילא איז דאָס אַבעוויז דאָס אַבעשעפער אַקלוגער און אַקינסטלער האָט די וועלט בעשאַפען, ווי ער זאָגט: ווי פיעל זענען דיינע טהאַטען עווינער! דו האָסט זיי אַלע בעשאַפען מיט קלוגשאַפט; און זיין זון דער געטליכער חכם שלמה המלך האָט זיך איבער הויפּט אָפּגעשטעלט אויף דעם, ווי ער זאָגט (משלי ג): דער עוויגער האָט מיט חכמה בעשאַפען די ערד, און די הימעל האָט ער איינגעאָרדענט מיט פערשטאַנד.

אָבער דעם בעסטען בעוויז אויף דער וועלט'ס בעשאַפונג פונ'ם עווינענם האַנד געפינען מיר אין דעם פילאָזאָפישען ספר איוב (יט): „ומבשרי אחזה אלוה" ד. ה. פון מיין איינענעם קערפּערבוי זעה איך די געטליכע בעשעפערישע „קראַפט", וואָרום די קאָנסטרוקציאָן פון די אָרגאַנישע (וואַקסענדיגע און לעבעדיגע) בעשעפענישען בכלל (אין אַלגעמיין) און פון דעם מענשען בפרט צייכענט זיך אוים מיט אַוואונדערבאַרע חכמה און ערשטוינענדע קינסטליכקייט, און וואָס מעהר די קענטניסע ענטוויקלען זיך און פאַרברייטערען זיך ווייזט זיך דאָס אַלץ אַרוים מעהר וואונדערבאַר און ערשטוינענד, דאָס עס לאָזט ניט איבער קיין שום וועג פאַר דעם שכל און די האַרץ צו ערלויבען זיך אפילו דעם צוטרעט פון דעם שוואַכסטען צווייפעל אין דעם: וואָס דאָס איז אַלץ בעשאַפען און אוים געאַרבייט געוואָרען פון אַבעשעפער, וואָס זיין חכמה און קינסטליכקייט זענען אונבעגרייפבאַר, און עס איז צו זיי גאָר קיין ענדע ניטאָ. און טראָץ דעם, ערלויבען זיך די כופרים צו פלאַפלען מיט די צינגער די אַפּליקענונג אין דעם, ווען זייערע אייגענע שכל און האַרץ הויבען ניט אָן צו גלויבען אין וואָס זייער צונג פלאַפּעלט.

די הויפּט אָבוועגדונג (תשובה) זייערע בעשטייט אין דעם: דאָס לויט די רעליגיעזע אננאַהמע (הנחה) פון אַבעשעפער אַקינסטלער, בלייבט דאָך אויך אַ אונפערשטענדליכקייט. בעטליך: פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? האָבען זיי דעריבער דאָס רעכט אוים צו בייטען דיעזע אונפערשטענדליכקייט אויף די אונפערשטענדליכקייט פון אַזאַ קינסטליכע בעשעפונג אָהן אַבעשעפער.

אָבער דיעזע טענה האָט געקענט האָבען עפּעס אַווערט, ווען מיר וואָלטען אויף די עקזיסטענץ פון אַ בעשעפער מעהר ניט געהאַט וויא די געוועהנליכע ראיה: דאָס ווען ניט דער בעשעפער פון וואַנען וואָלט זיך גענומען די וועלט? אָבער ניט ווען מיר בעווייזען עס פון דער וואונדערבאַרער חכמה, ערשטוינענדער קינסטליכקייט, מוסטערהאַפטע אָרדנונג און פאָלקאָמענע צוועקמעסיגקייט, וועלכע מיר זעהען אין דער קאָנסטרוקציאָן פון דער גאַנצער בעשעפונג, אין וואָס עס צייגט זיך דייטליך אַרוים די האַנד פון אַבעשעפער אַחכם און אַקינסטלער.

איך האָב דאַרויף געגעבען אַמשל: אַפּערטהיידיגער פון אַמערדער האָט זיך גערעדעט

אָט האָבּען מיר שוין דערגאַנגען, אַז די צירקולאַציע פון די בּלוט (ד. ה. וואָס זי פליסט אין קערפּער אַרום און אַרום) בּרייִנגט דורך זייַן בּעוועגונג, וואָס עס מאַכט איהם צום בּרענען לאַנגזאַם, וואַרעמקייַט, וואָס דאָס איז דעם קערפּערס נאַטירליכער לעבּען, און ממילא איז עס אויך דער בּעוועגער פון דעם לונגענס פלאַטערען, און איהר ציהען אין זיך דעם אָטעמס לופט; און איהר ציהען אין זיך די לופט בּעוועגט אויך פון זייַנער זייַט די צירקולאַציע און דאָס לאַנגזאַמער בּרענען פון די בּלוט וואָס קען אָהן דעם ניט עקסיסטירען, ווי בּעוואוסט; און די בּיידע זאַכען זענען בּעוועגט דורך די ווירקונג פון די נערווען, וועלכע וועקען זיי צו טהון זייער אַרבּייט, און ערפילען זייער אויפגאַבּע; אָבּער פון וואַנען בּעקומען עס די נערווען אַליין זייער קראַפט און פיהלונגס־פעהיגקייַט? נאַטירליך בּעקומען זיי עס פון די בּלוט צירקולאַציע און דעם לונגענס לופט אָטעמען, וואָס דערפון ענטשטעהט די וואַרעמקייַט און דאָס לעבּען אין קערפּער.

אַלזאָ, האָבּען מיר פאַר אונז דריי זאַכען וואָס יעדע פון זיי ווירקט אויף די

צו די ריכטער מיט צוא מין רעדע: מייַנע הערען! דאָס איז דאָך בּעשטימט אָהן קיין צווייפעל: דאָס מען קען ניט פעראַנטוואָרטליך מאַכען איינעם אַלס מערדער, סיידען עס זאָל ווערען בּעשטימט אויף ריכטיג, דאָס ער האָט ערמאָרדעט אַלעבּעדיגען מענשען; דאָ זענען אַפילו פאַראַן עדות וואָס בּעשטעטיגען אַז ער האָט עס טאַקי געטאָן, אָבּער בּעטראַכט נאָר: וויפיעל אונפער־שטענדליכקייַטען געפינען זיך אין דעם, וואָרום לויט ווי מיר ווייסען, איז דאָך דאָס לעבּען אין אַלגעמיין (ד. ה. ווי אַזוי אַלעבּעדיגע זאַך לעבּט) און אַלע זייַנע פיזיאָלאָגישע און פסיכאָלאָגישע פונקציאָנען, די גרעסטע רעטענישען אין דער וועלט, ממילא איז דאָ פאַראַן די ערשטע אונפערשטענדליכקייַט: ווי אַזוי האָט דער ערמאָרדעטער פריהער געלעבּט? די צווייטע: ווי אַזוי האָט דער מערדער געקענט בּעוועגען די האַנד אום צו ערמאָרדען איהם? די דריטע: ווי אַזוי האָבּען דאָס די עדות געזעהן? די פירטע: ווי אַזוי האָבּען זיי עס פערשטאַנען? די פינפטע: ווי אַזוי האָבּען זיי עס ערצעהלט? די זעקסטע: ווי אַזוי האָט איהר עס דערהערט? און אויך ווי אַזוי האָט איהר עס פערשטאַנען? און ווי אַזוי האָט איהר עס בּעאורטהיילט? און נאָך, און ממילא האָט איהר ניט קיין רעכט צו פעראורטהיילען איהם.

די ריכטער האָבּען געענטפערט איהם אַזוי: די רעטענישען און אונפערשטענדליכקייַטען וואָס מען קען ניט פערענטפערען מוזען מיר אָבּשטעלען אָן אַזייַט, און מיר מוזען זיך רעכענען מיט די בּלויזע פאַקטען ווי זיי זענען, ווי בּאַלד נאָר זיי זענען בּיי אונז בּעשטימט, הגם זייער אורזאַכע איז אונז ניט ערקלערט; און אַזוי ווי דאָס איז בּיי אונז אַבּעשטימטער פאַקט: דאָס דער מערדער האָט ערמאָרדעט אַלעבּעדיגען מענשען, בּרויכען מיר צו פעראורטהיילען איהם אַלס אַזעלכען.

דאָס זעלבּע ענטפערען מיר אויך דיזע לייַטע: דאָס מיר זוכען גאָר ניט צו פערענטפערען די רעטענישען און אונפערשטענדליכקייַטען פון דער וועלט, וואָרום אונזער שכל איז געווים צו שוואַך פאַר דעם,—און איבּערהויפט די רעטעניש פון דעם בּעשעפער, וועלכערס גרויס וואונדערבּאַרקייַט ערלויבּט אונז ניט אַפילו צו טרוימען וועגען איהר ערפאָרשונג, און עס בּלייַבּט אונז מעהר ניט איבּער: צו שטעהן מיט אָפענע מייַלער און בּעוואונדערען איהר,—פאַר אונז איז מעהר ניטאָ וואָס צו טאָן, ווי צונויף צו זאַמלען די בּעשטימטע פאַקטען און רעכענען זיך מיט זיי, און דער פאַקט אַז עס איז פאַראַן אַבּעשעפער ווערט אַרויס געזעהן דייַטליך פון דער בּעשעפונג זעלבּסט.

אַנדערע און ווערט אויך צו גלײַכער צײַט בעווירקט פון זיי, און ממילא קען דאָך קיינער פון זיי ניט אָנפאַנגען זײַן ווירקונג אַליין אָהן די אַנדערע, ווײַל ער קען דאָך ניט זײַן קיין ווידקער אָהן ער זאָל זײַן בעווירקט און בעקומען זײַן קראַפט פון זיי, און ממילא מוזען אַלע אָנפאַנגען זייער אַרבייט מיט אַמאָל גלײַך, צו בעווירקען און בעווירקט ווערען צוזאַמען; און אָט דאָ בלײַבען מיר שטעהן פאַר דער פּראָבלעמע (רעטעניש): אין וועלכען אופן קומט עס פאַר דער אויפטהו אין דיזע וואונדערבאַרער מאַשין, דאָס אַלע איהרע קרעפטען זאָלען אָנפאַנגען צו אַרבייטען מיט אַמאָל? און וואו קען זיך עס געפינען דער בעשטימטער פונקט אין דער מאַשין, וואָס פון דאָרטען זאָלען מיר אויך קענען ווירקען אויף זיי, אויף צו וועקען זיי אַז זיי זאָלען זיך נעהמען פלײַסיג צו זייער אַרבייט? אָבער אויף אייביג וועלען מיר ניט פערשטעהן דעם אויפטהו, און ניט אויסגעפינען דעם פונקט, ווארום די אָנפאַנגס-בעוועגונג פון דער לעבענס מאַשין געפינט זיך ניט אין דער ספערע פון דער נאַטורס געוועלטיגונג, נאָר זי געהערט צו די סודות פון דעם וואָס האָט בעשאַפען די וועלט וואונדערבאַר, און מיט די זעלבע וואונדערליכקייט האָט ער אַרײַנגעגעבען לעבענס פעהיגקייט אין זײַנע בעשעפענישען.

אָט ליגט פאַר אונז אַ גאַנצער קערפער פון אַ לעבעדיגען וועזען, וואָס איז נאָר צײַט אייניגע מינוטען צוריק דערשטיקט אָדער דערטרונקען געוואָרען, און נאָר אָקאָרשט האָט זיך אָבגעשטעלט די טהעטיגקייט פון זײַן בלוט צירקולאַציע, לונגענס אַטעמען און נערווענס פיהלונג. זאָל ווער עס איז קומען און בעווירקען די אַלע, אַז זיי זאָלען אָנפאַנגען זייער אַרבייט פון דאָס נײַ, אָבער ער וועט ניט וויסען פון וואַנען זאָל ער אָנפאַנגען צו ווירקען, ווארום פון וועלכען פונקט ער וועט וועלען אָנפאַנגען וועט איהם ניט געלינגען, צוליעב דעם וואָס ער איז ניט דער מאַשיניסט פון דיזער וואונדערפאָלער מאַשין, און דאַריבער וועט זי איהם ניט געהאָרכען.

און ווי העל ליכטיג שײַנט דאָס די חכמה פון דעם געטליכען דרשן, רבי אֶלעזר בן זמרא (ב"ר פל"ט) וואָס זאָגט, אם מתכנסים כל באי עולם לברוא אפילו יתוש אחד אינם יכולים לזרוק בו נשמה ווען אַלע מענשען פון דער וועלט וועלען זיך צונויף זאַמלען אום צו בעשאַפען אַפילו איין פליעג קענען זיי אין איהר ניט אַרײַנגעבען קיין נשמה, ד. ה. לעבענסקראַפט. דאַמיט גיעט ער אונז אַן'אַנדער בילד צו דעם געדאַנקען וואָס מיר האָבען דאָ בעשריבען; און מיר ברויכען צו מאַכען אייך אויפמערקזאַם צו בעאָבאַכטען זײַנע רייד, דאָס עס געפינט זיך ניט אין זיי אַז ער לייקענט אָב דאָס בעשאַפען זעלבסט פונ'ם פליעג דורכ'ן מענשען, ווארום פיעללייכט וועלען טאַקי די געלעהרטע דערגעהן, ווען עס איז, אויף ריכטיג, דעם שכל פון דעם בוי פון די לעבעדיגע אָרגאַנען, און די חעמישע שטאָפען און מיטלען וועלכע זענען נויטיג דאַצו, און דאַדורך וועלען זיי קענען בעשאַפען אַ גאַנצע פליעג מיט אַלע איהרע טהיילען, גליעדער און נערווען, וועלכע ליעגען גרייט און וואַרטען אויף אַן'אָנפאַנגס-בעוועגונגס געבענדע קראַפט, אָדער אַנדערש געזאָגט: אויף אַן'אָנפאַנגס-שטויס, וואָס זאָל זיי געבען אַ שטויס אָנצופאַנגען צו קורסירען אין זייער וועג, ד. ה. אַרויסצורופען אין זיי לעבען אום זיי זאָלען אָנפאַנגען צו ערפילען זייערע פונקציאָנען; און דער געטליכער דרשן ווענדעט זיך צו די אַלע וואָס האַלטען זיך פאַר חכמים, און רופט צו זיי אויס אַזאָניש: געפינט זיך ניט אונטער אייך אַזעלכער וואָס זאָל זיך וועלען בעמיהען צו געבען נאָר אַ שוואַכען שטויס פאָרווערטס דער לעבענס פעהיגקייט פון דער קליינער פליעגעלע, און דאַדורך זאָלען זיך אָנפאַנגען די צירקולאַציע פון איהר בלוט, דאָס אַטעמען

פון איהרע לונגען, און דאס פיהלען פון איהרע נערוועןִ?! אבער זיי שטעהען אלע ווי פון שטיין אויסגעהאקטע געטצען! זיי קענען ניט אויפטהון אט דיעזע קליינע זאך! זיי קענען ניט אריינגעבען אין דער פליגעלע קיין נשמה!

און אום צו געבען אייך א פילאזאפישע ערקלערונג פון דעם ווארט נשמה, און ווארום עס ווערט אנגערופען די ערשטע אורזאכע וואס גיעט לעבען דעם גאנצען קערפער מיט דיעזען נאמען, ברויך איך אייך פריהער צו ערצעהלען א מעשה, וועלכע די קלוגע מענשען פון אונזער געבורטס לאנד זענען געוועהנט צו ערצעהלען: אמאל האט זיך איינער געוואלט אויסלערנען זעהר א קינסטליכע פראפעסיע, און דאריבער האט ער געבעטען איינעם וועלכער איז געוועזען א גרויסער קינסטלער אין דיעזער פראפעסיע, דאס ער זאל זי איהם אויסלערנען, און יענער האט פון איהם געפאדערט ער זאל זיין ביי איהם דריי יאהר, צו העלפען איהם אין זיין ארבייט, און דאדורך וועט ער זי גרינדליך ערלערנען; אבער ווי נאר ער האט ביי איהם געארבייט א קורצע צייט, און האט זיך גוט בעקאנט מיט אלע איינצעלהייטען פון דער ארבייט, און האט זיך ערלערנט צו אויסארבייטען זיי פלינק און ראיעל, האט ער גערעכענט אז ער קען זי שוין פאלקאם, און דארף שוין מעהר ניט האבען דעם לעהרער, און דאריבער האט ער איינגעקויפט פאר זיך די אלע ווערקצייגע, מאטעריאלען און די איבעריגע געגענשטאנדען וועלכע מען דארף צו דיעזער ארבייט, און ער האט גע-פרובט אנפאנגען איהר צו ארבייטען אליין, אבער עס האט איהם ניט געלונגען, און דארום איז ער געגאנגען צו זיין לעהרער פרעגען די אורזאכע דערפון, אויף וואס יענער האט איהם אזוי געענטפערט: הגם דו האסט געזעהן אלעס וואס איך האב געטהאן אין דיעזער ארבייט, און האסט זי גוט ערלערנט, און האסט אויך אבגעהיט צו ארבייטען זי זעהר פינקטליך, אבער דו ברויכסט צו וויסען, דאס צו דער פאלקאמענער אויס-ארבייטונג פון דיעזער ארבייט איז נויטיג נאך א זאך, וועלכע דו האסט ניט געזעהן און האסט ניט בעמערקט ווען איך האב זי געטהאן, און דאס איז: א קליינעם בלאז אויף די ארבייט אין אן אונגעוועהנליכען און בעזאנדערען ארט, וועלכען דו קענסט פון זיך אליין אויף קיינפאל ניט ערפאהרען ווי צו טהון ריכטיג, און אהן איהר וועט דיין גאנצע ארבייט ניט העלפען, מחמת דער קליינער בלאז איז נויטיג צו דער אויסארביי-טונג פון דער ארבייט פיעל מעהר ווי די אלע שווערע ארבייטס-איינצעלהייטען, וועלכע דו האסט גוט ערלערנט צו ארבייטען.

אט דאס איז די כונה פון דער תורה'ס רייד: ויפח באפיו נשמת חיים, ויהי האדם לנפש חיה, און דער עוויגער האט אריינגעבלאזען אין דעם מענשענס נאזלעכער א לעבענס נשמה, און דאדורך איז דער מענש געווארען א לעבעדיגעס וועזען, דאס מיינט זי אונז דאמיט אנצומערקען, דאס הגם עס קען זיין דאס אין וועלכע צייט עס איז וועלען מיר פערשטעהן דעם גאנצען שכל פון מענשענס לעבען מיט אלע זיינע פונקציאנען און אייגענשאפטען, לויט די נאטור, און עס וועט אונז אויך געלינגען צוזאמענצוזעצען א גאנצען קערפער מיט אלע איינצעלהייטען, ריכטיג גלייך ווי דעם מענשענס, זאל זיך אונז פונדעסטוועגען ניט אבדוכטען, דאס עס וועט אונז אויך געלינגען אריינצוגעבען דארין לעבען; ווארום די ערשטע אורזאכע וואס מאכט אנפאנגען דעם לעבען קען ענטשטעהען נאר דורכ-דעם עוויגען, וועלכער האט אריינגעבלאזען אין די נאזלעכער פון מענשען, וואס ער האט בעשאפען, א נשמת חיים, וואס די ווערטערליכע איבערזעצונג דערפון איז: לעבענס אטעם אדער לעבענס בלאז, און דאס איז א מליצה'דיגער אויסדריק אויפ'ן ערשטען שטוים, אדער

אנדערש געזאגט: די אנפאנגס־בעוועגונג, וועלכע פעראורזאכט די לעבענס פעהיגקייט, דיען נאר דורך איהר קען דער מענש ווערען א לעבעדיגעס וועזען; ווארום הגם דאס איז א קליינע זאך וועלכע מיר קענען ניט זעהן מיט די אויגען, און אויך ניט פיהלען מיט די איבעריגע געפיהלען, און זאגאר אונזער שכל קען אונז אויך ניט ערקלערען מיט וואס איז דאס איהר קראפט אזוי גרויס, אבער טהאטזעכליך איז זי דער עיקר אין דאס בעשאפען פונ'ם מענשען, און אהן איהר האט די גאנצע ארבייט פון צונויפזעצען איהם ריכטיג און אלע זיינע טיילען און איינצעלהייטען צוגעפאסט איינעם צום אנדערען, ווי שווער זי איז, קיין ווערט ניט, ווארום ווי פערפאלקאמט זאלען זיין אלע זיינע גליעדער און טיילען, ליגט ער פאר אונז לעבלאז ווי א שטיין. און וואס פעהלט צו ברייננגען איהם אין לעבענס פעהיגען צושטאנד? נאר איין קליינעם בלאז, וועלכען עס קען קיין מענש אין דער וועלט, און אויך אלע מענשען פון דער וועלט צוזאמען, טהון און אויך פערשטעהן, אויסער דעם עוויגען, וואס האט אריינגעבלאזען א לעבענס אטעם אין זיין ניי בעשאפענעם מענשענס נאזלעכער [דער אויסדריק „נאזלעכער" איז א מליצה'דיגער, און איז צוגעפאסט צום מליצה'דיגען אויסדריק „אריינבלאזען", ווייל די נאזלעכער זענען אפען צום מוח, דארום קען דורך זיי ווירקען דאס אריינבלאזען פונ'ם לעבענס אטעם].

די צווייטע אורזאכע צו דער אבלייקענונג פון די אפיקורסים אין דער תורה און רעליגיאן, איז לויט זייערע רייד: דאס וואס זיי האבען זיך איבערצייגט אין דער לעצטער צייט, אז די אמאליגע פילאזאפען האבען געהאט א טעות אין דעם וואס זיי האבען אבגעשטימט, אז עס איז פארהאן א גרינדליכער אונטערשיעד צווישען דעם מענשען און די בהמה, נעמליך אין דעם הינזיכט: דאס די בהמה האט נישט קיין פונק פון קיין שכל, נאר נאטירליכע געפיהלען און נויגונגען (אינסטינקטען), און דאס איז פאלש, ווארום זי טהוט אויך איהרע טהאטען לויט א פריהער בעקלערטען פלאן, וואס עס קען ניט אבשטאמען פון בלויז א נאטירליכען געפיהל; און הגם דער בהמה'ס שכל גרייכט ניט צום מענשענס, ניט אין כמות (קוואנטיטעט) און ניט אין איכות (קוואליטעט), איז דאס מעהר ניט ווייל עס פעהלט איהם נאך ענטוויקלונג און פערפאלקאמענהייט, אבער אין גרונד זענען זיי ביידע פון איין נאטור, און ממילא איז צו גלויבען אז זייער אבשטאמונג איז איינע און די זעלבע; און פון דעם האבען זיי גענומען צו זאגען: דאס אלע פערשידענע לעבעדיגע בעשעפענישען, צוזאמען מיט דעם מענשען, שטאמען פון איין אבשטאמונג; און דורכדעם זענען זיי אויך געקומען צו אבלייקענונג אין השארת הנפש (די אונשטערבליכקייט פון מענשענס זעלע), זאגענדיג: אז וויבאלד מען קען ניט אננעהמען אז די זעלען פון די בהמות און חיות זענען אונשטערבליך, אזוי קען מען אויך דאס זעלבע ניט אננעהמען אין וואס עס אנבעלאנגט דעם מענשענס זעלע, וויבאלד אז זיי זענען ביידע גלייך (ווארום די זעלע און דער שכל זענען איינס און דאס זעלבע ווי בעוואוסט).

אבער דא האבען זיי אויך געהאנדעלט ווי זייער שטייגער איז: צו געהן אין דער וועג פון זייער רבי'ן און לעהרער, דער נחש הקדמוני: צוצוגעבען כדי אראבצונעהמען, ווארום באמת געפינט זיך ניט אין דער תורה און אין די רייד פון אונזערע חכמים, אז זיי זאלען אבלייקענען די מעגליכקייט פון דאס געפינען זיך שכל אין דעם מוח פון די לעבעדיגע וועזענס אויסער דעם מענשען; און אדרבה: פון די ערצעהלונגען אין דער תורה פון דעם נחש הקדמוני, ווי ער האט אנגערעדט חוה'ן צו

עסען פון דעם עץ הדעת, און איז דאפיר בעשטראפט געווארען, און פון די רייד פון אונזערע חכמים וועגען איהם, זעהען מיר פערקעהרט, אז עס איז יע רעכט אז א לעבעדיגע וועזען אויסער דעם מענשען האט אויך שכל, און איך וועל אייך ערקלערען דיעזע זאך גענוי און גרינדליך.

געווים האט א בהמה אויך שכל, אבער עס איז פארהאן א גרינדליכער אונטערשיעד צווישען דעם שכל פון דעם מענשען און דעם שכל פון דער בהמה, ווארום דאס קען ניט אבלייקענען קיין פערשטענדליכער מענש, דאס הגם די בהמה טהוט אמאל איהרע טהאטען מיט וואונדערבארע קלוגהייט און אויסנאהמינע איינפעלע, וואס אפילו דער מענש איז ניט שטענדיג פעהיג אזעלכעס צו טהון, פונדעסטוועגען קען די ווירקונג פון איהר שכל פאר קיין פאל זיך ניט פערשפרייטען אויסער די גרענצען פון איהר איגענעם ענגען קרייז, ד. ה. וואס עס איז נויטיג צו איהר לעבען, עקסיסטענץ, און אבהיטונג, אין וועלכע ער איז איינגעצאמט און איינגעשלאסען; ווארום פאר קיינפאל וועט זיך ניט געפינען אז ער זאל זיך אינטערעסירען מיט זאכען וועלכע געהען איהר דירעקט ניט אן, און מכל שכן דאס עס קען ניט זיין אז עס זאל זיך געפינען א בהמה וואס זאל זיין פעהיג צו דענקען וועגען גאטהייט, אדער וועגען וועלכע אנדערע טהעארעטישע אדער פראקטישע וויסענשאפטען, ניט נאר צוליעב דעם אליין וואס זיי זענען צו הויך פאר איהר שכל, זאנדערען אויך ווייל זי ברויכט זיי ניט.

דאס איז אפילו יע אמת, דאס אמאל ווייזט זיך ארויס ווי א פונק פון רחמנות אין וועלכע עס איז פון די בעשעפעניסען, וואס בעשטעהט אין דעם: וואס איינע ערבארעמט זיך אויף די צווייטע; אבער דאס קען מעהר ניט פארקומען סיידען ווען זי בעגעגענט איהר צופעליג און זעהט איהר אונגליקליכע לאגע, דאס דאן ערוועקט זיך אין איהר א נאטירליכער געפיהל (אינסטינקט) צו העלפען איהר, און דאס איז אויך נאר מעגליך ביי בעשעפעניסע פון דעם זעלבען מין, אבער ניט ביי קיין פרעמדע, וואס דאדורך בעקומט עס דעם כאראקטער פון איגענוץ און זעלבסט אבהיטונג, ד. ה. זי העלפט יענע אום יענע זאל איהר אמאל אויך העלפען אין א נויט, אבער עס געפינט זיך ניט פאר קיינפאל אונטער די בעשעפעניסען אזעלכע, וואס די גוטסקייט און עדעלקייט פון איהר הארץ זאלען איהר בעוועגען איבערצוגעבען זיך צו וואהלטעטיגקייט, נעמליך אויסצוזוכען די שוואכע און עלענדע אום צו העלפען זיי, און צו זוכען מיט'ן שכל מיטלען ווי צו פערווירקליכען דיעזע איהרע גוטע און עדעלע הערצענס ווינשע, ווייל דער שכל פון דער בהמה איז בעגרענצט און ענג איינגעשלאסען אין דאס וואס עס אנבעלאנגט נאר איהר אליין.

אבער איז מענשליכען שכל זעהען מיר א וואונדערבארע ערשיינונג, נעמליך: צוויי בעזונדערע שטערען זענען צונויפגעשלאסען און זעהען אוים ווי איינער, ווארום אויסער זיין קערפערליכען שכל ד. ה. וועלכער ווייזט זיין ווירקונג אין וואס עס אנבעלאנגט קערפערליכע אינטערעסען, וועלכער איז פון דער זעלבער אבשטאמונג פון דער בהמה'ס שכל, הגם ער איז מעהר ענטוויקעלט און פערפאלקאמט, צוליעב דעם וואס דעם מענשענס קערפער איז אויך מעהר ענטוויקעלט און פערפאלקאמט, און זיין עקסיסטענץ ברויכט אויך צו האבען א פעהיגערע אויפפאסונג און א בעסערע און אויפמערקזאמערע אבהיטונג — האט ער נאך אן אנדער שכל, וועלכער איז אין נאטור און כאראקטער גענצליך אונטערשיעדען פון דיעזען, ווארום וועהרענד דער ערשטער דיענט פאר די אינטערעסען פון דעם קערפער, אינטערעסירט זיך דער

צווייטער מיט זיי גארניט, דען זיין אויפגאבע איז צו פארשייען און זוכען אום צו דערגעהן און פערשטעהן: וואס איז אויבען און וואס איז אונטען? צו איז פאראן א גאט? און ווי פערהאלט זיך גאט צו איהם? און וואס פאדערט ער פון איהם? און וואס איז עס אזעלכעס די וועלט וועלכע ער בעוואהנט, מיט אלעס וואס עס געפינט זיך אויף איהר און אין איהר? און ווער זענען זיי עס די גראנדיעזע און קאלאסאלע הימעל'ס קערפער וואס זעהען איהם אויס פון וויטען ווי קליינע פינטעלעך? און זא ווייטער, און אויך זוכט ער מיטלען ווי צו פערווירקליכען זיינע ערעלע שטרעבונגען צו העלפען די פערפאלגטע און אונטערדריקטע *); און אויסער דעם וואס דאס אלעס ברייננגט דעם קערפער קיינע נוצען ניט, פעראורזאכט עס איהם פיעל שאדען, ווי שלמה המלך זאגט: וואס מעהר דער מענש ערווערבט וויסענשאפט פערשאפט ער זיך אלץ מעהר וועהטאג.

די טהאטען פון דעם שכל, זיינע געדאנקען, זיינע געפיהלען און זיין לוסט צו הויכעס און ערהאבענעס, צייגען אויף איהם דאס ער איז א פרעמדער אויף דער ערד, און אויף זיין אבשטאמונג — אז ער איז א ברודער צו די ערהאבענע אבסטראקטע שכל'ען (שכלים נאצלים) וועלכע געפינען זיך אין הימעל, און ער איז אזוי הויך און ערהאבען, דאס עס קען גארניט פאסען צווישען איהם און די בעשעפענישען פון דער וועלט, אין וועלכע ער געפינט זיך, קיין פערגלייכונג אין וועלכע פארם עס איז; און אזוי ווי א קעניגליכער פרינץ וועלכער איז געווארען געפאנגען און פערקויפט פאר א קנעכט, צו ארבייטען שווערע ארבייט צוזאמען מיט געבארענע קנעכט, דאס הגם זיין געשטאלט איז פערפינסטערט, און ער איז אנגעצויגען אין צוריסענע שמוציגע קליידער, פונדעסטוועגען צייגען זיין בענעהמונג, רעדען און דאסגלייכען אויף זיין הויכע אבשטאמונג און ערהאבענע ערציהונג. און אין דעמזעלבען אויגענבליק וואס מיר

*) נאכדעם ווי איך האב דאס געשריבען האב איך געפונען, דאס אויך דארווין אין זיין בוך „די אבשטאמונג פון מענשען" האט אנערקענט דיעזען גרינדליכען אונטערשיעד: אין בעטרעף פון צדקה און ערבארעמקייט, צווישען דעם מענשען און די איבעריגע לעבעדיגע בעשעפעניסע. און איך ברויך צו מאכען אייך אויף נאך עפעס אויפמערקזאם, נעמליך דאס ער גלויבט אין די עקסיסטענץ פון גאט און דאס ער איז די ערשטע אורזאכע פון דער גאנצער בעשאפונג, ווי עס איז פול אין אלע זיינע ביכער, אבגלייך ער לייקענט אין דאס דירעקטע בעשאפונג פונ'ם מענשליכען געשלעכט. און דיעזע גראבע און טעמפע מוחות וואס העננגען זיך אן איהם, וועלכע בילען און פלאפלען און פערשטעהען אליין ניט וואס זייער מויל רעדט, לייקענען אב אין אלעס, כדי זיי זאלען קענען ערפילען זייערע ניעדעריגע תאות, אהן קיין אבהאלטונג.

און דא זעהען מיר נאך אמאל (זעה ערשטע אנמערקונג), ווי פון צוויי עקסטרעמע ענטגעגענגעזעצטע סיסטעמען זענען די אפיקורסים געקומען צו איין און דעמזעלבען בעשלוס, נעמליך אז גאט האט די וועלט ניט בעשאפען; אריסטאטעלעס האט געזאגט אז גאט אליין האט איהר אויך ניט געקאנט בעשאפען פון גארניט, און דעריבער האט ער ערפונדען די סיסטעם פון קדמות (פריהערדיגקייט), ד. ה. אז די וועלט עקסיסטירט פון אייביג אן גלייך מיט גאט, פון וועמען זי איז די פאלגע ווי דער שאטען פון דער ליכטיגקייט, און די אפיקורסים פון אונזער צייט האבען ערפונדען פערקעהרט, דאס די וועלט האט געקאנט בעשאפען ווערען פון זיך אליין גאר אהן גאט.

זעהען איהם ערקענען מיר גלייך אז ער איז דאָ א פרעמדער, און דאס מען האט איהם מיט געוואלט אָבגעריסען פון זיין עלטערענס הויז און אריינגעוואָרפען אין דער גרוב פון געפענגניס,—אזוי ערקענען מיר אויך אָן דעם גייסטליכען שכל דאס ער איז ארויסגענומען געוואָרען פון זיין פאטערס הויז, דאס איז פון די העכערע וועלטען וואס דאָרטען איז געווען זיין פאסענדער אָרט, און מען האט איהם אריינגעזעצט אין דעם פינסטערען און גראָבען ליימענעם קערפער, צו וואָהנען דאָרטען אין דער קאָמפאניע פון דעם קערפערליכען דונקעלען שכל.

און דאדורך ווערט אונז פערשטענדליך די כונה פון די מקובלים, וואס האָבען געזאָגט: אז דער מענש האט דריי פערשידענע זעלען: נפש, רוח, נשמה, ווייל דער שכל וואס דינט דעם קערפער און איז מיט איהם ענג צוזאמענגעבונדען, און וואס איז אויך דער פעראורזאכער פון זיין קערפערליכער לעבענס פעהיגקייט, ווערט אָנגערופען נפש, און ער איז גלייך אין ווירקונג און כאראקטער צו דער זעלע פון דער בהמה, ווי אויבען געזאָגט.

אָבער דער ערהאבענער שכל וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט הימלישע זאכען, און ווען עס ווילט זיך זיין גלייך צו א מלאך, וועלכער ווייס וואס עס איז גוט און וואס עס איז שלעכט (זעה אָנפאנג תורה), און נאטירליך פיהלט ער גאנץ גוט, דאס דער אָרט אין וועלכען ער געפינט זיך איז ניט צוגעפאסט צום צוועק פון די פאלקאָמענע ערגרייכונג פון זיין אויפגאבע (און אויסערדעם וואס מיר האָבען איהם אויבען פערגליכען צו א געפאנגענעם פרינץ, קענען מיר אויך צוגלייכען זיין לאגע צו א איינוואָהנער פון א גליקליכע לאנד וואס איז געבענשט מיט אלעם גוטען, וואס איהרע שעהנע בערג זענען בעוואקסען מיט פערשידענע בוימען, און איהרע טהאָלען זענען בעדעקט מיט א הילע פון גרינע געוויקסען, דורך געוואָרפען מיט פערשידענע פראכטפאָל קאָלירטע און דאצו גוט ריכענדע בלומען, וואס האט גערייזט אין א שיף, און א שטורעמווינד האט איהם פערוואָרפען זעהר ווייט אויף א וויסטען אינזעל, וואס איז א הוילער פעלז, פון וועלכען ער ווייס ניט ווען וועט ער זיך קענען צוריקקעהרען צו זיין געבורטסלאנד, נאך וועלכע ער בענקט נאטירליך זעהר שטארק), ווערט אָנגערופען נשמה.

און באמת איז זעהר וואונדערבאר און אונפערשטענדליך, ווי אזוי עס זענען זיך צונויפגעקומען צוויי פערשידענע זאכען, וואס זענען ווייט איינער פון דעם אנדערען ווי הימעל פון דער ערד, אין איין אָרט, נעמליך אין דעם מענשענס מוח, און זיי ערפילען דאָרטען זייערע פערשידענארטיגע פונקציאָנען מיט אזא האַרמאָניזירענדע איינינקייט, דאס דער מענש קען גאָרניט בעמערקען אז דאס זענען צוויי בעזונדערע זאכען, און ער רעכענט זיי פאר איינעם? און דערפון זעהט מען, דאס ניט אומזיסט האָבען די מקובלים זיי צוגעגעבען א דריטען שכל, דאס איז אום ער זאל זיין דער פערמיטלער צווישען זיי, און ער זאל זיי ביידען האלטען אין צונויפשליסונג, דורך דעם וואס זיין כאראקטער איז א מיטעלער צווישען זייערע ביידענס, ד. ה. עס איז פאַרהאַן אין איהם פון דיזענס נאטור און אויך פון יענעמס, און דאס איז דער רוח.

דאס איז אויך אמת, אז אין דעם מענשענס אויגען שיינט עס זעהר ווילד און אונגלויבליך; אָבער די אורזאכע דערפון איז, דאס וואס ער איז איינגעוועהנט צו בעטראכטען די צוויי בעזונדערע טיילען פון דעם מענשען, נעמליך דעם קערפער מיט דער זעלע, אויך אלס איין זאך, צוליעב דעם וואס דורך זייער איינשטימענדע

פעראייניגונג טהוען זיי זייערע טהאטען מיט הארמאניזירענדע איינהייט, און דאריבער רעכענט ער אויך דאס איין קראפט און איין שכל ווירקען אויף אלע דעם מענשענס טהאטען, די קערפערליכע און גייסטליכע צוזאמען.

און דארום רעכענען מיר פאר ניט איבעריג אויפצווייזען די ריכטיגקייט פון אונזערע רייד, נעמליך: ווען מיר ווילען צום ביישפיעל איבערצייגען איין קינד, וועלכע האט נאך קיינמאל ניט געזעהען א פערד אהן א רייטער, דאס דער פערד מיט'ן רייטער וועלכע ער זעהט זענען ניט צוזאמען איין ווילדע בעשעפעניש, ווי עס דוכט זיך איהם אב, נאר צוויי בעזונדערע געגענשטענדע, מאכען מיר איהם אויפמערקזאם אויף דאס געפינען זיך פון א מענשען אהן א פערד, אום ער זאל דערפון זעהען, אז דער אויבערשטער טייל פון זיין פאנטאזישע ווילדע בעשעפעניש, וועלכע עס האט א פארם פון א מענשען, איז א בעזונדערע זאך, און ממילא וועט ער קענען פערשטעהן, דאס אויך דער אונטערשטער טייל פון דער בעשעפעניש, וואס האט די פארם פון א פערד, איז אויך א בעזונדערע זאך.

דיעזער ארט איבערצייגונג ווערט זעהר פיעל בענוצט ביי קלוגע מענשען, אין וואס עס אנבעטרעפט אלע ספקות וואס קומען פאר אין אויבענדערמאהנטען אופן, און הגם דאס איז ניט קיין פעסטגעשטעלטער בעוויז, ווי עס איז פערשטענדליך, אבער אזוי ווי מיר האבען שוין גענוג קענען געלערנט דעם ווערט פון די לאגישע בעווייזע, ווי ווייט זיי זענען נישט שטענדיג ריכטיג, און ווי ווייט מען קען זיך אויף זיי ניט פערלאזען, איז דאריבער ביי אונז טויזענד מאל טייערער די איבערצייגונג פון דעם גלייכען שכל, וועלכע איז יעדען פערשטענדליך, און וואס יעדער פיהלט אין הארצען איהר ריכטיגקייט, און וואס זעהר זעלטען קען פארקומען אז זי זאל ניט מיטשטימען מיט'ן אמת.

אין אונזער ענין האנדעלט זיך אויך וועגען צוויי פערשיעדענארטיגע זאכען וואס זענען צוזאמענגעזעצט, נעמליך דער קערפערליכער שכל און דער גייסטליכער שכל, און דער מענש רעכענט זיי אלס איין גאנצע זאך; און אום צו איבערצייגען איך אז זיי זענען צוויי פערשיעדענארטיגע זאכען, וועל איך אייך מאכען אויפמערקזאם, דאס איין טייל פון דיעזען צוזאמענגעזעצטען דאפעלטען שכל געפינט זיך איינער אליין אין יעדע לעבעדיגע בעשעפענים אויסער דעם מענשען, א גאנצער און פאלקאמענער שכל אין אלץ וואס עס אנבעלאנגט צו איהר אייגענעם קערפער, אבער אהנע צוגאבע פונ'ם קלענסטען פונק פון גייסטליכען שכל, אז ער זאל זיין פעהיג צו פערשטעהן וועלכע זאך עס איז וואס עס געהט ארוים אויסער איהר בעגרענצטען קרייז, און פונדעסטוועגען קען מען ניט זאגען, דאס צוליעב דעם קען ער זיך ניט רעכענען פאר פאלקאם, און גראדע פערקעהרט, דאס לויט אונזער פערשטאנד ווייזט אוים אז עס ברויכט אזוי צו זיין, ווייל זי ברויכט דאך נאר א קערפערליכען שכל וועלכער זאל קענען אויפפאסען אויף איהרע פערזענליכע אינטערעסען און ניט מעהר, און ווארום זאל דער בעשעפער בעשאפען א נוטצלאזע זאך, ד. ה. ווארום זאל איהר דער בעשעפער געבען א גייסטליכען שכל, וואס ניט גענוג וואס ער קען איהר קיינע נוצען ניט ברייגנען, וועט ער איהר נאך פעראורזאכען פיעל שאדען ווי אויבען געזאגט. און דערפון קענען מיר אבלערנען, דאס אויך דער קערפערליכער טייל שכל וואס געפינט זיך אין מענשען איז אויך א בעזונדער וועזען, וועלכער איז פאלקאם געניגענד צו אלעם וואס זיין קערפער פאדערט צו דער אויפהאלטונג פון זיין עקסיסטענץ, און ממילא ווייסען מיר

שוין, אַז אויך דער אַנדער טהייל, דאָס איז דער גייסטליכער שכל, איז אויך אַ בעזונדער זאַך ווי אויבען געזאָגט.

דער טעם (מאָטיוו) צוליעב וועלכען דער עוויגער האָט בעשאַפען דעם מענשען מיט אַ גייסטליכען שכל אויך, אַלס אַ צוגאַבע צו זיין קערפּערליכען שכל, געהערט צו דער שעפּפערישער חכמה פון עוויגען, וועלכע איז העכער פון אונזער בעגריעף, אום מיר זאָלען זיין פעהיג צו בעשטימען עס אויף ריכטיג, נאָר יעדענפאַלס זעהען מיר אַז אַזוי איז געוועזען דעם עוויגענס ווילען, צו פעראייניגען קערפּער און גייסט אין איין צוזאַמענשליסונג, זאָל עס זיין צוליעב וועלכען טעם עס איז, צו אום צו ווייזען זיין שעפּפערישע קראַפט און פעהיגקייט, אָדער אום צו ערלייטערען און ערהויבען דעם קערפּערליכען וועזען דורך זיין צוזאַמענבונד מיט דעם גייסטליכען, אָדער אום אויס צו פּרובען דעם גייסטליכען וועזען, אויב ער וועט פערבלייבען און אַרויסגעהן ריין און אונבעפלעקט פון זיין בעהעפט זיין מיט דעם שמוציגען קערפּער, נאָר יעדענפאַלס זעהען מיר, אַז דעם גייסטליכען שכל'ס אָרט אין מענשליכען קערפּער קען פאַר קיינפאַל ניט גערעכענט ווערען אַלס אַ בעקוועמער, וואָרום זייער וואָהנען צוזאַמען לאָזט ניט יעדען פון זיי ענטוויקלען פריי זיין ווירקונג אייגענאַרטיג לויט זיין כאַראַקטער, וואָרום דער קערפּער מיט זיין שכל שטעהען שטאַרק אין וועג די ווירקונג פונ'ם גייסטליכען שכל, און אויך פערקעהרט.

דער אויבענדערמאָהנטער גרינדליכער אונטערשיעד, וואָס עס איז פאַראַן צווישען דעם קערפּערליכען שכל און דעם גייסטליכען, נעמליך דאָס וואָס דער ערשטער דיענט צום נוצען פון קערפּער און צום אויפפּאַסונג פון זיינע אינטערעסען, און דער צווייטער דיענט צום צוועק פון גאַנץ אַנדערע אינטערעסען וועלכע זענען ענטגעגענגעזעצט צום קערפּער מיט זיינע אינטערעסען צוזאַמען, דאָס איז מחייב (פּאָזיטיווירט, שטעלט פעסט) די אָבשטאַרבונג פון דעם ערשטען צוזאַמען מיט'ן קערפּער, און דאָס איבער־בלייבען (השארה, אונשטערבליכקייט) פונ'ם צווייטען נאָך דעם קערפּערס טויט, וואָרום ווי אַזוי קען לעבען דער קערפּערליכער שכל נאָכ'ן קערפּערס טויט, ווייבאַלד אַז ער האָט שוין מעהר ניט קיין פּלאַץ אַוואו פאָרטצוזעצען זיין עקסיסטענץ, וועלכע איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי די ערשיינונג פון זיין ווירקונג, וואָס קען זיך בעציעהען נאָר אויפ'ן קערפּער? און ווי אַזוי קענען מיר איהם צושרייבען איבערבלייבונג, ווען די זאַך וועלכע ער האָט געדיענט, און צוליעב וועלכער ער איז בעשאַפען געוואָרען, איז שוין מעהר אויף דער וועלט ניטאָ? און ער מוז אַלזאָ אויפהערען צו עקסיסטירען, ווייל זיין עקסיסטענץ דאַן איז אויך ניכטיגקייט, און דאַריבער וועט ער געוויס אויסגעלאָשען ווערען און פערלאָרען געהן.

אָבער דער גייסטליכער שכל וואָס זיין צונויפפּאָרונג מיט'ן קערפּער און דעם קערפּערליכען שכל זענען געוועזען ניט לויט זיין ערד נאָך, און ניט קיין בינדען פון ליעבע נאָר בינדען פון צוואַנג האָבען איהם צו זיי צוגעבונדען, אָבצושוואַכען זיינע קרעפטען, צו הינדערען זיינע שטרעבונגען, צו שטערען זיין טהעטיגקייט, און צו פערדונקעלען זיין ליכטיגקייט, איז דעריבער זעלבסט פערשטענדליך, דאָס ווען ער געהט אַרויס פריי ברויכען זיינע קרעפטען זיך צו ענטוויקלען, זיינע שטרעבונגען זיך צו פערברייטערען, זיין טהעטיגקייט זיך צו פערשטאַרקען, און זיין ליכטיגקייט זיך צו פערגרעסערען, וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר.

צו דען קען זיך געפינען אַזאַ נאַר און אונפערשטענדליכער, וואָס זאָל נאַר־

קענען טראַכטען, אַז דער גײַסטליכער שכל שטאַרבט אָב אין דעם מאָמענט ווען ער געהט אַרויס פרײַ? און וואָרום? צוליעב דעם וואָס די קעטען זענען אַראָבגעפאַלען פון זײַנע הענד?! ניין! עס קען ניט זײַן! צו דען האָט איהם דער וואָהלטהעטיגער גאָט דערהאַלטען צו דיזער צײַט, ווען ער קען אָנפאַנגען צו לעבען אַ צופריעדענעם און גליקליכען לעבען, דאַדורך וואָס ער איז געוואָרען לויז פון זײַנע חברים: דעם קערפער און זײַן שכל, וועמענס געזעלשאַפט עס איז איהם ניט געוועזען אַנגענעהם, נאָר דערויף: אַז ער זאָל גראַדע יעצט אויסגעלאָשען און פערניכטעט ווערען? ניין! גראַדע פערקעהרט, נאָר יעצט וועט זיך אָנפאַנגען זײַן ריכטיגער לעבען! נאָר יעצט וועט ער קענען פערשפרײטען זײַנע פליגלען און אַרויפפליהען אין הימעל אַרײַן! אום צו בעקומען דאָרט אַנ'ערקלערונג אויף די זאַכען וואָס ער האָט די גאַנצע צײַט, וועלכע ער איז געוועזען אין געזעלשאַפט מיט דעם דונקעלען קערפער ניט געקאָנט פערשטעהן; און נאָר יעצט וועט ער קענען האָבען דאָס גליק צו זעהען די ערשײַנונג פון דעם עוויגענס אַנגעזיכט! וואָס ער האָט זעהר בעגעהרט די גאַנצע צײַט וואָס ער איז געוועזען צוגעבונדען צום קערפער דאָ אויף דער ערד.

און דאַדורך ווערען אונז פערשטענדליך די רייד פון די הייליגע ספרים, אַז ווען דער מענש שלאָפט געהט פון איהם אַוועק זײַן נשמה, און זי געהט אַרויף אויפ'ן הימעל, אָבצוגעבען רעכענונג אויף איהרע מעשים פון פערגאַנגענעם טאָג. און זי קעהרט זיך ניט צוריק צום מענשען ביז וואַנען ער גיסט אָב אין דער פריה נעגעל וואַסער,—און אַז די רשעים האָבען גאָר קיין נשמות ניט, וואָס אין פלוג זענען זיי ניט פערשטענדליך, וואָרום ווען דער מענש שלאָפט לעבט ער דאָך אויך, און די רשעים לעבען דאָך געוויס, טאָ ווי אַזוי קען דאָס אַ מענש לעבען אָהן אַ נשמה? און וואָרום איז דאָס צוריקקעהרען פון די נשמה אין מענשען אָבהענגיג דוקא פון דאָס אָבגיסען פון נעגעל וואַסער אין דער פריה? נאָר באמת בעציעהען זיך ניט זייערע רייד אויף דער לעבענסזעלע (נפש), וועלכע געפינט זיך אין מענשען שטענדיג, ווען ער שלאָפט ווי ווען ער וואַכט, און דער רשע קען אויך אָהן איהר ניט לעבען, נאָר זיי רעדען וועגען דעם גײַסטליכען שכל, וואָס געהט אַוועק פון מענשען ווען ער שלאָפט, ווײַל דאַן שטעלט זיך אָב זײַן טעטיגקײַט, און וואָרום זאָל ער זײַן אין מענשען אָהן קיין שום צוועק, ווײַבאַלד אַז דער מענש קען דאַן ניט טהון קיינע גוטע טהאַטען, און זאָגאַר טראַכטען ערהאַבענע געדאַנקען, וואָס נאָר צוליעב זײַן מאַכען דעם מענשען אויף זיי אויפמערקזאַם און לייטען זייער אויספיהרונג האָט מען איהם אַרײַנגעגעבען אין מענשען; און דאַריבער געהט ער אַרויף אין הימעל אָבצוגעבען רעכענונג אויף די טהאַטען פון פערגאַנגענעם טאָג, אַזוי ווי עס איז דער שטייגער פון יעדען אָנגעשטעלטען, דאָס ער גיעט אָב רעכענונג זײַן פרינציפּאַל אויף יעדען בעשטימטען טייל פון זײַן אַרבייט ווען ער ענדיגט איהר און בלײַבט לעדיג אויף אַ בעשטימטע צײַט.—און דער שכל קעהרט זיך ניט צוריק צום מענשען ביז נאָך זײַן אָבגיסען אין דער פריה נעגעל וואַסער, וואָס דאָס איז די ערשטע אַלטעגליכע טהאַט פונ'ם גײַסטליכען שכל: צו רייניגען דעם מענשען [די קערפערליכע ריינהײַט צייגט און לערנט אויף גייסטליכע ריינהײַט, ווי מיר האָבען בעשריעבען אין אַנ'אַנדער אָרט, און די ריינהײַט פון די הענד איז די פאָרציגליכסטע און נויטיגסטע] *), און אָנפאַנגען זײַן ווירקונג אויפ'ן נײַען טאָג.

---

*) דאַן זײַ זענען איסער בעשעפטיגט און אומעטום פול (אין גמרא'ם לשון עסקניות).

אָבּער צו די רשעים וועלכע לאָזען ניט דעם גייסטליכען שכל ענטוויקלען זיך אין זיי, אום ער זאָל קענען ערפילען זיין פונקציאָן אין זיי און דורך זיי, קומט ער גאָרניט, וויבאלד אז ער האָט ניט אין זיי קיין פלאַץ אוואו צו עקסיסטירען, וואָס דאָס איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי די ערשיינונג פון זיין ווירקונג; דען ווען מיר זאָלען זיך אַפילו פאָרשטעלען, אַז ער וועט פערקריכען אין אַ ווינקעל פון זייער מוח און דאָרטען איינדרימלען, ניט האָבענדיג די מעגליכקייט צו טהון עטוואָס, איז דאָך דאָס ממילא אַזוי ווי ער עקסיסטירט גאָרנישט, און מען קען זאָגען אויף איהם, דאָס וויבאלד אַז ער זיצט ליידיג איז גלייך ווי ער איז אָבגעשטאָרבען, וואָרום דאָס וואָס אונזערע חכמים זאָגען, אַז דער וואָס זיצט ליידיג איז גלייך ווי ער שלאָפט בעציעהט זיך דאָס אויפ'ן קערפער, און אויף איהם פאַסט טאַקע צו זאָגען, אַז זיין זיצען ליידיג איז גלייך צו שלאָפען, ווייל די קערפערליכע זעלע ערפילט אין איהם איהר פונקציאָן ווען ער שלאָפט אויך, און דאָסזעלבע ערפילט זי דאָך אין איהם אויך ווען ער זיצט ליידיג, אָבער דער גייסטליכער שכל וואָס זיין גאַנצער עקסיסטענץ איז דאָך זיין גייסטליכע ווירקונג, איז דעריבער ניט צו ערקענען אין איהם קיין צייכען פון לעבען ווען ער גיעט זיך מיט איהר ניט אָב, און ער איז גלייך ווי טויט.

און אָט אַזוי פערליערען די רשעים דעם פונק פון געטליכען שכל, וואָס מען האָט אין זיי אריינגעגעבען ווען זיי זענען געבאָרען געוואָרען, מיט אַ פעהיגקייט זיך בּרייט צו ענטוויקלען [ד]אַמיט האָבען מיר ערקלערט די כונה פון פסוק (איוב ד) מנשמת אלוה יאבדו פון דער געטליכער נשמה ווערען זיי (די רשעים) פערלאָרען, אַז דאָס מיינט אַז ז י י פערליערען א י ה ר, נאָר וויבאלד אַז זי איז דאָך פיעל העכער פון זיי אין בעדייטונג, פאַסט דעריבער צו זאָגען דאָס זי פערליערט זיי, און אַזוי ווי מען זאָגט דאָס אַ מענש האָט פערלאָרען אַ געגענשטאַנד און מען זאָגט ניט פערקעהרט: דאָס דער געגענשטאַנד האָט איהם פערלאָרען, ביז וואַנען זיי פערליערען דעם נאָמען מענש אויך, וואָרום זיי האָבען ניט קיין העכערע בעדייטונג פון אַ בהמה, וויבאלד אַז זייער לעבען איז בלויז אַ בהמה'שער, און דער איינציגער אונטערשיעד פון זיי צו איהר איז מעהר ניט וואָס זיי געהען אויף צוויי פיס און זי געהט אויף פיער.

און דאַדורך זענען אונז פערשטענדליך די ריייד פון ר' שמעון בן יוחאי, וואָס האָט געזאָגט (ב"מ קיד) אויף די געצענדיענער פון זיין צייט, אַז זיי ווערען ניט אָנגערופען מענשען, דאָס איז צוליעב דעם וואָס זיי זענען געוועזען זעהר אריינגעלאָזען אין תאוות ערגער ווי די בהמות און חיות, דאָס עס האָט אין זייער מוח ניט געקאָנט שיינען קיין פונק ליכטיגקייט פונ'ם גייסטליכען שכל, און דאַריבער זענען

ניט נאָר אין וואָס עס אַנבעלאַנגט צו אָנריהרען זיך אָן אַ אומריינע זאַך, נאָר אויך אין דאָס וואָס עס אַנבעלאַנגט צו חאַפּען וואָס זיי קענען און אוואו זיי קענען, און דאַריבער גילט הַיינט אויך דער דין פון וואַשען די הענד צום עסען, הגם די איבעריגע דינים פון דער תורה וועגען ריינינגען דעם קערפער געהען הַיינט ניט אָן, דאָס איז צוליעב דעם וואָס די אומריינינקייט פון די הענד איז זעהר שטאַרק, אי אין קערפערליכען הינזיכט אי אין גייסטליכען, און ממילא איז די נאָטווענדיגקייט פון ריינינגען זיי אין ביידע הינזיכטען זעהר גרויס, און די פערהעלטניס (שייכות) פון זיי ביידען צום ענין פון עסען איז זעלבסט פערשטענדליך, ווי שלמה זאָגט: כל עמל האדם לפיהו די גאַנצע אַרבייט פון דעם מענשען איז אום צו עסען, אויך זאָגט ער: ועל פת להם יפשע גבר און וועגען אַ שטיקעל ברויט טהוט דער מענש אַלע פערברעכען.

זיי ניט ווערט געווען אָנגערופען צו ווערען מיט דעם נאָמען מענשען.

און דאַדורך זעגען אונז אויך פערשטענדליך די רייד פון רבי אֶלעזר, וואָס האָט געזאָגט אַז די עַמי האַרצים [זעה ערקלערונג ווייטער] וועלען ניט לעבעדיג ווערען אין תחית המתים, דען הגם מיר גלויבען דאָס לעתיד לבוא וועלען די טויטע קערפּער לעבעדיג ווערען, דורך אַן איבערנאַטירליכען נס, אָבער עס וועט דאָך ניט לוינען אויפצוטהון אַזאַ וואונדערבאַרען נס, פאַר דעם קערפּער וואָס זיין גייסטליכער שכל וועט דאַן ניט עקסיסטירען, צו מאַכען איהם לעבעדיג; דען צוליעב וועמעס טובה וועגען זאָל דאָס דער נס געטאָן ווערען: צו בעלעבען דעם טויטען קערפּער פון דאָס נייַ? צוליעב דעם קערפּער זעלבסט מיט זיין שכל דאָך געוויס ניט, וואָרום וויבאַלד אַז עס ווערט פון זיי גאָרניט ווען זיי שטאַרבען, קענען זיי דאָך ניט פיהלען, ניט זייער פריהערדיגען „ניט זיין", און ניט זייער נאַכהעריגען בעשאַפען ווערען פון דאָס נייַ, און ממילא וועלען זיי זיך דאַמיט גאָרניט פרייען; נאָר ביי דעם קערפּער וואָס זיין גייסטליכער שכל וועט דאַן עקסיסטירען, וועט דער נס געטהאָן ווערען צוליעב איהם, וואָרום ער וועט זיך זעהר פרייען ווען ער וועט זעהען, דאָס זיין אַלטער מאַנטעל, וועלכען ער האָט ליעב געהאַט, און וועלכען מען האָט פון איהם אַראָבגעריסען מיט געוואַלט, ווערט צו איהם ווידערגעקעהרט אַ שפּאָגעל נייַ בענייטער; אָבער די עַמי האַרצים וואָס לאָזען ניט זייער גייסטליכען שכל ענטוויקלען זיך ביי זיי, און זייער גאַנצע מיהע און לעבענס צוועק איז נאָר צוליעב אירדישע אינטערעסען, וואָס צוליעב דעם ווערען זיי אָנגערופען: „עַמי האַרצים" דאָס פאָלק פון אירדישקייט, און ממילא האָבען זיי ניט געהאַט קיין גייסטליכען שכל ווען זיי האָבען געלעבט, איז דאָך ניט געווען „וואָס" עס זאָל איבערבלייבען נאָך זייער טויט, איז דאָך דאַריבער ניטאָ „ווער", וואָס צוליעב איהם זאָל גאָט ברויכען צו בענייען זיין מאַנטעל, נאָכדעם ווי עס איז פון איהם גאָרניט געוואָרען.

אָבער באמת קענען דיעזע אַלע רייד ניט העלפען, אום בעסער צומאַכען די אַפּיקורסים, ווי אויבען געזאָגט, און ווי מיר האָבען אויך ערקלערט אין דעם „יצר הרע'ס שוהלע" דעם יצר הרע'ס וועג, ווי ער פערפיהרט דעם מענשען ביז וואַנען ער ברענגט איהם אָבצולייקענען אין גאָט און אין זיין תורה, דאָס ניט דורך לעהרע און וויכוחים פערפיהרט ער איהם, אַז ער זאָל אַראָב בלאָנדזשען פון דעם ריכטיגען וועג אין קרומע און בלאָנזשענדיגע וועגען, וואָרום ער לערנט איהם ניט קיין פילאָזאָפיע און ניט קיין לאָגיק, און ער גיעט איהם אויך ניט אויף קיינע אָננאַהמונגען (הנחות), ניט קיין אֶמתע און אויך ניט קיין פאַלשע, נאָר ער געוועהנט איהם איין אין תאוות און אין הפקרות, און דאַצו גיעט ער אין איהם אַריין גרויסע גאוה און חוצפּה, און ער מאַכט איהם אַ קופערנעם שטערן, אַז ער זאָל ניט פערשעמט און רויט ווערען ווען ער וועט פלוידערען מיט'ן מויל פלאַפּעלרייד, וואָס האָבען ניט קיין צונויפבונד און קיין צוזאַמענהאַנג, און ער קען זיי אַפילו ניט אויסשפּרעכען ריכטיג, און מכל שכן דאָס ער פערשטעהט זיי ניט, און דאַדורך ווערט ער ביי זיך אַ פילאָזאָף און אַ פרייַ דענקער.

און די העזה און לייכטזיניגקייט פון דיעזען סאָרט פילאָזאָפען איז אַזוי גרויס, דאָס זיי סטאַרען זיך אַפילו גאָרנישט צו פערשטעהען דעם עצם זאַך וועגען וואָס זיי רעדען, וואָרום עס געפינט זיך פון זיי ניט כמעט איינער וואָס זאָל וויסען גוט דעם תנ"ך, און אַמוועניגסטען די פינף חומשים; און ווי אַזוי קען עס איינענטליך פועל'ן

ביי זיך אַ מענש צו האָבען די העזה צו פיהרען אַ וויכוח (דיספוטירען) וועגען אַ זאַך, ניט סטאַרענדיג זיך פריהער צו ערלערנען און פערשטעהן איהר גרינדליך, אַמוועניגסטען נאָך די פעהיגקייט פון זיין השגה? מען וואָלט דאָך איהם שפייען אין פנים ווען ער וואָלט אַזוי געטאָן אין אַן אַנדער ענין; נאָר דער ענין פון אַפיקורסות האָט שוין אַזאַ מזל, דאָס יעדערער וואָס עפענט אויף ברייט דעם מויל, און פּלאַפּעלט וועגען דעם רייד, וואָס האָבען קיין זינן ניט אַפילו לויט די ערשטע בעאָבאַכטונג (מושכל ראשון), און ער אַליין פערשטעהט אויך ניט וואָס ער רעדט, ווערט ער אָנגערופען ביי זיך און ביי זיינע חברים: קענער און פילאָזאָף.

און נאָר אונזער האַרץ וועהטאָג, זעהענדיג ווי די פּיס פון בהמות און חיות טרעטען מיט גאוה אויף אַלעס וואָס עס איז אונז טייער און הייליג, ערלויבט אונז ניט צו לאַכען קוקענדיג אויף דיזען לעכערליכען און צוגלייך ערשטוינענדען שוישפּיעל, ווי שנעקעס און פראָסטאַקעס וואָס ווייסען ניט די עלעמענטאַרסטע ידיעות, ניט פון דער תורה און ניט פון קיינע וויסענשאַפטען, און די פעהיגקייטען פון זייער שכל שטעהען ניט פיעל העכער ווי ביי די אַפען (אָבעזיאַנעס), פון וועלכע זיי לייטען (זענען מייחס) זייער אָבשטאַמונג, און אויך די ביסעל פערשטאַנד וואָס דער בעשעפער האָט זיי איינגעטיילט מיט זעהר אַ קאַרגע מאָס האָבען זיי פרייוויליג איבערגעפיהרט אַריינלאָזענדיג זיך אין זויפעריי און זיטענלאָזיגקייט,—בעריהמען זיך דאָס זיי זענען פעהיג אויפצובויען אַ נייע סיסטעם אין דער ענטשטעהונג און עקסיסטירונג פון דער וועלט, און דאָס אַלע נביאים און געטליכע חכמים וואָס זייער שכל איז געוועזען אונענדליך גרויס, און מיט אַ ריינעם געדאַנקען פון תאוות האָבען זיי געפאָרשט גאָטהייט, האָבען געבלאָנדזשעט און ניט געקאָנט אויסגעפינען דעם אמת, וועלכער איז ניט קיין אַנדערער נאָר דער וואָס די פוסטע און אויסגעלאַסענע יונגען האָבען אויסגעפונען.

און ווען איהר וועט זיי פרעגען, דאָס וויבאַלד אַז זיי בעריהמען זיך דאָס דער אמת איז מיט זיי, ברויכען זיך דאָך צו געפינען דאַרויף איבערצייגענדע און אונבעשטרייטבאַרע בעווייזע, און אַמוועניגסטען שטאַרקע און וואַהרשיינליך־ריכטיגע לאָגישע אָדער שכל'דיגע ראיות, וועלען זיי אייך ענטפערען, דאָס ניט זיי ווילען און ניט זיי קענען זיך פערדרעהען דעם קאָפּ מיט אַזעלכע זאַכען, פאַר זיי איז נאָר גענוג צו וויסען דעם סך הכל: דאָס קיין גאָט איז ניטאָ [און ממילא מעג מען טהון וואָס מען וויל], און אין וואָס עס אַנבעלאַנגט צו אַלע איבעריגע לומדישע דרעהדלעך פערלאָזען זיי זיך אויף זייער אָנפיהרער וועלכער איז אויך צוגלייך זייער רבי, און ער ווייס טאַקי אַלץ; און אַז איהר וועט אייך מטריח זיין געהן פרעגען איהם, וועט ער אייך זאָגען, דאָס ער ווייס אויך ניט, נאָר יענער און יענער וואָס איז גרעסער פון איהם ווייס יע; און אַז איהר וועט זיך ענדליך דערשלאָגען צום גרעסטען, וועט איהר פון איהם אויך ניט קענען בעקומען קיינע ריכטיגע קלאָרע רייד, נאָר ער וועט אייך אָנקלאַפּען אַ קאָפּ מיט פלאַפּלעריי. דומהייטען און ליגענס, וואָס זייער פאַלשקייט און פלוידערהאַפטיגקייט ליעגט פון אויבען אויף, ביז וואַנען ער וועט אייך פערמאַטערען; און אַוועקגעהענדיג פון איהם וועט איהר בעוואונדערען, ווי אַזוי ערלויבט זיך דאָס אַזעלכעס אַ מענש, וועלכער שיינט נאָך צו זיין איינינער מאָסען געבילדעט און אַנשטענדיג? נאָר די זאַך איז, דאָס אין אַלע אַנדערע ענינים רעדען דיזע לייטע ווי אַלע אַנדערע מענשען, נאָר אין וואָס עס אָנבעלאַנגט צו ברעכען די אמונה און

שטאַרקען די געוועלטיגונג פון יצר הרע איז זייער פאַנאַטיזמוס אַזוי גרויס, דאָס זיי ערלויבען זיך אַלע פלוידערייען אין דער וועלט, און אַלע דומהייטען האַלטען זיי פאַר חכמות, און אַלע משוגעת'ן פאַר נבואה רייד, און זיי רעכענען עס אַלס איבערצייגענדע בעוויַיזע, וואָס עס איז ענטגעגען זיי גאָר ניטאָ וואָס אַנצו־ווענדען.

און דאַמיט ווערען ערקלערט, לויט מיין מיינונג, די רייד פון רב ירמיה בר אלעזר (סנהדרין קט), דאָס איין געוויסער טייל פון דעם דור הפלגה (וואָס האָבען געוואָלט בויען אַ טורם וואָס זאָל דערלאַנגען צום הימעל), האָט געהאַט דעם צוועק דאַביי: אַרויפצוגעהן אויפ'ן הימעל און שטרייטען מיט גאָט, וואָס אין פלוג איז דאָס אַן'אונפערשטענדליכע זאַך, ווארום ווי קען דאָס זיין, אַז מענשען זאָלען אויף אַזוי פיעל פערליערען דעם פערשטאַנד, דאָס עס זאָל זיין ביי זיי רעכט אַז זיי זאָלען קענען מלחמה האַלטען מיט דעם אונבעגרענצטען און אונענדליכען געטליכען קראַפט וואָס געפינט זיך אויפ'ן הימעל? און אַמוועניגסטען האָבען זיי דאָך געקאָנט פערשטעהן, אפילו לויט זייער ניעדעריגען שכל, דאָס ער קען ענטלויפען פון זיי אויף אַ העכערען הימעל, אָדער אויך בויען אַ טורם אין דערזעלבער צייט וואָס זיי בויען זייערען?

נאָר די ערקלערונג דערפון איז, דאָס רב ירמיה האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דער גרויסער פראַגע וואָס איז פאַראַן אויפ'ן דור הפלגה, נעמליך וואָס איז געווען זייער צוועק ביים בויען דעם טורם? און וואָס האָבען זיי געקאָנט רעכענען אַז ער וועט זיי איינטראָגען, אַלס בעלאָהנונג פאַר דיעזע לאַנג דויערנדע און שרעקליך שווערע אַרבייט? און אויך ווי אַזוי האָבען זיי ניט געקאָנט פערשטעהן, אַז די זאַך זעלבסט איז אַ אונאויספיהרבאַרע? ווארום אַזוי ווי די זעהונגס קראַפט פון די פאַרצייטיגע מענשען איז געווען זעהר אַ שטאַרקע נדען ניט מעהר ווי מיט דריי הונדערט יאָהר צוריק האָבען די אַסטראָנאָמער געזעהען מיט די בלויזע אויגען פיעל שטערען, וואָס היינט קען מען זיי ניט זעהען נאָר דורך די הילפע פון פערגרעסער און פערבעהענטער גלעזער), האָבען זיי דאָך געקאָנט וויסען, דאָס דער הימעל איז אַזוי ווייט הויך פון דער ערד, דאָס דער גאַנצער ערד מאַטעריאַל וועט ניט זיין גענוג אויף צו בויען אַ טורם ביז'ן הימעל, אַפילו לויט די ערשטע בעטראַכטונג און דעם איינפאַכסטען רעכנונג.

און אָט דאָס מיינט אונז רב ירמיה צו פערענטפערען, נעמליך דאָס עס קען טאַקי ווירקליך ניט פאָרקומען פאַר קיינפאַל אין דער וועלט, דאָס מענשען זאָלען אויף אַזוי פיעל פערנאַרישט ווערען, אַז זיי זאָלען צוליעב וועלכען צוועק עס איז אין דער וועלט זיך אונטערנעהמען אויסצופיהרען אַזאַ אונזיניגע אויפגאַבע: צו בויען אַ טורם ביז'ן הימעל, ווארום אויסער דעם וואָס די לאַנג דויערנדע און זעהר שווערע אַרבייט פון זיין בויען קען ניט לוינען צוליעב קיין צוועק אין דער וועלט, איז עס לויט דעם מענשליכען פערשטאַנד אַ זאַך וואָס קען קיינמאָל ניט אויסגעפיהרט ווערען, אויסער אַז עס זאָל קומען ווער עס איז, און זאָל אַ זאָג טהון: ברידער! לאָמיר זיך בעהמען אויפבויען אַ הויכען טורם! אויף וועלכען מיר וועלען אַרויפגעהן אויפ'ן הימעל און שטרייטען מיט גאָט און אומברענגען איהם, דאָס דאַן וועלען זיך געפינען פיעלע מענשען וואָס זיין אויפגאַבע וועט זיי געפעלען ווערען און זיי וועלען איהר אָננעהמען און זיך סטאַרען איהר אויסצופיהרען, דען אַלע אונאויספיהרבאַרע זאַכען הילען זיך פאָרשטעלען אין זייער פאַנטאַזיע אַלס די לייכטעסטע אין דער וועלט צו ווערען אויסגעפיהרט, און אַלע אונזיניגע אויפגאַבען וועלען ביי זיי פערדעכענט

ווערען אַלס די אײנפאַכסטע און זעלבסט פערשטענדליכסטע, וויבאַלד נאָר אַז זיי וועלען דיענען צו דיעזען צוועק, און אויך איז שוין ביי זיי ווערט צו האָרעווען שווער און טהון די שווערסטע און ערמידענדסטע אַרבייט מיט'ן בעסטען ווילען און גרעסטען חשק, וויבאַלד אַז זיי רעכענען דאָס דאַדורך וועט זיי געלינגען צו אומברענגען גאָט, און זיי אַליין וועלען פערבלייבען די הערשער איבער דער וועלט.

און אום צוצוקומען צו דער ערקלערונג פון די פסוקים פון תהילים, מיט וועלכע מיר האָבען אָנגעפאַנגען דיעזען דרוש, ברויכען מיר פריהער ערקלערען די ריי"ד פון דער גמרא (ברכות יב): ולא תתורו אחרי לבבכם זה מינות וכן הוא אומר אָמר נבל בלבו אין אֱלֹהים, ד. ה. דאָס וואָס דער פסוק זאָגט: און איהר זאָלט ניט נאָכגעהן נאָך אײערע הערצער מיינט ער דאַמיט אפיקורסות, וואָרום אַזוי געפינען מיר אין אַן אַנדער פסוק: דער אויסוואורף האָט געטראַכט אין הארצען אַז עס איז קיין גאָט ניטאָ; דאָס אין פלוג איז זעהר קשה, אַז אויב די גמרא קומט עס אָבלערנען דורך די גזרה שוה [דאָס מיינט אַז די מיינונג פון איין פסוק ווערט אָבגעלערנט אינ'ם צווייטען, צוליעב די גלייכהייט פון ווערטער אין זיי ביידע] פון לבבכם בלבו, געפינען מיר דאָך אין תנ"ך פיעלע פסוקים מיט'ן וואָרט בלבו וואָס מיינען ניט קיין אפיקורסות? און די זעלבע קושיא איז אויך אויף דאָס וואָס די גמרא זאָגט ווייטער: ואחרי עיניכם זה הרהורי עבירה וכן הוא אומר אותה קח לי כי היא ישרה בעיני, ד. ה. וואָס דער פסוק זאָגט ווייטער: און נאָך אײערע אויגען מיינט ער דאַמיט טראַכטען וועגען זנות וואָרום אַזוי געפינען מיר אין אַן אַנדער פסוק: נעהם זי צו מיר דען זי איז געפעלען אין מיינע אויגען; און אויך אויף דאָס וואָס די גמרא זאָגט ווייטער: אשר אתם זונים אחריהם זו עבודת כוכבים וכן הוא אומר ויזנו אחרי הבעלים, ד. ה. אַז דאָס וואָס דער פסוק זאָגט ווייטער: וואָס איהר ווערט פערפיהרט נאָך זיי מיינט ער דאַמיט געצענדיענסט, וואָרום אַזוי געפינען מיר אין אַן אַנדער פסוק: און זיי זענען פערפיהרט געוואָרען נאָך די געצען.

אָבער דער אמת איז, אַז די גמרא לערנט עס אַלעס אָב ניט דורך אַ גזרה שוה, נאָר זי דרינגט עס אַרויס דורך אַ גרינדליכע ערקלערונג פון די ווערטער פון די פסוקים אַליין, ווי מיר וועלען ווייטער ערקלערען.

צוויי גליעדער זענען פאַראַן אין מענשען אַז ווען איינער פון זיי זאָל פערפעהלט ווערען, אָדער זאָגאַר קאַליע ווערען, קען דער מענש מעהר אפילו קיין איין אויגענבליק ניט לעבען, אָנשטאָט דעם וואָס אַז עס פעהלען איהם אויסווענדיגסטע גליעדער קען ער לעבען זעהר לאַנג, און אפילו אַז עס פעהלען איהם אינערליכע גליעדער קען ער נאָך לעבען אַמווענדיגסטען וועלכע צייט עס איז. די צוויי גליעדער זענען: די קאָפּ און דאָס האַרץ, און עס איז זעלבסט פערשטענדליך, אַז דאָס איז צוליעב דעם וואָס זיי זענען די הויפּט מאַשינען אין דעם מענשליכען קערפּער, וואָס דורך זייער לייטונג, ערפילען אין איהם זייערע פונקציאָנען אַלע זיינע לעבענסקרעפטען: די קערפּערליכע און די גייסטליכע. און אין פלוג איז דאָ פאַראַן אַ פראַגע, נעמליך: דאָס לויט די חכמה פון דעם אַלקליגסטען און אַלפעהיגסטען געטליכען שעפּפער, וואָלט געווען פאַסענדער דאָס דעם מענשענס אַלע לעבענס פונקציאָנען זאָלען געלייטעט ווערען נאָר דורך איין הויפּט מאַשינע; און אַזוי ווי מיר זעהען צום ביישפּיעל, דאָס די היינטיגע אויוועקן בויערס (מוליערס) האָבען זיך פערפאָלקאָמט אין זייער פאַך, דאָס זיי קענען איינריכטען, דאָס איין קליינע אויוועלע זאָל געבען גענוג וואַרעמקייט אויף אַ גאַנץ גרויסע

הויז, אנשטאט דעם וואס אין די פריהערדיגע צייטען האט מען געקאנט אנווארעמען אזא הויז קוים דורך צוויי אדער מעהר אויוועגס.

אבער דער אמת איז, דאס ביידע הויפט גלידער זענען נויטיג אינ'ם מענשליכען קערפער, אום צו דיענען אין איהם אלס צוויי פערשידענארטיגע קאנצעלייען (קאנטארען), איינע פאר'ן יצר טוב און די אנדערע פאר'ן יצר הרע, ווארום זיי קענען ניט ערפילען זייערע פונקציאנען צוזאמען אין איין און דעמזעלבען פלאץ, אזוי ווי עס קענען ניט טהון זייער ארבייט צוזאמען אין איין הויז א גאלד שמיעד מיט א לייס ארבייטער; דען די קאפ איז דער פלאץ פון דער נשמה וועלכע איז דער גייסטליכער שכל, צוזאמען מיט אלע געפיהלען וועלכע געהערען צו איהם און שטעהען דירעקט אונטער זיין לייטונג, נעמליך די בארמהערציגקייט און גראסמוטיגקייט, יושר און גערעכטיגקייט און דאס גלייכען, אבער דאס הארץ איז דער פלאץ פון דער לעבענס זעלע וועלכע איז די בלוט, וואס די הארץ איז דער צענטראל פונקט פון איהר צירקולאציאן, צוזאמען מיט דעם קערפערליכען שכל, דאס איז דער וואס דיענט דעם קערפער און געהערט צו איהם, און אלע געפיהלען וואס שטעהען אונטער זיין לייטונג, נעמליך די תאוה און גאוה, קנאה און כבוד און דאס גלייכען.

והיינטיגע פיזיאלאגען זאגען אפילו, אז דער מוח איז דער צענטראל פונקט פון די לעבענס און לוסט פונקציאנען אויך, נאר ווי די עצם זאך איז, זעהען מיר אז ווען עס ערוועקען זיך אין מענשען די בהמה'שע לוסט געפיהלען ווערט זיין הארץ שטארק אויפגערעגט און זי פאנגט אן צו קלאפען פיעל שטארקער, איז ממילא זעלבסט פערשטענדליך, אז זי האט געוויס א גרויסען טייל אין זייער לייטונג, און דאריבער קענען מיר אמוועניגסטען זאגען פיגוראטיוו (מליצה'דיג), אז זי איז זייער צענטראל פונקט.

איז דאך ממילא קשה, ווי אזוי זאגט דער פסוק: און איהר זאלט ניט נאכגעהן נאך אייערע הערצער, דאס דערפון ווייזט אוים אז די הארץ קען אויסוועהלען א וועג פאר'ן מענשען? און ווי אזוי זאגט עס דער פסוק אין תהילים, דאס דער אויסוואורף האט געטראכט אין הארצען אז עס איז קיין גאט ניטא, ווייבאלד אז די הארץ איז דאך ניט דאס פלאץ פונ'ם שכל וואס דער מענש קען מיט איהם אורטיילען וועגען גאטהייט און דאס גלייכען, וועלכער איז ניט קיין אנדערער ווי דער גייסטליכער שכל וואס זיין פלאץ איז אין מוח פון קאפ, און דאס הארץ איז דאך מעהר ניט ווי א פלאץ פאר דער לעבענס זעלע, מיט'ן קערפערליכען שכל און אלע בהמה'שע געפיהלען און תאוות וואס געהערען צו איהר?

אבער די מעשה איז, דאס הגם מיר וואונדערען זיך אויפדעם, איז דאס דאך א טהאט זאך, און דאס איז טאקע דער גרעסטער פעהלער וואס עס געפינט זיך אין דער מענשליכער נאטור, און וועלכער איז דעם מענשענס גרעסטער און געפעהרליכסטער אונגליק: דאס וואס ער זוכט זיך אוים א וועג מיט'ן הארצען ד. ה. מיט דער תאוה, אנשטאט דעם וואס ער האט געברויכט אויסצוזוכען זיך א וועג מיט'ן קאפ ד. ה. מיט'ן גייסטליכען שכל; און דאס איז ריכטיג גלייך צו דער אויפפיהרונג פון א משוגענעם, וואס וויל זעהען מיט די אויערען אדער הערען מיט די אויגען אדער עסען מיט'ן נאז.

און דאס מיינט אויך שלמה המלך מיט דעם וואס ער זאגט (קהלת ב) החכם עיניו בראשו ביים קלוגען זענען די אויגען, דאס מיינט זיינע דענקענדע פעהיגקייטען, וועלכע פיהרען איהם און ווייזען איהם דעם ריכטיגען וועג, אין קאפ, דאס מיינט דעם גייסטליכען שכל, והכסיל בחשך הולך אבער דער נאר וואס וויל נאכגעבען זיין תאוה

הערט ניט צו די עצה פון דעם שכל נאר די עצה פון דער תאוה, און דערפאר ווערט עס אנגערופען דאס ער געהט אין פינסטערניס, ווייל די תאוה איז דאך א בלינדע (ד. ה. זי קוקט ניט אויפ'ן תכלית נאר אויפ'ן מאמענטאלען פערגניגען) און געהענדיג נאך איהר ווערט ער אריינפאל'ען אין טיפען גרוב פון וועלכען ער וועט ניט קענען ארויסגעהן.

אט דיזע פאלשע וועג, ד. ה. צו אורטיילען וועגען גייסטליכע און ריין שכל'דיגע זאכען לויט דער נויגונג פון הארצען, נעמליך די תאוה, איז מעהר ווי אומעטום קענטיג און בולט אין דער כפירה־סיסטעם, ווארום וויבאלד אז זי קען ניט האבען קיינע בעגרינדונג ווען זי זאל בעאורטיילט ווערען לויט דעם אמת'ן שכל, און די אלע רייד פון איהרע אנהענגער זענען ניט מעהר ווי פלוידערייי, און איין טייל פון זיי איז ווידערשפרעכענד דעם אנדערען, דאס עס איז גאר אונמעגליך דאס זיי אליין זאלען ניט ערקענען די פאלשקייט פון זיי, מוז זי דאך ממילא זיין געצווינגען פון אנפאנג ביז'ן סוף געבויט אויף דער תאוה'ס אורטיילונג, אהן די צוגאבע פון דעם קלענסטען טייל שכל, און דעריבער איז ווען מען זאל סתם זאגען: די אורטיילונג פון דער תאוה ברויכט די כונה דערפון זיין זעלבסטפערשטענדליך צו יעדען, אז דערמיט מיינט מען די כפירה, מחמת דעם וואס זי איז אינגאנצען אויף איהר בעגרינדעט.

יעצט נאך דיזע הקדמה (פאר רייד) וועלען די רייד פון דער ברייתא זעהר לייכט גרינדליך ערקלערט ווערען, נעמליך דאס זי ערקלערט די כונה פון די פריהער געבראכטע פסוקים, אז זיי זענען געקומען אויפצווייזען דעם מענשענס פערקרימונג טאקי אין דער זאך זעלבסט, וואס ער זוכט זיך אויס א וועג צו בעאורטיילען גייסטליכע און ריין שכל'דיגע זאכען מיט'ן הארצען, וואס דאס איז די תאוה, אנשטאט דעם וואס ער האט געברויכט צו בענוצען זיך צו דיזען צוועק מיט'ן קאפ, וואס דאס איז דער ערהאבענער שכל; און דאס מיינט זי דאמיט וואס זי זאגט, אז דאס וואס דער פסוק זאגט: און איהר זאלט ניט נאכגעהן נאך אייערע הערצער מיינט ער דאמיט אפיקורסות, נעמליך איהר זאלט ניט אויסזוכען א וועג אבצולייקענען די געטהייט דורך די אורטיילונג פון אייער הארץ, ד. ה. אייער קערפערליכער שכל, וואס דער צענטראל פונקט פון זיין פונקציאן איז אין איהר, און וואס דער סיסטעם פון אפיקורסות ווערט אינגאנצען בעאורטיילט דורך איהם און אנגערופען אויף זיין נאמען, און זי האט געבראכט אויפדעם א ראיה פון די רייד פון פסוק: דער אויסוואורף האט געטראכט אין הארצען אז עס איז קיין גאט ניטא, און לויט עס וועט קומען ווייטער די ערקלערונג דערפון.

ווייטער זאגט די ברייתא, אז דאס וואס דער פסוק זאגט ווייטער: און נאך אייערע אויגען מיינט ער דאמיט: טראכטען וועגען זנות, דען דער מענש בעשטימט זיינע תאוה'דיגע געפיהלען פאר אויגען, ד. ה. פאר זיינע וועג ווייזער, אז זיי זאלען איהם אויסוועהלען די גוטע און פאסענדע טהאטען, מיט וועלכער ער ברויכט זיך שטענדיג אבצוגעבען, און זיי וועהלען אויס פאר איהם די יעניגע טהאטען וועלכע זענען גוט און פאסענד פאר זיי זעלבסט, און דאס איז די ערקלערונג פון די רייד פונ'ם פסוק: און נאך אייערע אויגען, ד. ה. איהר זאלט ניט געהן נאך דעם ראט און אויסוואהל פון אייערע תאוה'דיגע געפיהלען, וועלכע איהר מאכט זיי אונבערעכטיגט פאר אייערע אויגען (און דער פסוק זאגט א י י ע ר ע אויגען אבזיכטליך, ד. ה. דאס וואס מעהר ניט ווי איהר מאכט זיי פאר אויגען, אבער אין דער טהאט זענען זיי עס ניט), ד. ה. אייערע וועג ווייזער, דאס איהר זאלט נאכגעהן נאך זייער עצה, וועלכע שטימט מיט מיט

זייערע אינטערעסען; און די ברייתא האט געבראכט דאצו א ראיה פון שמשון'ס רייד: נעהם זי צו מיר דען זי איז געפעלען אין מיינע אויגען, דאס מיינט דאס הגם זיין וועלען נעהמען א טאכטער פון די פלשתים פאר א פרוי איז ניט געווען א זאך וואס האט געקאנט אימעצען געפעלען ווערען, אבער אין זיינע אויגען ד. ה. ביי זיינע תאוה'דיגע געפיהלען, וועלכע ער האט אנערקענט פאר זיינע וועג ווייזער און פיהרער, דאס ער זאל זיך פיהרען לויט זייער עצה, איז זי יע געווען געפעלען.

ווייטער זאגט זי, אז דאס וואס דער פסוק זאגט ווייטער: וואס איהר ווערט פערפיהרט נאך זיי, מיינט ער דאמיט געצענדיענסט, דען אפילו דער מענש וואס זיין שכל לאזט איהם ניט א וועקגעהן אינגאנצען נאך דער עצה פון זיין הארץ; אבצו־לייקענען גאטהייט, און ניט ווילענדיג מוז ער אנערקענען אז עס איז יע פאראן א גאט, וויל פונדעסטוועגען אלץ ניט שטעהן אונטער דער אויפזיכט און פערוואלטונג פונ'ם גרויסען גאט, וועלכער פאדערט פון מענשען אבסאלוטע געהארכזאמקייט און גערעכטע אויפפיהרונג, און דעריבער זוכט זיין הארץ אויסצוגעפינען אנדערע געטער, בעשטימטע פונ'ם גרויסען גאט, דאס ער זאל שטעהן אונטער זייער פערוואלטונג; אזעלכע געטער וועלכע ער זאל קענען לייכט אונטערשמייכלען און אבנארען, אז זיי זאלען איינשטימען אויף זיינע שלעכטע מעשים (און דארום האבען די אידען אין דער מדבר אויסגעוועהלט א געגאסענע קאלב פאר א גאט, וואס אויסערדעם וואס זי האט אליין, אלס א מעטאלענע אויסגיסונג, ניט געקאנט האבען קיין לעבען אין זיך, איז אויך די לעבעדיגע וועזען אין וועמענס פארם מען האט איהר אויסגעגאסען, נעמליך די קאלב, דער גאט וועלכער לוינט און פאסט אמבעסטען פאר די אינטערעסען פון די דומע קערלען, וועלכע ווילען אז גאטעס ווילען זאל זיך בייגען צו זייערע מעשים און שטימען מיט זיי, און ניט דאס זייערע מעשים זאלען זיך בייגען צו זיין ווילען און שטימען מיט איהם, ווארום א וואו איז דאס נאך פאראן א לעבעדיגעס וועזען, וועלכע זאל זיך אויסצייכענען מיט איהר נארישקייט אזוי ווי די קאלב? און דארום זענען זיי געוועזען זיכער, אז זי וועט געוויס איינשטימען אויף אלע זייערע מעשים און הערצענס־ווינשע; און אויב זי וועט ניט וועלען איינשטימען, איז דערצו אויך פאראן אן עצה: קלעפ און פייניגונג, און אזוי ווי עס איז טאקע דער מנהג פון א היידנישעס (געצענדיענערישעס) פאלק אין סיביר, דאס זיי נעהמען מיט זיך אין וועג זייער געטציק, און ווען זיי ברויכען עפעס, בעטען זיי עס פון איהם צוערשט מיט געבעט, און ווען ער ערפילט ניט זייער ביטע, ווי עס איז זעלבסט פערשטענדליך, שלאגען זיי איהם מיט געוואלטיגע קלעפ, און דראהען איהם דאס זיי וועלען איהם אריינווארפען אין פייער *).

און הגם דער שכל זאגט איהם אז קיין אנדערע אויסער גאט איז ניטא, פונ־דעסטוועגען ציעהט איהם דאס הארץ צו גלויבען אין די אבגעטער, צוליעב זיין האפענונג אז מיט זיי וועט ער קענען בעסער דורכקומען, אז זיי זאלען ערפילען זיין פערלאנג אמבעסטען, און דעריבער האט דאס דער פסוק ארויסגעגעבען דורכ'ן לשון זנות,

---

*) עס וואלט זיך ניט לוינען אבצושטעלען אויף דיעזע זאך וועלכע געהערט צו דער אלט־היסטארישער פערגאנגענהייט, גאר איך האב עס געטאן צוליעב דעם וואס מיר זעהען אז די אייניקלעך פון די קאלב דיענער טהוען היינט אויך נאך זייערע זיידעס אין פיעלע הינזיכטען, און איבערהויפט אין דעם הינזיכט פון אויסזוועהלען רבנים, אז אין דעם עצם זאך אליין, אז אין דעם מאטיוו וואס עס בעוועגט זיי דאצו.

צוליעב דעם וואס דאס איז אויך דערזועלבער וועג פון דער זונה, דאס הגם זי ווייס אז איהר מאן איז איהר איינציגער געזעצליכער מאן און הערשער, פונדעסטוועגען ציעהט איהר דאס הארץ צו פרעמדע, צוליעב דעם וואס זי רעכענט אז זיי וועלען בעסער ערפילען איהר תאוה, און די ברייתא האט אויך געבראכט א ראיה דערצו פון די רייד פון דעם פסוק: ויזנו אחרי הבעלים און זיי זענען פערפיהרט געווארען נאך די געצען, וואס די כונה דערפון איז ווי מיר האבען דא בעשריעבען.

און דאס איז אויך די ערקלערונג פון דער פארטזעצונג פון דעם זעלבען פסוק: און זיי האבען בעשטימט די עבודה זרה בעל ברית (בונדעס הערר) פאר זייער גאט, דאס מיינט דאס הגם זיי האבען געגלויבט אין גאט האבען זיי אליין בעשטימט איבער זיך א נייעם גאט, און זיי האבען איהם א נאמען געגעבען בונדעס הערר, צוליעב דעם וואס זיי האבען מיט איהם געשלאסען א בונד, וועלכער איז ווי געוועהנליך א פערפליכטונג פון איין זייט מיט א בעשטימטע בעדינגונג וואס די צווייטע זייט ברויכט צו ערפילען, דאס נאר ווען ער וועט איינשטימען צו אלעם וואס זיי וועלען טאן און וועט ערפילען אלעם וואס זיי וועלען פערלאנגען, וועלען זיי איהם אנערקענען אלס זייער הערר און גאט, אבער ווען ער וועט איבערטרעטען די בעדינגונג פון דעם בונד, וועלען זיי איהם אראבזועצען פון זיין אמט (און דאס איז ריכטיג פערקעהרט פון דעם בונד וואס גאט האט געשלאסען מיט די אידען, אין וועלכען ער איז געוועזען דער שליסער פון דעם בונד, דאס ער וועט זיי אנערקענען פאר זיין פאלק מיט די בעדינגונג אז זיי זאלען היטען צו מקיים זיין אלעם וואס ער האט זיי אנגעזאגט), און דער פסוק זאגט ווייטער: און די אידען האבען ניט דערמאהנט זייער אלמעכטיגען גאט, וואס האט זיי גערעטעט פון די הענד פון אלע זייערע ארומיגע פיינד, ד. ה. דאס הגם זיי האבען אין איהם געגלויבט האבען זיי בכיון איהם ארויסגעשלאגען פונ'ם געדאנקען, אז זיי זאלען זיך אן איהם ניט דערמאהנען, און זיי האבען ניט גענומען אין אכט, אז ער איז דער גאט וואס עס לוינט זיי אמבעסטען צו שטעהן אונטער זיין אויפזיכט און פערוואלטונג, ווארום ער האט דאך זיי גערעטעט פון די הענד פון זייערע אלע ארומיגע פיינד.

און דאדורך קען ערקלערט ווערען מיט מעהר געשמאק די רייד פון די ברייתא (סוכה נב): דאס צפוני איז דער יצר הרע וועלכער איז בעהאלטען און געפינט זיך אין מענשענס הארץ, וואס מיר האבען ערקלערט אין אונזער דרוש „דעם יצר הרע'ס שוהלע", אז איהר כוונה איז צו לערנען אונז, דאס הגם דער יצה"ר אין זיין ריכטיגען געשטאלט און כאראקטער איז שטענדיג פערבעהאלטען, ד. ה. דאס זיין שלעכטע כונה, וועלכע איז אנצורעדען דעם מענשען צו אלע נידעריגע און שמוציגע מעשים, איז ניט קענטיג פאר דער וועלט, צוליעב דעם וואס ער היلט איהר איין אין דער הילע (דעקע) פון א בעשטימטע סיסטעם, פונדעסטוועגען געפינט ער זיך אינ'ם מענשענס הארץ, ד. ה. אז ביי דעם רשע אין הארצען איז איהם גוט בעוואוסט און קענטיג די כונה פון דעם יצר הרע, וועמען ער דיענט און פאלגט, וועלכע איז אז ער זאל ערפילען זיין תאוה אהן קיין שום אבהאלט (זעה דארטען).—און יעצט קומען מיר צוצוגעבען דאצו מעהר געשמאק, נעמליך דאס איהר כונה איז דאס דער זינדיגער אורטיילט, אויסוועהלט און בעטראכט זיין וועג מיט'ן הארצען ד. ה. מיט דער תאוה, און ניט מיט'ן קאפ ד. ה. מיט'ן שכל, און דאס איז וואס זי זאגט: און

ער געפינט זיך אין מענשענס האַרץ, ד. ה. דאָס הגם ער בערימט זיך דאָס ער פירט זיך אויף לויט אַ פאָלקאָמענע פילאָזאָפישע און שכל'דיגע סיסטעם, אָבער דער אמת איז, דאָס די אורזאַכע פון זיין אויפפירונג געפינט זיך אין דער תאוה.

און דאַמיט האָב איך פערענטפערט די בעוואוסטע קושיא אויף דעם וואָס גאָט האָט געזאָגט (שמות ז): און איך וועל פערהאַרטעווען די האַרץ פון פרעה און מעהרען מיינע וואונדער און וויטער, און האָט אויך געזאָגט (שמות י): וואָרום איך האָב געמאַכט שווער זיין האַרץ און די הערצער פון זיינע קנעכט, אום איך זאָל קענען טאָן מיינע וואונדער און וויטער, נעמליך דאָס וויבאַלד אַז ער האָט אַליין צוגענומען פון פרעה'ן די מעגליכקייט צו פאָלגען איהם, האָט ער איהם דאָך דאַפיר ניט געברויכט צו בעשטראָפען? נאָר די זאַך איז: דאָס פרעה האָט געברויכט צו פאָלגען דעם עווינען און ניט צו ווידערשפעניגען איהם, צוליעב דעם אַליין וואָס אַזוי האָט איהם געוויס געלערנט זיין ריינער פערשטאַנד, וועלכען גאָט האָט ביי איהם קיינמאָל ניט צוגענומען, אָבער ער האָט ניט געוואָלט הערען וואָס זיין שכל האָט איהם געזאָגט, און איז נאָכגעגאַנגען נאָכ'ן ווילען פון זיין האַרצענס ווילדע תאוה; און גאָט האָט איהם ניט געשלאָגען אום צו מאַכען ווייך זיין האַרץ, וואָרום ווען ער זאָל אַזוי טאָן אַ זינדיגען מוז ער דאָך תשובה טאָן, און ממילא וועט דאָך בטל ווערען זיין בחירה (די מעגליכקייט וואָס איז געגעבען געוואָרען יעדען מענשען אויסצוקלייבען וועלכען וועג ער וויל), נאָר ער האָט איהם געשלאָגען אום צו ווייזען דורכדעם זיינע וואונדער, נאָר ממילא איז אַרויסגעקומען דערפון דאָס זיין האַרץ איז ווייך געוואָרען, ד. ה. ער האָט שוין געוואָלט פאָלגען גאָט, צוליעב דעם וואָס זיין קערפער האָט זיך ערשראָקען פאַר די קלעפּ און ממילא איז זיין תאוה אָבגעשוואַכט געוואָרען, אָבער ניט צוליעב די לעהרע פון זיין שכל, וועלכען ער האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט צוהערען, און דעריבער איז אַרויסגעקומען, דאָס ווען גאָט האָט נאָכדעם פערהאַרטעוועט זיין האַרץ, ד. ה. ער האָט איהם געגעבען מוטה דאָס זיין קערפער זאָל ניט מורא האָבען פאַר קלעפּ, און ממילא איז זיין תאוה געוואָרען ווידער אַזוי שטאַרק ווי זי איז געווען פריהער איידער ער האָט איהם געשלאָגען, האָט ער איהם שוין ווייטער ניט געוואָלט פאָלגען, און דעריבער איז זעלבסט פערשטענדליך דאָס די בעשטראָפונג האָט איהם ריכטיג געקומט. און דאָס איז גענוי אויסגעדריקט אין דעם לשון פון די פסוקים: איך וועל פערהאַרטעווען זיין האַרץ, איך האָב שווער געמאַכט זיין האַרץ, דאָס איז זיין תאוה, וועמעס עצה ער האָט גאָר אינגאַנצען ניט געברויכט צו פאָלגען.

און דאָס איז אויך די ערקלערונג פון אליהו הנביא'ס רייד צו גאָט (מ"א י"ח): און דו האָסט אָבגעווענדעט זייערע הערצער הינטער־ווערטס, דאָס אין פלוג איז זעהר קשה, דאָס ווען אַזוי, איז דאָך דער עווינער כביכול שולדיג אין זייער זינדיגען, וויבאַלד אַז ער האָט בכיון אָבגעווענדעט זייערע הערצער פון איהם אום זיי זאָלען איהם ווידערשפעניגען? נאָר לויט אונזערע פריהערדיגע רייד איז רעכט, וואָרום דער פשט איז: דו האָסט געשטאַרקט זייער תאוה צו זינדיגען, וואָס דאָס קען דער עווינער טאָן, אום צו שטאַרקען די פּראָבע מיט וועלכער ער פּרובט דעם מענשען, צו זעהען, אויב ער וועט קענען ביישטעהן מיט דער הילפע פון שכל געגען דער ווילדער תאוה פון זיין האַרצען.

און דאַמיט ווערען אויך ערקלערט לויט מיין מיינונג די רייד פון רבא בר עולא (שבת לא), אַז דער פשט פון וואָס עס זאָגט דער פסוק (תהלים עג): כי אין

חרצובות למותם ובריא אולם איז, דאס דער עווינגער זאגט: עס איז ניט גענוג דאס וואס די רשעים שרעקען און קימערען זיך ניט פון דעם טאג פון טויט, זאנדערען אויך זייער הארץ איז ביי זיי געזונד ווי א מויער, אין וועלכע עס איז אונז שווער צו פערשטעהן דעם לשון: עס איז ניט גענוג און ווייטער, זאנדערען אויך און ווייטער, וואס דערפון ווייזט אויס אז ער רעדט דא פון צוויי זאכען, און אין פלוג איז דא מעהר ניטא ווי איין זאך, נעמליך דאס צוליעב דעם וואס זיי שרעקען און קימערען זיך ניט פונ'ם טאג פון טויט, איז דעריבער ביי זיי די הארץ געזונד ווי א מויער?

נאר דער אמת'ער פשט דערפון איז אזוי, דאס אויסער דעם וואס דער ערהאבענער שכל זאגט ניט די רשעים אז זיי זאלען זיך שרעקען און קימערען פון דעם טאג פון טויט, וואס דאן וועלען זיי מוזען אבגעבען דין וחשבון אויף אלע זייערע מעשים וואס זיי האבען געטאן צייט זייער לעבען, וואס דאס איז טאקי ניטא וואס צו בעוואונדערען, ווארום דער ערהאבענער שכל איז שוין ביי זיי לאנג פערלארען געגאנגען ווי אויבען; נאר אפילו אויך זייער הארץ, ד. ה. זייער קערפערליכע תאוה און געפיהל, וואס אמווענינגסטען האבען זיי דאך געברויכט צו ווערען אבגעשוואכט און צובראכען פון דער ערינערונג פונ'ם טאג פון טויט, וועלכע דארף נאטירליך ווירקען אויף יעדען מענשען ווי פערשטענדליך, און ווי די גמרא (ברכות ה) זאגט: דאס ווען קיינע אנדערע מיטלען ווירקען ניט אויפ'ן יצר הרע זאל דער מענש איהם דערמאהנען דעם טאג פון טויט, אבער ביי די אמתע רשעים איז דיעזעס אויך ניט גילטיג, ווארום ביי זיי איז די הארץ געזונד ווי א מויער, וואס עס ערוועקט זיך ניט און ערשרעקט זיך ניט פון דער ערינערונג פון קיין שום זאך אין דער וועלט.

און דורך די אלע פאריגע רייד אונזערע קומען מיר צו צו דער ערקלערונג פון די רייד פון דעם קאפיטעל תהלים וועלכער געפינט זיך אין אנפאנג פון אונזער דרוש: „דער אויסוואורף האט געדענקט אז עס איז קיין גאט ניטא“, און אום עס זאל ניט זיין קשה ווארום ווערט ער דאפיר אנגערופען אויסוואורף, וויבאלד אז לויט זיינע רייד לערנט דאך איהם זיין שכל צו לייקענען אין גאט, און ממילא קען מען דאך איהם מעהר ניט אנרופען ווי פערפיהרטער? דעריבער ערקלערט אונז דער פסוק אז די זאך איז ניט אזוי, ווארום „ער דענקט דאך דאס מיט'ן הארצען“, ד. ה. דורך דעם ראט און ווילען פון זיין תאוה וועמעס ארט עס איז אין הארצען, און ניט דורך די לעהרע פון שכל וועמעס ארט עס איז אין קאפ ווי אויבען, און דעריבער קען ער פאר קיינפאל ניט אנגערופען ווערען פערפיהרטער פילאזאף, נאר איינפאכער בעל תאוה'ניק; און א בעווייז דאצו איז דאס וואס דיעזער סארט מענשען „זענען בעגאנגען די פערדארבענסטע און ערגסטע און דאצו אויך די עקעלהאפטסטע און שענדליכסטע מעשים אין דער וועלט“, וואס אפילו דער קלענסטער און איינפאכסטער שכל מוז אויך ערקענען זייער פערדארבענהייט און שענדליכקייט, און ממילא האבען זיי דאך אין וואס עס אנבעלאנגט צו זיי ניט געקאנט פערפיהרט ווערען.

און אום מען זאל ניט קענען מיינען אז זיי בענעהען זיך אזוי נאר אין די זאכען וואס עס אנבעלאנגען צו גאט אליין, אין וועלכען זיי גלויבען ניט, אבער ניט אין זאכען וואס עס אנבעלאנגען צו לייטען, וועלכע זיי אנערקענען אויך, און נאך מעהר, דאס זיי זאגען דאס די איינציגע פפליכטען פון דעם מענשען אויף דער וועלט זענען אבצוהיטען זיך פון צו טאן שלעכטעס דעם צווייטען, און פערקעהרט: צו העלפען

איהם ווי ווײַט עס איז נאָר מעגליך,—דאַרום זאָגט ער אַז דער אֱמת איז ניט אַזוי, „דען זיי טוען אויך די פערדאָרבענסטע און שענדליכסטע עולות” (וואָס דאָס בעדײַטעט שלעכטעס וואָס איינער טוט דעם צווייטען ווי בעוואוסט), און אַזוי ווי מיר זעהען ווירקליך די מעשׂים פון די געגענווערטיגע סאָציאַליסטען אַנאַרחיסטען און אַטהעאיסטען, דאָס זיי האַלטען זיך ניט אָב פון צו בעגעהן מערדערייען גנבות און פערפיהרען פרעמדע פרויען, אום צו ערפילען די תּאוה פון זייער אויסווירפליכע זעלע, וועהרענד זיי האַלטען אין איין טענה'ן אַז זייער איינציגער צוועק איז דאָס גליק און וואָהלזיין פון דער מענשהייט; און אום מען זאָל ניט קענען מיינען דאָס פיעללייכט האָט עפּעס אַ ווערט זייער בעריהמען זיך אַז זיי טוען שלעכטעס צו איינצעלנע פערזאָנען, אום עס זאָל אַרויסקומען דערפון איין אַלגעמיינער גליק פאַר דער גאַנצער וועלט, דאַרום זאָגט ער: „קיינער פון זיי טוט קיין גוטעס נישט”, מיט זיין פערדאָרבענסטע און עקעלהאַפטסטע עולה, דען מיר האָבען נאָך ניט געזעהען דאָס פון זייערע מעשׂים זאָל אַרויסקומען וועלכע עס איז גוטעס, סײַ צו אַ אַלגעמיינע סײַ צו איינצעלנע פערזאָנען, זאָגאַר די קלענסטע, און דערפון זעהט מען, דאָס זייער צוועק איז ניט צו טאָן גוטעס נאָר שלעכטעס.

ווײַטער זאָגט דער פּסוק: „גאָט האָט פון הימעל אַראָבגעקוקט אויף דעם מענשען”, דאַמיט שטעלט אונז דוד המלך פאַר, אַזוי ווי ווען דער עוויגער האָט געוואָלט משפּט'ן די וואָס לייקענען אין איהם, האָט ער זיך געוואָלט פריהער ערקונדיגען אין זייער שולד געגען איהם דורך זיין זעהען, און ניט דורך זיין וויסען אַליין, און אַזוי ווי מיר געפינען אויך אין דעם ענין פון סדום, דאָס דער עוויגער האָט געזאָגט: איך וועל אַראָב געהן און זעהען, אויב זיי האָבען געטאָן אַזוי פיעל שלעכטעס ווי מען שרײַט צו מיר אויף זיי? און ווי אונזערע חכמים האָבען דאָרטען ערקלעו'ט; און אויך דאָ האָט זיך דער עוויגער געמאַכט אַזוי ווי ער איז כּביכול אין ספק, דאָס טאָמער דוכט זיך זיי אוים לויט זייער ניעדעריגען און טעמפּען פערשטאַנד, אַז זיי זוכען נאָכצופאָרשען די גאָטהייט מיט אַנ'אֱמת, און זיי דענקען דאָס זיי זענען גערעכט אין זייער אָבלייקענונגס רעזאָלוציאָן, און הגם באֱמת איז עס אַלעס פאָרגעקומען אונטער דער ווירקונג און לייטונג פון זייער תּאוה, אָבער צוליעב איהר גרויסער שליטה אויף זיי און די שוואַכהייט פון זייער שׂכל בעמערקען זיי עס ניט, און זיי מיינען אַז עס איז אַלעס פאָרגעקומען בײַ זיי אונטער דער ווירקונג און לייטונג פון דעם שׂכל, ווײַל דאָס וואָס ער זעהט און פערשטעהט די שוואַכקייט און פאַלשקייט פון זייער חקירה (פאָרשונג מיט'ן שׂכל, זעה אויבען) איז דאָך ניט קיין בעווײַז, דאָס ז׳ י׳ מיט זייער שוואַכען פערשטאַנד וועלכער איז אונטערטעניג צו דער תּאוה, פערשטעהען אויך אַז זייער גאַנצע חקירה איז מעהר ניט ווי נאַרישקייט און פּלוידערײַ; און דאַריבער האָט גאָט אַראָבגעקוקט פון הימעל, ד. ה. פון זיין הויכע שטופע, אויף די ניעדעריגע מענשען, און די כּוונה איז דאָס ער האָט זיין אונענדליכען פערשטאַנד כּביכול מצמצם געווען (בעשרענקט ד. ה. פערקלענערט), אום ער זאָל זיך קענען אַרונטערלאָזען צו פערשטעהן וואָס עס קומט פאָר אין דעם מענשליכען ניעדעריגען שׂכל, „צו זעהען אויב עס איז פאַראַן אַ גוט דענקענדער מענש וואָס זוכט גאָט” ד. ה. וואָס קליגט זיך צו פאָרשען גאָטהייט אַמוועניגסטען מיט'ן ווילען צו דערגעהן דעם אֱמת, הגם ער דערגעהט איהם ניט, „האָט דער עוויגער געזעהען אַז ער איז אינגאַנצען”, ד. ה. די גאַנצע קלאַסע אָבלייקענער, „האָט זיך אָבגעקעהרט פון דעם ריכטיגען וועג”.

נאָך בעפאָר זיי האָבען זיך געוועהנט די צונג צום פלאַפלען אפּיקורסישע רייד, „צוזאַמען זענען זיי פערדאָרבען געוואָרען“, דורכדעם וואָס זיי האָבען געטאָן די פערדאָרבענסטע און עקעלהאַפטסטע מעשים וואָס זענען געגען יעדען מענשליכען פערשטאַנד און געפיהל, „קיינער פון זיי טוט קיין גוטעס נית“, מיט זיינע שלעכטע מעשים, דאָס מיינט דאָס זיי פיהרען ניט צו קיין שום גוטען צוועק, דאָס דאַמיט זאָלען זיי זיך קענען פערענטפערען אויף דעם וואָס זיי האָבען זיי געטאָן, „עס געפינט זיך קיין איינער אויך ניט“, וועלכער זאָל זיין אַ אויסנאַהם פון זיי; און פון דעם האָט ער זיך איבערציינגט, דאָס זיי האָבען די אפּיקורסות מעהר ניט גענומען ווי פאַר אַ מאַסקע, אום צו פערדעקען מיט דעם עטוואָס די שאַנדע פון זייערע עקעלהאַפטע מעשים, און זיי אַליין וויסען די פאַלשקייט פון זייער אָבלייקענונג און די נידעריגקייט פון זייערע מעשים צוזאַמען.

לויט דעם וועג פון דרוש קען מען ערקלערען די רייד פון פסוק: „קיינער פון זיי טוט קיין גוטעס ניט קיין איינער אויך ניט“, אַז זיי זענען געווענדעט געגען די אפּיקורסים וואָס זאָגען, דאָס אום צו פעסטשטעלען דאָס טאָן גוטעס דעם צווייטען און אויסמיידען פון צו טאָן איהם שלעכטעס אַלס די איינציגע פפליכטען פון דעם מענשען, לייקענען זיי דעריבער אין גאָט און אין רעליגיאָן; אָבער באמת איז עס פערקעהרט, דען „קיינער פון זיי טוט קיין גוטעס ניט“, דאָס מיינט: דאָס צוליעב דעם וואָס זיי ווילען זיך אויסדרעהען פון צו טאָן אירגענד וועלכע גוטעס, דאַרום איז „קיין איינער אויך ניטאָ“, ד. ה. לייקענען זיי אָב אין דעם איינציגען גאָט וועלכער האָט בעשאַפען די וועלט; דען אין דער טהאַט איז די רעליגיאָן דער איינציגער יסוד אויף וועלכען פילאַנטראָפּיע און וואָהלטעטיגקייט זענען געגרינדעט, און אויך דער הויפּט זייל אויף וועלכען זיי שטיצען זיך, און אָהן איהר ווערען זיי געפּראַקטיצירט זעהר ווייטלויפיג און אין אויסנאַהמספעלען, וואָרום הגם דאָס דער גרעסטער טייל מענשען האָבען אין זיך פיעל געבאָרענע גוטע זיטען, אָבער פיעל סבות שטעהען דעם מענשען אין וועג, דאָס ער זאָל זיך טהאַטזעכליך ניט בענוצען מיט זיי, נעמליך זיין בעגעהרונג לוקסוס אין גרויסע מאַסען, און זיין אונבעגרענצטעס געלדגייץ וואָס מען קען איהם ניט צופריעדען שטעלען מיט די גרעסטע סומען געלד אין דער וועלט, און אויך דאָס וואָס ער האַסט און פעראַכטעט אין אַלגעמיין דעם צווייטען, וואָס עס ברענגט איהם מיט אַז ער זאָל איהם רעכענען אַ.ס אַליין שולדיג אין זיין אומגליק, און דאָס דאַריבער ברויכט מען איהם ניט צו העלפען, און נאָך פערשיעדענע סבות.

און איך רעכען אַז עס וועט איבעריג זיין צו ברייגנען אַנדערע ראיות אויף די וואָהרהייט פון מיינע רייד, נאָכדעם ווי איך וועל דערמאָהנען דעם בעוואוסטען פאַקט, דאָס דער צושטאַנד פון אַלע גוטע זיטען און וואָהלטעטיגקייט אין אַמעריקאַ איז זעהר אַ שוואַכער, און דאַגעגען קומען דאָרטען פאָר פיעלע גנבות גזלות און שווינדלערייען און אויך מערדערייען, צוליעב דעם וואָס דער צושטאַנד פון רעליגיאָן איז אין איהר זעהר שוואַך, און די אָבלייקענער זענען אַזוי ווייט איינגעוועהנט צו טאָן שלעכטעס, דאָס עס איז רעכט ביי זיי אַרויסצוברייגנען סטרייקען [וועלכע שטאַמען אָב נאָר פון דער העצעריי פון די סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען] אומצוברייגנען זיך אַליין מיט די אייגענע הויז געזינד פון הונגער, אַבי נאָר אָנצומאַכען שאָדען די פאַבריקאַנטען, און דאָס שטאַמט פון זייער שטאַרקען חשק צו טאָן שלעכטעס, וועלכער איז שוין ביי זיי געוואָרען אַ צווייטע נאַטור, צוליעב דעם וואָס זיי האָבען עס זעהר פיעל געפּראַקטיצירט.

און מיט די אַלע פאָריגע רייד אונזערע קומען מיר ענדליך צו דער ערקלערונג.

פון רבה בר בר חנה'ס ערצעהלונג, מיט וועלכער מיר האבען אנגעפאנגען דיזען דרוש, נעמליך: „א מאל האבען מיר געררייזט אין א שיף.” דאס האט ער גערעדט על פי משל (אלעגאריש), און זיין כונה איז אזוי: מיר האבען געשמועסט מיט אונזער שכל איבער דער וויסענשאפט, וועלכע איז מליצה'דיג גענליכען צו וואסער ווי בעוואוסט, אום אויסצוגעפינען אין איהר די שטעלע פון וועלכער מענשען קענען פערפיהרט ווערען, אז זיי זאלען זיך קענען בעריהמען דאס זיי האבען די מעגליכקייט אויפצוּוועקען די פרוים פון איהר די וואהרהייט פון זייער פאלשע סיסטעם: אז עס איז ניטא קיין גאט און קיין רעליגיאן און קיין תורה; דען ווער ערקלערט נאך אזוי גוט ווי די וויסענשאפט דעם עווינענם קינסטליכע מעשים און אונגעהייערע וואונדער? און ווער ערקלערט נאך אזוי גוט ווי זי, די טיעפע חכמה און אבסאלוטע גערעכטיגקייט פון די דינים פון אונזער הייליגער תורה, דאס דערפון זעהט מען דייטליך ארוים דאס עס איז פאר קיינפאל ניט מעגליך דאס דער מענשליכער בעגרענצטער שכל זאל קענען נאכמאכען אזעלכע? און דאס אלעס ווערט געמיינט אין דעם טיעף מליצה'דיגען אויסדריק פון רבה בר בר חנה: „מיר האבען געררייזט אין א שיף,” ד. ה. מיר האבען ארום געשוואומען אין אונזער געדאנקען איבער די וואסער פון דער וויסענשאפט, „האבען מיר געזעהען”, דאס הייסט אויסגעפונען, דאס די אורזאכע דערפון איז „א פויגעל”, ד. ה. דאס וואס דער אבלייקענער האלט זיך פאר א חכם וואס ווייס און פערשטעהט ווי צו פארשען דעם עוויגענם וואונדערבארע מעשים, און די גרויסע חכמה מיט וועלכער ער האט געבויט די וועלט [און ער ווערט אנגערופען מליצה'דיג: פויגעל, דען א פויגעל פליעהט גאנץ הויך און עס דוכט זיך אונז אוים אז ער איז זעהר נאהענט צום הימעל, און דעריבער קען ער בעסער בעטראכטען די שענהייט פון דעם עוויגענם ווערק]; אבער אין דער אמת'ן „איז ער געשטאנען מעהר ניט ווי ביז די קנעכלעך אין וואסער”, ד. ה. ער האט מעהר ניט געלערנט ווי א ביסעל וויסענשאפט וואס איז געגליכען צו וואסער; און בעמערקט נאר די שענהייט פון דעם מליצה'דיגען אויסדריק „געשטאנען ביז די קנעכלעך אין וואסער”, ד. ה. ער האט איינגעטונקט מעהר ניט ווי די ענדען פון זיינע פים אין די וואסער פון דער וויסענשאפט, און אינגאנצען איז ער געשטאנען אויסער איהר, און פונדעסטוועגען „האט ער מיט'ן קאפ דערגרייכט דעם הימעל”, ד. ה. דאס ער הויבט אויף דעם קאפ צו זאגען א מיינונג און דיספוטירען אין זאכען וועלכע שטעהען העכער פון זיין פערשטאנד און קענטנים, ווי עס איז הויך דער הימעל פון דער ערד [אדער דאס די כונה איז, דאס ער הויבט אויף דעם קאפ מיט העזה און חוצפא געגען הימעל, צו זאגען אז עס איז קיין גאט ניטא, און זיך אויסצולאכען פון דער רעליגיאן און דער תורה].

ווייטער דערצעהלט רבה „האבען מיר געזאגט דא איז ניטא קיין וואסער”, ד. ה. עס איז דאך גאר כמעט קיין וויסענשאפט ניטא אין קאפ פון דעם פוסטען און פלוידערנדען מענשען, און דעריבער „האבען מיר געוואלט אראבניעדערען”, ד. ה. ערניעדעריגען זיך צו רייידען מיט'ן מענשען, און אויפווייזען איהם זיינע פוסטע בעריהמערײַ, לייכטזיניגקייט און פאלשקייט; און ניט אום אויסצובעסערען איהם, ווארום שלמה המלך האט שוין לאנג געזאגט (משלי ב), „אלע וואס קומען צו איהר (צו אפיקורסות) וועלען זיך שוין ניט צוריקקעהרען, און וועלען ניט דערגרייכען די וועגען פון לעבען”, וואס די ערקלערונג פון דעם פסוק לויט מיין מיינונג איז אזוי: „אלע וואס זענען פערפיהרט געווארען אין דער וועג פון אבלייקענונג און אפיקורסות וועלען זיך ניט וועלען צוריקקעהרען”, ווייל עס

זיי שוין זיין זים דאָס אומרייניגער ברויט און די שמוציגע וואַסער פון אפּיקורסות, און
וויבאַלד אַז אַפילו פריהער האָבען זיי זיך ניט געקאָנט שטאַרקען איבער זייער תאוה
ניט צו ווערען קיין אפּיקורסים, איז מכל שכן אַז זיי וועלען יעצט, נאָכדעם ווי זיי זענען
שוין געוואָרען אַפּיקורסים, זיך ניט קענען שטאַרקען איבער זייער תאוה צו חוזר בתשובה
זיין; „און זיי וועלען ניט דערגרייכען די וועגען פון לעבען“, ד. ה. דאָס אַפילו מיר זאָלען
זיך פאָרשטעלען אין אונזער געדאַנקען אַז אימיצער פון זיי וועט זיך וועלען צוריקקעהרען
צום ריכטיגען וועג, וועט ער אָבער שוין דאַן ניט קענען פערשטעהן מיט זיין שכל די
וועגען פון דער רעליגיאָן און דער תורה, וואָס זענען וועגען פון לעבען פאַר די וואָס
געהען אין זיי, ווייל זיין פערשטאַנד איז שוין לאַנג פערטעמפּט געוואָרען, און ער בעזיצט
שוין מעהר ניט דעם געטליכען שכל וועלכער פיהרט דעם מענשען אין דעם וועג וועלכער
איז גוט פאַר איהם; און דאַרום האָבען מיר שוין ניט געהאָפט איהם צו מחזיר בתשובה
זיין דורך אונזער דיספּוטירען מיט איהם, נאָר מיר האָבען עס געוואָלט טאָן „אום אָב־
צוקיהלען אונז“, ד. ה. דאָס דורכדעם וואָס מיר וועלען איהם אויפווייזען זיין נאַרישקייט
און פאַלשקייט וועלען מיר אַ ביסעל אָבקיהלען דעם העלישען פייער פון קנאת ה׳ צבאות
(אייפער פאַר גאָטעס עהרע) וועלכע האָט זיך אין אונז אָנגעצונדען, זעהענדיג דאָס
אַזעלכע פּוסטע יונגען אין וועלכע עס איז גאָר כמעט ניטאָ קיין ריח פון וויסענשאַפט
האָבען נאָך די העזה צו בעריהמען זיך, אַז זיי האָבען די מעגליכקייט אויפצוווייזען די
וואַהרהייט פון זייער סיסטעם, „איז אַרויס אַ בת קול און האָט אונז געזאָגט: איהר זאָלט
דאָ ניט אַראָבניעדערען“, ד. ה. עס לוינט אייך ניט זיך אַרונטער צו לאָזען צו דיס־
פּוטירען מיט איהם, דען עס וועט דערפון ניט אַרויסקומען קיין שום נוץ, דען ער וועט
קיינמאָל ניט אָנערקענען זיין נאַרישקייט, „וואָרום עס איז אַראָבגעפאַלען ביי אַ סטאָליער־
מייסטער אַ האַק“, ד. ה. עס האָט שוין געפיהרט אַ ויכוח מיט דיזען קלאַס מענשען
אַ קינסטליכער מייסטער אין דעם אַרט פון פיהרען ויכוחים, און ער האָט זיך דאַביי
בענוצט מיט זיין האַק, ד. ה. זיין שאַרפע צונג מיט וועלכער ער האָט געהאַקט פלאַם
פייערדיגע רייד, „שוין צייט זיבען יאָהר“, דאָס איז אַ מליצה׳דיגער אויסדריק אויף די
זיבען חכמות וואָס זענען פאַראַן אין דער וועלט [לויט דער פערצייטיגער איינטהיילונג
פון דער וויסענשאַפט], און די כונה איז, דאָס פון אַלע זיבען חכמות האָט ער זיי אויפ־
געוויזען די וואַהרהייט פון דער תורה און דער אמונה, און די פאַלשקייט און פּוסטקייט
פון זייער שיטה, „און עס האָט נאָך ניט דערגרייכט צום גרונד“, ד. ה. ער האָט ניט
געקאָנט קומען מיט זיי צו אַן׳ענדע: צודורכפיהרען מיט זיי דעם ויכוח ביז׳ן סוף, און
צווינגען זיי אַז זיי זאָלען זיך מודה זיין אַז דער אמת איז מיט איהם.

אַם ענדע גיעט נאָך רבה צו: „און ניט מחמת די וואַסער איז זעהר פיעל“, ד. ה.
דאָס וואָס ער האָט זיי ניט געקאָנט בעזיעגען איז ניט געווען ווייל זיי בעזיצען פיעל
קענטניסע, „נאָר גראַדע פערקעהרט: מחמת די וואַסער איז זעהר לויפיג“, ד. ה. צוליעב
דעם וואָס דאָס ביסעל פערשטאַנד וואָס זיי האָבען איז ניט גענוג שטאַרק און סאָליד,
דאָס זיי זאָלען קענען דורך איהם פערשטעהן און בעאורטיילען וועלכע זאַך עס איז; און
די אורזאַכע דערפון איז וואָס ער איז זעהר לויפיג, ד. ה. וואָס ער לויפט שטענדיג זעהר
נאָך דעם הערצענס תאוה, צו מיטשטימען מיט איהר און צו ערפילען איהרע פאָדערונגען
ומען קען אויך זאָגען, אַז די כונה פון דאָס וואָס ער זאָגט: די וואַסער איז זעהר לויפיג
איז, דאָס די וויסענשאַפט פון דיזע לייט ווערט שטענדיג אַרומגעטריבען און איבער־
געטראָגען פון איין אָרט אין דעם אַנדערען, דען ווען זיי ווערען בעזיעגט אין אַ ויכוח

זאָגען זיי אז זיי זענען ניט די ריכטיגע מומחים (ספּעציאַליסטען, עקספּערטען) אין דיעזער זאַך, אָבער יענער ווייס געוויס וואָס צו ענטפערען, און אז דו ווילסט זיך נאָכ־יאָגען נאָך יענעם און ווילסט איהם אויך בעזיגען, וועט ער דיר זאָגען דאָס אַן אַנדערער ווייס וואָס צו ענטפערען, און אַזוי ווייטער, און אָט דאָס איז די כונה פון זיין אויס־דריק: „די וואַסער איז זעהר לויפיג”, ד. ה. מליצה'דיג דאָס זייער וויסענשאַפט איז שטענדיג אין וועג, און זי לויפט אַזוי געשווינד דאָס עס איז אונמעגליך איהר אָנצוזאָגען, און דעריבער קען זיך קיין ויכוח מיט זיי פאַר קיין פאַל ניט פערענדיגען.

„קומט רב אַשי און זאָגט: יענער פויגעל'ס נאָמען איז זיז שדי”, רב אַשי מיינט צו מאַכען אונז אויפמערקזאַם, אַז דאָס וואָס רבה בר בר חנה האָט אונז ערצעהלט, דאָס די אַפּיקורסים פון זיין צייט זענען פערפיהרט געוואָרען דורכדעם וואָס זיי האָבען זיך פערלאָזען אויף זייער שוואַכען און לייכט אירדענדיגען פערשטאַנד, איז דאָס נאָך אויך מעהר ניט געווען ווי אין זיין צייט, אָבער אין רב אַשי'ס צייט זענען די מענשען ערגער געוואָרען אויף אַזוי פיעל, דאָס זיי פרעגען שוין גאָרניט דעם ראַט פון זייער שכל, נאָר זיי טוען אַלעס וואָס זייער האַרץ געלוסט, און דאָס איז וואָס ער זאָגט: יענער פויגעל ד. ה. דער אַפּיקורס וואָס איז נאָך כלומר'שט ווי עס איז ווערט געוועזען אָנצוגערופען ווערען אין רבה'ס צייטען מיט'ן נאָמען פויגעל, מחמת ער האָט נאָך כלומר'שט געפלוידערט וויסענשאַפטליך, אום אויסצוגעפינען אַ בעגרינדונג פאַר זיין פערדרעהטע און פאַלשע סיסטעם, איז אין דער יעצטיגער צייט שוין מעהר ניט ווערט צו טראָגען אויף זיך דיעזען נאָמען, וואָרום ער איז יעצט אַ זיז שדי, ד. ה. אַ שרץ וואָס קריעכט און פּויזשעט אויף דער ערד, ניט צוליעב קיין אַנדער צוועק און רעכענונג, אויסער אום אויסצוגעפינען וועלכע עס איז שמוציגע און עקעלהאַפטע זאַך צום עסען, און דער נאָמען זיז איז פון דעם לשון „לוזז” צו קריעכען, ד. ה. אַ קריעכענדיגע זאַך; און דאָס מיינט אויך דער פּסוק וועלכען רב אַשי האָט געבראַכט פאַר אַ ראיה צו זיינע רייד, נעמליך „ידעתי עוף הרים”, ד. ה. איך קען פון לענגסט אָן די פויגלאַך וואָס פליהען איבער די בערג, ד. ה. די וואָס האַלטען זיך פאַר פילאָזאָפען, וואָס זיי דוכט זיך אָב אַז זיי זענען פעהיג צו שוועבען מיט זייער שכל איבער די הויכע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, אום אויפצולעזען זיי (און דאַרום רופט מען זיי „עוף” פון דעם לשון „לעוף” צו פליהען), און זייער שטאַרקע תאוה האָט זיי פערפיהרט דאָס זיי האָבען מיר פערלייקענט אינגאַנצען, אָבער אַזעלכע ניעט שוין היינט מעהר ניט, דען יעצט איז מעהר ניט ווי דער זיז שדי מיט מיר, ד. ה. די וואָס פלאַפּלען מיט די צינגער אום מיר אָבצולייקענען זענען ניט מעהר ווי איינפאַכע שרצים וואָס קריעכען אויף דער ערד, וואָס זייער כונה איז נאָר צוערפילען זייער ניעדעריגע תאוה, און די אַפּיקורסות האָבען זיי נאָר גענומען פאַר אַ תירוץ, אום זיי זאָלען מעגען טאָן וואָס זייער האַרץ געלוסט, ניט ברויכענדיג דאַמיט צו שעמען זיך.

און דאָס איז אויך לויט מיין מיינונג די ערקלערונג פון דעם פּסוק (תהילים עג): „שתו בשמים פיהם” זיי האָבען געטאָן גרייבען מיט זייערע מיילער ביז'ן הימעל, ד. ה. זיי בעריהמען זיך דאָס זיי זענען פעהיג צו דענקען און רעדען וועגען גאָטהייט און אָבלייקענען דאָס, אָבער באמת איז זייער כונה און צוועק דאָס: „ולשונם תהלך בארץ” זייער צונג זאָל אַרומגעהן איבער דער ערד, ד. ה. אום זיי זאָלען קענען חאַפּען מיט'ן צונג אירגענד וועלכע שמוציגע און עקעל־האַפטע זאַך וואָס וואַלגערט זיך אויף דער ערד, וועלכע עס שמעקט זיי דוקא דערפאַר זעהר גוט, ווי עס איז די נאַטור פון די שרצים וועלכע יאָגען זיך נאָך צו עסען דוקא וואָס עס איז מעהר שמוציג און מעהר עקעלהאַפטיג. און דער עוויגער זאָל אונז אויסהיטען דערפון, ובא לציון גואל במהרה בימינו און עס זאָל קומען אין גיכען אַן ערלעזער צו ציון אָמן.